STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07386

BLUT OYF DER ZUN

Grigory Vinokur

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הערשל וויינרויך

בלוט אויף דער זון

(יידן אין סאָוועט-רוסלאַנד)

פאַרלאַג „מענש און ייד"

תש"י ברוקלין — ניו יאָרק 1950

"BLOOD ON THE SUN"

(Jews in the Soviet Union)

By

Herschel Weinrauch

Copyright, 1950, *by Herschel Weinrauch*
7602 — 21 Ave. Brooklyn 14, N. Y.

Printed in U. S. A.
RAUSEN BROS.
417 Lafayette Street
New York 3, N. Y.
GRamercy 3-5536

אינהאַלט:

1. ליבע לויט באַפעל — זייט 5

דאָס לעבן פון אַ סאָוועטישן יידישע שרייבער און לויטינאַנט פון דער רויטער אַרמיי. — פאַר וואָס און ווי אַזוי ער איז אַנטלאָפן פון סאָוועט־רוסלאַנד — אויסגעריסענע בלעטלעך פון אַ לעבנס־געשיכטע.

2. בלוט אויף דער זון — זייט 125

אַ געשיכטע וועגן יידן אין סאָוועטן־רוסלאַנד, אַ טראַגישן לעבן פון אַ פאַרטיליקט פאָלק אונטער אַן אייזערנעם פּאָרהאַנג.

3. דער אויפשטאַנד פון די טויטע — זייט 184

נאָטיצן און בילדער וועגן פאַרשוואונדענע, פאַרפּייניקטע און געשטאָרבענע יידישע שרייבער אין סאָוועטן־רוסלאַנד.

ליבע לויט באַפעל

דאָס לעבן פון אַ סאָוועטישן יידישן שרייבער און לויטינאַנט פון דער רויטער אַרמיי. — פאַר וואָס און ווי אַזוי ער איז אַנטלאָפן פון סאָוועט־רוסלאַנד. — אויסגעריסענע בלעטלעך פון אַ לעבנס־געשיכטע.

.1

דאָס ערשטע מאָל פאַר 23 יאָר טו איך אויס פון זיך דעם קינסטלער־רישן מאַנטל און הויב אָן צו שרייבן די געשיכטע פון מיין לעבן אַזוי ווי עס האָט מיט מיר פּאַסירט. איך רוף ניט צו הילף די מוזע מיט די קאָלירטע פאַרבן און די נאַטור־שיינקייט אימפּאָנירט ניט די האַנדלונגען. פון מיר רעדט איצט אַרויס אַ געליטענער מענש, וואָס וויל, אַז זיין שטים זאָל דערהערט ווערן אין דער גרויסער וועלט און מען זאָל וויסן דעם אמת פון יענעם לאַנד, מען זאָל וויסן, ווי טראַגיש און פאַרפּלאָנטערט עס איז דאָס לעבן פון יעדן מענשן דאָרט, גראָד אין יענעם לאַנד, צו וועלכן מיליאָנען פאַרבענקטע און זוכנדיקע מענשן ווענדן זייערע בליקן.

איך האָב דורכגעמאַכט אַ פאַרפּלאָנטערט, אומרואיק און געוואַגט לעבן.

דער געדאַנקן־גאַנג פירט מיר צו מיין פאַרוואָרפן שטעטעלע אין דער אַמאָליקער קיעווער גובערניע, אַ שטעטעלע, וועלכעס עס איז דאַכט זיך אויף קיין שום געאָגראַפישער מאַפּע ניט באַצייכנט. יידן האָבן עס גערופן אָכרימאָווע, אין די אָפיציעלע פּאַפּירן האָט עס געהייסן סאַרנע. דאָרט איז געבוירן געוואָרן דער יידישער שרייבער דוד בערגעלסאָן און אויך

איינער פון די גרעסטע וועלט־באַרימטע שאָך־שפּילער. אַלס קינד געדענק איך זיך אויך אין אָדעס, אויף דער מאַלדאַוואַנקע, אין אַ קאָמפּאַניע פון מישקע יאַפּאָנטשיקעס חברה־לייט. איך האָב זיך אַרויסגעריסן פון דער מאַלדאַוואַנקעס אונטערוועלט, פאַרלאָזט מיין שטיף־טאַטעס אָרימע שטוב און בין אַוועק אין דער בראָדער שוהל, צו פּיניע מינקאָווסקי אַלס משורר. דערנאָך, האָב איך אויך געזונגען אין דעם קינדער־כאָר פון דער אָדעסער אָפּערע און האָב אנטייל גענומען אין די אָפּערעס : „קאַרמען", „ווערטער", „פּיקאָווע דאַמע" און "דאָס לעבן פאַרן צאַר".

אָבער קיין גליקלעכער בין איך קיינמאָל נים געווען. איך בין שוין אַזוי געוואוינט געווען צו טרעפן אויף מיינע וועגן שלעכטע, נשמהלאָזע מענשן, אַז ווען איך האָב זיך באַגעגנט מיט גוטע, האָב איך געמיינט — „גאָט אַליין האָט זיי מיר פונעם הימל צוגעשיקט".

שוין אין ערשטן יאָר פון מיין געבוירן האָט זיך צווישן מיינע עלטערן אָפּגעשפּילט אַזאַ טראַגעדיע, אַז מיך, דאָס פּיצל קינד, האָט מען געמוזט „אַרויסוואַרפן" אויפן פּראָסט. אַ פּאָליציאַנט האָט מיך אויף דער גאַס געפונען און צוריק צו מיינע צוקריגטע עלטערן אַ „היים" געבראַכט...

אין קיין צרות בין איך קיינמאָל נים זשעדנע. אַלע מאָל שלעפּט מיך אַ נייער „גוטער פריינט" אריין אין אַ נייער בלאָטע. אַלע מאָל טרעפט אין מיין אָרים לעבן אַ נייער אומגליק. דאָך, האָב איך ביי זיך באַשלאָסן, אַז איך בין דער גליקלעכסטער אין דער וועלט, ווייל יעדער שלעכטס, וואָס מען טוט מיר פאַרוואַנדלט זיך שפּעטער צום גוטן. יאָ, האָבן מזל הייסט נים נאָר האָבן אַ גוט, רייך און רואיק לעבן. האָבן מזל, הייסט אויך ווען מען איז גובר דאָס שלעכטע און מען קריכט אַרויס פון אַן אומגליק.

גאָט האָט מיך שטענדיק געפירט אויף גוטע וועגן און ער וועט מיך אויך ווייטער אויף זיי פירן. גאָט האָט מיך אָפּגעהיט פון פאַלשע צינגער, שלעכטע מענשן, באַריידער, מוסרים און רכילות־טרייבער און ער וועט מיך אויך ווייטער פון זיי אָפּהיטן.

איך וויל נים זינדיקן, דאָך מוז איך זאָגן דעם אמת : מיין לעבן ביז איצט, באַטראַכט איך, ווי „זיבן שלעכטע יאָר". איך האָף, אָבער, אַז איצט וועלן זיך אויך פאַר מיר אָנהויבן די „זיבן גוטע יאָר".

אין מיין קינדהייט, האָב איך זיך באַוויזן צו לערנען נאָר צוויי יאָר אין אַ חדר און איין יאָר אין מענדעלע מוכר ספרים'ס תלמוד־תורה, אין אָדעס אויף דיעבטייארנע גאַס. דאָס גוטע, וואָס איך האָב אין מיין קינדהייט אָנגעזאַפּט ביי מיין גרויסן רבין מענדעלע — טראָג איך שטאָלץ מיין גאַנץ לעבן.

די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע האָט מיר פאַרכאַפּט אַלס אַ 12־יאָריקן יינגל אין אַ ציוניסטישער קינדער־אָרגאַניזאַציע. מיין שטיף־פאָטער אַן אָרימער פריילעכער קירזשנער, איז אין יאָר 1919 געשטאָרבן אין אָדעם פון הונגער. איך בין געבליבן דער ברויט־געבער פאַר מיין מוטער מיט דריי קליינע קינדער.

שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז מיין אמתער טאַטע לעבט גאָר אין אמעריקע, ער איז אַ רב און וואָלט גערן מיך גענומען צו זיך, ווען מען זאָל נאָר וועלן מיך אַרויסלאָזן פון רוסלאַנד.

דער טאַטע פון אמעריקע האָט מיר אָנגעהויבן העלפן מיט עטלעכע דאָלאַר...

און דאָ הויבט זיך אָן מיין ערשטע „זינד" קעגן די באָלשעוויקעס. איך האָב געאַרבעט אין דער אָדעסער שניידער־פאַבריק „שוויפּראָם". איך האָב אָבער געשטרעבט צו בילדונג און וויסן. פאַר יוגנטלעכע איז אין דעם גרויסן באָלשעוויסטישן לאַנד, דאָ איין אָרגאַניזאַציע — דער „קאָמסאָמאָל". וואָס האָב איך געקענט טאָן ? איך בין פאַרכלינעט געוואָרן פון די שיינע קאָמסאָמאָלישע פּאַראַדן און כדי איך זאָל ניט זיין קיין אָפּגעשטויסענער האָב איך אין די אנקעטן און פראַגעבויגנס געליייקנט, אַז איך האָב אַ טאַטן אין אמעריקע און, אַז דער טאַטע איז אַ רב. איך האָב אומעטום געשריבן, אַז מיין טאַטע איז געווען אַן אַרבעטער און איז געשטאָרבן. און דאָס איז דאָך געווען אַן אמת. מיין שטיף־טאַטן האָב איך גערעכנט פאַר אַן אמתן טאַטן, ער איז טאַקע געווען אַ פּראָסטער אַרבעטער און ער איז ווירקלעך געשטאָרבן פון הונגער.

איך בין געווען אַ הייסער קאָמסאָמאָלעץ. די אידיי פון אַ צוקונפטיק־קאָמוניסטיש לעבן האָט געשוועבט פאַר מיינע אויגן און עס האָבן זיך געמאָלט פאַר מיר צויבער־שלעסער פון מענשלעך גליק. איך האָב געלעבט אין אַ זיסן חלום, אַ פאַרשיכורטער פון דער קאָמוניסטישער אידיי. איך האָב אפילו ניט געדענקט, אַז אַ 12־יאָריק קינד בין איך געווען, ווען איך האָב געשפּרייזט איבער די אָדעסער גאַסן אונטער אַ בלוי־ווייסער פאָן. די רויטע פאָן, די פאָן פון רעוואָלוציע, האָט מיינע אויגן פאַרבלענדעט. און ווען מען וואָלט מיר געווען זאָגן : — הערשל ! די פאָן נויטיקט זיך אין דיין בלוט ! — וואָלט איך מיין בלוט פאַר דער פאָן אָפּגעגעבן. יאָ, און עס איז טאַקע געווען אַזאַ צייט, און ניט נאָר איינמאָל, ווען איך האָב פאַר דער באָלשעוויסטישער פאָן מיט מיין בלוט באַצאָלט.

פופצען יאָר בין איך אַלט געווען, ווען איך בין ווי אַ פרייוויליקער אין דער רויטער אַרמיי אַוועק און אַנטייל גענומען אין בירגער־קריג.

אָבער אין צוויי יאָר אַרום האָט מיר די אָדעסער „טשעקא" אַרעסטירט. וואָס האָט מען געהאַט צו אַ 17־יאָריקן יינגעל, וואָס איז מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן געווען דער סאָוועטן־מאַכט?... איך וועל וועגן דעם אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען דערציילן.

ווי אַ וויכער יאָגן אום אין מיין זכרון די פּאַסירונגען פון מיין לעבן. און איך זע זיי, די פּאַסירונגען, אַזעלכע שווידערלעכע, געוואַגטע, כמעט אומגלויבלעכע. איך וואונדער זיך אַליין, וואו האָט זיך צו מיר גענומען דער מוט און געוואַגטקייט דאָס אַלץ אַדורכצומאַכן. בין איך דאָך טאַקע שטאַרקער פון אייזן...

אַרויס פון תפיסה און ווידער אין פאַבריק און אין קאָמסאָמאָל...

דערנאָך האָב איך גענענדיקט אַ הויך־שול. געוואָרן אַ יידישער סאָוועטישער שרייבער.

אין מיין לעבן האָבן אַ גרויסן אַנטייל גענומען דער אומגעקומענער אין סאָוועטישער תפיסה, גרויסער דיכטער איזי כאַריק און דער פאַר־פייניקטער רעדאַקטאָר פון מאָסקווער „עמעס" משה ליטוואַקאָוו. מיינע נאַציאָנאַלע יידישע געפילן ברענגען מיר קיין בירא־בידזשאַן. דאָרט האָב איך קאָלטס און וואָרימס פון פאַרשיידענע „געטרייע" קאָמוניסטן, וועלכע זיינען מיך חושד אין אַנטי־פּאַרטייאישקייט. מען שרייבט וועגן מיר אין „בירא־בידזשאַנער שטערן", אַז מיינע ביכער זיינען פרעמדע, אַנטי־סאָוועטישע. אונטער די אַלע שרייבעכצן איז דאָ די אונטערשריפט פון אַ „שרייבער", וועלכער איז גאָר אַליין נישט קיין כשר׳ער קאָמו־ניסט, ער שטאַמט פון פּוילן, ער איז געקומען אומלעגאַל קיין רוסלאַנד און אין קיעווער „שטערן" האָט מען גאָר וועגן אים געשריבן, אַז זיינע ביכער זיינען אַנטי־סאָוועטיש. אָט דער אָ „שרייבער" שרייבט וועגן מיר, אַז מיינע ביכער זיינען אַנטי־סאָוועטיש. דער סוף איז, ער באַגראָבט זיך און באַגראָבט מיך.

אין יאָר 1939, בין איך שוין ווידער אַן אָנגעטרויטער מענש ביי די סאָוועטן. מיין געטריישאַפט איז אָפּגעמאָסטן, אָפּגעוואויגן און אָפּגע־שאַצט. מען שיקט מיך קיין ביאַליסטאָק אויסשטרעקן אַ ברידערלעכע האַנט צו די ברידער ווייס־רוסן (נישט יידן), וואָס האָבן געשמאַכט אונטער דעם יאָך פון די ווייסע פּאָליאַקן. איך ווער איינער פון די מיטרעדאַקטאָרס פון „ביאַליסטאָקער שטערן". וועגן דעם פּעריאָד וועט מיר אויסקומען צו דערציילן גענויער אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען.

די מלחמה פון 1941 טרעפט מיך אין מינסקער תפיסה. איך זיץ. אין דער זעלבער תפיסה זיצן טויזנטער „פאַרברעכער" אַזעלכע ווי איך...

יירן און ניט־יירן, ארבעטער, פויערים, אנגעשטעלטע און אויך שרייבער.

— פאַר וואָס ?

— ? ...

אַ דייטשישע באָמבע האָט געטראָפן אין תפיסה. זי ברענט. און מיר, אַרעסטאַנטן, קלאַפּן מיט די פויסטן אין די אייזערנע טירן, קלאַפּן זיך מיט די קעפּ אין די ווענט און שרייען : — ס'ברענט, ראַטעוועט !...

די דייטשן האָבן מיר באַפרייט פון דער תפיסה, אַזאַ קאַפּריז פון מיין שיקזאַל... ווען די דייטשן האָבן אין מינסק אַ געטאָ איינגעפירט בין איך אַנטלאָפן. איך האָב געבלאָנדזשעט איבער די פּאָליעסער וועלדער, אַ הונגעריקער, אַן אָפּגעריסענער און אַ געשוואָלענער. נאָך דריי וואָכן אַרומוואַלגערן זיך אין די וועלדער האָט זיך מיר איינגעגעבן צו אַריבערקומען אויף דער סאָוועטישער זייט. מיין פּאַראָל איז געווען :

— איך בין אַ ייד !

פרייוויליק בין איך אַוועק אין דער רויטער אַרמיי, כדי צו קעמפן קעגן די דייטשן.

איך האָב געענדיקט אַ לויטינאַנטן־שול און בין אַלס אָפיציר געווען אויף דעם פראָנט. ביים מיטל־פלוס פון טייך דאָן בין איך פאַרוואונדעט געוואָרן. סוף יאָר 1944, בין איך אַרויס פון לאַזאַרעט און בין באַפרייט געוואָרן פון דער אַרמיי.

און איצט בין איך ווייט פון יענעם לאַנד. און ווען איך דערמאָן זיך וועגן דעם לעבן פון די מענשן דאָרט מיט זייער גרויסער ליבע צום לאַנד און צו דעם רעזשים, פאַרשטיי איך איצט גאַנץ גוט, אַז דאָס איז אַ געצוואונגענע ליבע, אַ ליבע לויט באַפעל...

אָט רייס איך אַרויס אַ בלעטל פון מיין לעבנס־געשיכטע, איך רייס עס אַרויס פון מיין הארצן און באַגרייף די ווירקלעכקייט... אָט אַזוי האָב איך אַמאָל דאָרט געלעבט... דער „אַמאָל" איז ערשט צוריק מיט עטלעכע יאָר... און דער „דאָרט" איז דאָס לאַנד, וואו סטאַלין הערשט און וואו סטאַלין איז צו דער זון פון הימל צוגעגליכן און פון דער זון גייט אַ קעלט, עס כאַפּט אָן אַ שוידער, עס גיסט זיך בלוט...

איך וויל וועגן די אַלע אָנגעוואָרפענע שטריכן דערציילן אויספירלעך : „ווי אַזוי" ? און „פאַרוואָס" ?...

איך מאַך ניט קיין פּאָליטיק און וויל זיך ניט פאַרנעמען מיט פּאָליטישער קאָניונקטור. איך בין אַ לידנשאַפטלעכער מענש מיט אַ פילבאַרער נשמה. מיין ליבע צו מענשלעכער פרייהייט איז אַן אַבסאָלוטע. איך וואַרף אָפּ יעדע מעטאָדע און סיסטעם פון צוואַנג און גוואַלדטאַט, מעג עס זיין פון „ווייסע", „שוואַרצע" אָדער „רויטע". צוואַנג בלייבט צוואַנג. און איך וויל אָטעמען פריי ! איך וויל ניט, אַז אַ מענש,

ווי גרויס ער זאָל ניט זיין, זאָל באַצייכנט ווערן אַלס זון, וואָס שיינט און וואַרימט, בפרט נאָך, אַז די „זון" האָט אומשולדיק מענשלעך בלוט פאַרגאָסן.

איך בין פאַר גוטן און קעגן שלעכטן. פאָרם, אָרדנונג, מאַכט — שפּילט ניט קיין ראָלע. די הויפּט־זאַך איז: יעדער מענש אָן אויסנאַם זאָל זיך שפּירן גוט און פריי.

2.

מאָסקווע. יאָר 1944. איך בין אויף אַ פּאָר טעג פון פראָנט אַראָפּ געקומען קיין מאָסקווע. איך האָב אויסגעפירט מיין מיליטערישע שליחות. מיר זיינען געבליבן פרייע פינף שעה. ס'איז אַ זומערדיקער פאַרנאַכט. אין דעם הימל צעפליען זיך גאָלדענע ראַקעטעס פון די אויסגעקנאַלטע צוויי און צוואַנציק האַרמאַטן אַלס צייכן פון זיג איבער דעם פאַרשאָלטענעם דייטשלאַנד. די רויטער אַרמיי האָט ווידער אַמאָל צעקלאַפּט די דייטשן, באַפרייט אינגאַנצן די סאָוועטישע ערד און שלאָגט זיך שוין אַרום לובלין. אַ צופרידענער, מיט אַ דערהויבענער שטימונג לאָז איך זיך אַראָפּ אין איינער פון די שיינע מעטראָ־סטאַנציעס. דער צוג ברענגט מיך אויף דער וואָראָווסקע גאַס, דאָרט אין לאָקאַל פון די סאָוועטישע שרייבער זאַמלען זיך היינט יידישע שרייבער. איך בין איבער גליקלעך. נאָך איבער צוויי יאָר אויף דער פאָדער־ליניע פון פראָנט, איז אַ פאַרזאַמלונג פון יידישע שרייבער אין דער שיינער און רואיקער מאָסקווע עפּעס אַ מין גאָטס וואונדער פאַר מיר. איך בין אָנגעקומען ביים סאַמע מיטן. אויבן אָן איז געשטאַנען פּרץ מאַרקיש מיט צעשפּרייטע הענט און האָט היציק געשריגן:

— מיר האָבן גרויסע דערגרייכונגען. די סאָוועטישע יידישע ליטעראַטור איז אַרויף אויף אַ שטאַפּל העכער!...

זיינע אויגן האָבן געברענט. די שוואַרצע טשופּרינע, אין וועלכער עס זיינען שוין געווען אַ היבש ביסל גרויע האָר, האָט זיך געטרייסלט. ער איז אַליין באַגייסטערט געווען פון זיינע רייד און ער האָט כמעט אַלעמען באַווירקט... נאָר אַ פּאָר מענשן האָבן זיינע רייד ניט באַנומען. פּראָפעסאָר נוסינאָוו האָט עפּעס טרויעריק אַראָפּגעלאָזט זיין קאָפּ צו דער ברוסט און געצופּט מיט אַן אויסגעדאַרטער האַנט זיין גרוי ציגן־בערדל. דוד בערגעלסאָן האָט אָנגעבלאָזן זיינע גראָבע ליפּן און האָט מיט אַ בייזן בליק אויף עמיצן געקוקט. דער יינגער דיכטער מאָטל גרוביאַן איז אויך עפּעס ניט צופרידן געווען. עמיצער האָט מיר באַמערקט, אַ קוק גע־

טאָן אויף מיינע פאַרפּראַשעטע פּראָנט־קליידער מיט די לויטענאַנטן־שטערנדלעך אויף די פּאַגאָנעס און די פּאַרדינסט־בענדלעך אויף מיין ברוסט. מ'האָט מיך דערקענט, געמאַכט פּאַר מיר פּלאַץ. פּרץ מאַרקיש האָט געענדיקט זיין רעדע. עס איז געוואָרן אַ ווײַלע שטיל. און פּלוצלונג האָט זיך פון אָרט אויפגעהויבן פּראָפעסאָר נוסינאָוו און דאָס וואָס ער האָט געזאָגט, האָט דערהויבן מיין נשמה און ער אַליין אין מיינע אויגן איז דערהויבן געוואָרן. און געזאָגט האָט ער אָט וואָס:

— צוליב וואָס זאָלן מיר ריידן וועגן יידישע ליטעראַטור, ווען מיר האָבן ניט קיין יידיש פּאָלק. דאָס ביסל געראַטעוועטע, עוואַקואירטע יידן זיצן אין סיביר, אין מיטל־אַזיע. אָט גייט איצט די מלחמה צו ענדע. מיר זעען שוין באַשיינפּערלעך דעם זיג פון דער רויטער אַרמיי. און די יידן, וואוהין זאָלן זיי זיך אומקערן, אין די חרוב־געוואָרענע שטעט און שטעטלעך פון אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד?... איך לייג פּאָר, אַז מיר, די יידישע שרייבער און דער יידישער אַנטי־פּאַשיסטישער קאָמיטעט זאָלן זיך ווענדן צו דער רעגירונג, אַז מען זאָל די יידן פון סיביר און מיטל־אַזיע צוריק שיקן ניט אין די חרוב־געוואָרענע שטעט און שטעטלעך, נאָר ערגעץ אין איין פּלאַץ, אויף איין טעריטאָריע, לאָמיר זאָגן קיין קרים... און דאַן, אַז מיר וועלן צונויפזאַמלען דאָס יידנטום, אַז מיר וועלן האָבן יידן, וועלן מיר שוין אויך ממילא האָבן אַ יידישע ליטעראַטור.

דער יינגער מאָטל גרוביאַן האָט אונטערגעשטיצט פּראָפעסאָר נוסינאָווס פּאָרשלאָג.

נאָר באַלד האָט זיך אויפגעהויבן דער „גרויסער" דוד בערגעלסאָן און האָט אַ ברום געטאָן מיט זיינע גראָבע ליפּן!

— די פּאַרטיי און די רעגירונג ווייסט שוין אַליין וואָס צו טאָן מיט עוואַקואירטע יידן. די פּאַרטיי און די רעגירונג זאָרגט פּאַר די יידן פּונקט אַזוי ווי פּאַר די איבעריקע סאָוועטישע פעלקער. מיר סאָוועטישע שרייבער, מיר סאָוועטיש־יידישע שרייבער... אונזער זאַך איז נאָר שרייבן, גוט שרייבן...

עס האָט געווייעט מיט פּחד און מרה שחורה פון די ווערטער. עס האָט אָנגעוואָרפן אויף אַלעמען אַ שרעק. מ'איז געבליבן שטיל, דערשלאָגן... און איך האָב פּאַרלאָזט די פּאַרזאַמלונג, איך האָב זיך געאײַלט צום צוג. גיכער, גיכער צוריק אויף דעם פּראָנט, אַבי ניט אין דעם עיפּוש.

3.

מיינע וואונדן — אַ „מתנה" פון אַ שלאַכט ביים מיטל־פּלוס פון טייך דאָן — וואָס האָבן זיך אויסגעדוכט ווי גאָר לייכטע, האָבן זיך

אין חדשים ארום געלאָזט פּילן. די גאַנצע פּלייצע האָט זיך מיר צעיאָטעט. דער נערוו האָט איינגעצויגן דעם לינקן פוס. איך האָב אָנגעהויבן אינטערצוהינקן. פון שפּיטאָל בין איך ארויס א באַפּרייטער. איך האָב זיך צייטווייליק באַזעצט אין מאָסקווע.

מיינע פריינד אין דער שרייבער־משפּחה: א צוויי־דריי הויך־אינטעליגענטנע מענשן, גוטע חברים, וואָס מונטערן און העלפן, מענשן מיט טאַקט און איידעלע געפילן. צוליב פאַרשטענדלעכע סיבות דערמאָן איך ניט זייערע נעמען — פאַר זיי פּלעג איך אויסדער־ציילן דאָס, וואָס איך וואָלט אין רוסלאַנד קיינמאָל ניט געוואַגט צו דער־ציילן אפילו מיין אייגענעם ברודער. זיי האָבן ארויסגעוויזן פיל פאַרשטענדעניש פאַר מיין נשמה־אומרו...

איך האָב זיך אין מאָסקווע קיין אָרט ניט געקענט געפינען. איך בין אויסגעהונגערט געוועזן נאָך א ביסל יידישקייט. איך האָב ניט געזען קיין צוקונפט ניט פאַר דער יידישער ליטעראַטור און ניט פאַר דעם יידישן פאָלק. איך האָב באַגריפן, אז אַלס יידן, אין די באַדינגונגען, זיינען מיר פאַראורטיילט אויף אונטערגאַנג.

איך האָב געזען מיט מיינע אויגן, ווי די סאָוועטישע רעגירונג און די קאָמוניסטישע פּאַרטיי נעמט זיך אָן אונזער קריוודע, מע גלעט אונז, און מען גלייכט אונז, מען פאַרגלייכט אונז צו אַלע איבעריקע סאָוועטישע פעלקער און מיר ווערן אויסגעגלייכט און אויסגעגלעט אזוי, אז עס בלייבט פון אונז גאָרניט...

און איך וויל זיין א ייד. אָן אמתער ייד מיט נאַציאָנאַלע געפילן און יידישע טראַדיציעס. האָב איך זיך אוועקגעזעצט און האָב אָנגעשריבן צום חבר סטאַלין א בריוו... איך האָב אויסגעגאָסן פאַר אים מיין צעווייטיקטע נשמה, מיין צעבראָכן האַרץ. איך האָב אים דערציילט ווי אזוי איך, אַן אָרים יינגל, בין דערהויבן געוואָרן צו א מדרגה פון א סאָוועטישן שרייבער, ווי אזוי איך בין געקומען פון פראָנט א פאַרוואונדעטער. מיין ווייב און קינד זיינען אומגעקומען אין ביאַליסטאָקער געטאָ; מיין מוטער, צוויי ברידער און א שוועסטער, האָבן די דייטשן מיט די אוקראַאינער שקצים אין אומאַן געטויט. און איך בין איצט עלנד אַליין. אָבער איין טרייסט איז מיר געבליבן דאָס ביסל אָפּגעראַטעוועטע יידן אין סיביר און אין מיטל־אזיע. דער עקספּערימענט פון בירא־בידזשאַן האָט זיך ניט איינגעגעבן. פּיליכט איז מעגלעך שאַפן פאַר יידן א רעפּובליק אין קרים, ווייל די קרימער טאַטאַרן, וואָס האָבן פאַרראַטן די סאָוועטן־מאַכט, זיינען דאָך פאַרשיקט אַלע ביז איינעם קיין סיביר און די יידן, וואָס האָבן געקעמפט צוזאַמען מיט דער ראַטן־מאַכט קעגן היטלערן, די יידן קומט איצט א באַלוינונג. זיי מוזן האָבן זייער טעריטאָריע, ווייל די גויים זיינען אָפּגעסמט

פון היטלערס פראפאגאנדע, דאָס פאָלק, איבערהויפּט די אוקראַינער, איז אַנטיסעמיטיש געשטימט, טראָץ דעם, וואָס די סאָוועט־רעגירונג באַ־שטראָפט שטרענג די אַנטיסעמיטן. און קרים וואָלט אויך גוט געווען פאַר יידן, ווייל דאָס וואָלט געווען אַ בריק צו אונזערע ברידער יידן פון ארץ ישראל...

צוויי חדשים האָב איך געוואַרט פון סטאַלינס קאַנצעלאַריע אַן ענטפער אויף מיין בריוו, נאָר קיין ענטפער איז ניט אָנגעקומען.

איך האָב געהערט, אַז אין טשערנאָוויץ, וואָס האָט פריער געהערט צו בוקאָווינע, איז דאָ אַ יידישער יישוב פון ארום 40 טויזנט יידן און איך האָב זיך אויסגעסטאַרעט אַ קאָמאַנדיראָווקע קיין טשערנאָוויץ.

4.

טשערנאָוויץ. אַ שטאָט מיט יידן. אמתע יידן, מיט יידישע דעגות און יידישע זיטן, מיט יידישע טראַדיציעס און יידישע געשעפטן, רבנים און רבילעך מיט לאַנגע און קורצע פּאות, אַזעלכע יידן, וואָס איך האָב נאָך אין סאָוועט־רוסלאַנד קיינמאָל ניט געזען. אָבער אין טשערנאָוויץ איז אויך געווען אַ יידישע אינטעליגענץ מיט אַ יידישן פּראָלעטאַריאַט. כמעט אין יעדער שטוב האָבן זיך געפונען יידישע ביכער, די קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור און היינטצייטיקע יידישע שרייבער פון רומעניע, פּוילן, אַמעריקע און ארץ ישראל, וואָס אין די ביבליאָטעקן פון אָדעס, קיעוו, מינסק און מאָסקווע האָט מען אַזוינס ניט דערלויבט צו האַלטן.

איך האָב זיך אָבער דאָ אין טשערנאָוויץ באַקענט אויך מיט אַזאַ אַרט סאָוועטיש לעבן, וועלכעס איז פאַר מיר געווען פרעמד און פריקרע, כאָטש איך בין מיט לייב און לעבן אַן איבערגעגעבענער סאָוועטישער פּאַטריאָט געווען.

דאָנבאַס האָט פונקט דאַן געפאָדערט מענשן אויף אויפצושטעלן די חרוב־געוואָרענע קוילן־שאַכטעס. מען האָט דערקלערט אַ „פרייע" מאָבי־ליזאַציע קיין דאָנבאַס. און ווען קיינער האָט זיך ניט געמאָלדן צו פאָרן קיין דאָנבאַס אויף אַרבעט, האָט דאַן די מיליץ אָנגעהויבן צו כאַפּן איבער דער גאַס ניט־אַרבעטנדיקע און אָן פּאַספּאָרטן. און פונקט דער עלעמענט זיינען דאַן געווען די יידן, באַפרייטע פון די געטאָס און צוריקגעקומענע פון די טראַנסניסטער־לאַגערס. זיי האָבן זיך נאָך ניט באַוויזן איינצואָרדנען אויף אַרבעט און אַרויסבאַקומען פּאַספּאָרטן. דערשלאָגענע, אָפּגעריסענע יידן האָבן אַרומגעבלאָנקעט איבער די טשערנאָוויצער גאַסן אָן אַ דאַך

איבערן קאָפּ, זייערע וואוינונגען זיינען געווען פאַרנומען פון פרעמדע, פון מיליטער־לייט און סאָוועט־טוער, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין טשער־נאָוויץ באַלד ווי מען האָט פאַרטריבן די דייטשן מיט די רומענער. די יידן וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט פון די געטאָס און לאַגערן און האָבן זיך געוואָלט באַזעצן אין זייערע דירות האָבן געהאַט אויסצושטיין פיל צרות און פיין. אָט די „ניט־אַרבעטנדיקע" און „אָן־פּאַספּאָרט"־יידן האָט דאָס די מיליץ געכאַפּט אויף די גאַסן און מיט געוואַלד אָפּגעשיקט קיין דאָנבאַס...

פיל בלוט האָט זיך געטריפט פון מיין נשמה צוקוקנדיק זיך ווי די מיליץ גייט אום ווי די היצילעס און כאַפּט אוים די יידן פון די גאַסן...

איך האָב געטאָן, וואָס אין מיין באַשיידענער מאַכט עס איז געווען, כדי ניט צו דערלאָזן אַרויסשיקן די יידן פון טשערנאָוויץ קיין דאָנבאַס. אָבער עס האָט ווייניק געהאָלפן. דער דעמאָלדיקער פאָרזיצער פון שטאָט־סאָוועט ק א ש ע ו ו א ו י האָט אַרויסגעוויזן ממש אַן אָפענעם אַנטי־סעמיטיזם. דער שטאָט־סעקרעטאַר פון פאַרטיי־קאָמיטעט ד י ד י ק, האָט אויך געהאַלטן, אַז יידן זיינען הענדלער, לאָדערס און עס שאַדט ניט זיי צו שיקן קיין דאָנבאַס אויף אַרבעט. די טענות, אַז די יידן האָבן פיל געליטן די דריי יאָר אין די געטאָס און לאַגערן, האָבן ווייניק וואָס געהאָלפן. די טשערנאָוויצער „באָלשעוויסטישע" מאַכט האָט געהאַלטן, אַז די אמתע יידן האָבן די דייטשן פאַרניכטעט און דאָס זיינען ניט מער און ניט וויי־ניקער ווי מערזאַווצעס, וואָס די דייטשן האָבן אומיסטן איבערגעלאָזן לעבן, כדי זיי זאָלן שטערן די סאָוועטישע אָרדנונג.

אין טשערנאָוויץ איז געווען אַ יידישע שול. דירעקטאָר פון שול איז געווען אַ באַגאַבטע יידישע פרוי, אַ פּעדאַגאָג און זשורנאַליסטקע ט א נ י ע פ ו ק ס (זי געפינט זיך איצט אין אַרגענטינא). די אָ טאַניע פוקס איז געווען צו געוואַגט און „חוצפהדיק" און זי האָט, ווי עס ווייזט אוים, ניט פאַרשטאַנען, אַז ביי די סאָוועטן טאָר מען ניט פאַרלאַנגען דאָס וואָס איר נשמה גלוסט זיך...

אַלע שולן אין סאָוועט־רוסלאַנד (ווי אויך אַנדערע אַנשטאַלטן) זיינען דעקאָרירט מיט די בילדער פון לענינען, סטאַלינען און פון די רוסישע פאָלקן־פירער: סואוואָראָוו און קוטוזאָוו און דעם אוקראַינישן „פאָלקן־פירער" באָגדאַן כמעלניצקי. זי, טאַניע פוקס, האָט ניט געוואָלט ליידן הלמאי ביי איר אין דער יידישער שול הענגט דער באַנדיט באָגדאַן כמעלניצקי. איך האָב איר דערקלערט, אַז ביי דער סאָוועטן־מאַכט איז ער פאַררעכנט אַלס אוקראַינישער נאַציאָנאַלער באַפרייער, ער איז כמעט אַ באָלשעוויק און זי זאָל ניט וואַגן אַראָפּרייסן זיין בילד, ווייל דאָס קען איר פיל קאָסטן... אָבער זי האָט מיך ניט געפאָלגט, זי האָט באָגדאַן כמעלניצקין אַרויסגעשלײדערט פון „איר" יידישער שול און דאָס איז

געווען איינע פון די סיבות, פאַרוואָס מען האָט איר פון דער אַרבעט אַראָפּגענומען.

זי האָט אָבער גוט אָפּגעשניטן. עס וואָלט געקאָנט זיין נאָך ערגער...

אינטערעסאַנט איז, וואָס די גאַס אויף וועלכער טאַניע פוקס האָט געוואוינט האָט אויך געטראָגן דעם נאָמען פון באַגדאַן כמיעלניצקי. דאָס האָט איר פיל געזונט געקאָסט. אָבער איבערבייטן דעם נאָמען פון דער גאַס איז שוין ניט געווען אין איר קאָמפּעטענץ. באַפרייט פון דעם כמעל־ניצקי־געשפּענסט האָט זי זיך, ווי עס ווייזט אויס, נאָר דאַן, ווען זי האָט אין איינעם אַ טאָג, שטילערהייט פאַרלאָזט אויף שטענדיק סיי טשערנאָוויץ און סיי די סאָוועטן־מדינה.

מיטן אָפּפאָרן פון טאַניע פוקס איז געוואָרן נאָך אומהיימלעכער און טרויעריקער. ביי איר אין שטוב האָבן זיך פאַרזאַמלט די טשערנאָוויצער יידישע ליטעראַטן. יעדער האָט אין איר געפונען עפּעס מערער ווי אַ חבר. אַ מאַמע, דאָס איז אפילו ווייניק געזאָגט. איך דערמאָן זיך אין אַ אָוונט, אין שטוב ביי טאַניע פוקס. עס קוקט אויף איר פאַרליבט מיט די פינטל־דיקע אויגן יענקעלע פרידמאַן, זייער אַ באַגאַבטער דיכטער. פּראָפעסאָר גינינגער רעדט אַזוי צאַרט און באַשיידן וועגן דער פאָנעטיק אין דער יידי־שער שפּראַך. דערנאָך נעמט אַ וואָרט דער ניט־לאַנג אַראָפּגעקומענער קיין טשערנאָוויץ ה. בלאשטיין. ער מאַכט טיל און טיל פון אַלץ וואָס איז ניט סאָוועטיש. ער דערקלערט פּשוט, אַז עס איז שעדלעך, וואָס מען פאַרזאַמלט זיך אַלע מאָל צו טאַניע פוקס. עס באַקומט זיך עפּעס ווי אַ מין קאָנספּיראַציע, אַן אַנטי־סאָוועטישע געזעלשאַפט.

אַלע זיינען צוטומלט און נידערגעשלאָגן. איך צוקריג זיך דאַן מיט בלאשטיינען און דערווייז, אַז אין דער סטאַלינישער קאָנסטיטוציע איז ניטאָ אַזאַ פּונקט, וואָס זאָל חושד זיין אין קאָנטער־רעוואָלוציע יונגע מענטשן נאָר דערפאַר, ווייל זיי זאַמלען זיך אָפּט אין איינער און דער־זעלבער שטוב. וואָלט געווען זיין אַ יידישער קלוב אין טשערנאָוויץ, וואָלטן מיר זיך פאַרשפּאָרט זאַמלען אין אַ פּריוואַטע וואוינונג.

מיין דערקלערונג איז אַ צו דרייסטע געווען. עס האָט זיך ניט גע־גלויבט, אַז איך, ווען מען האָט געהאַלטן פאַר אַ קאָמוניסט, זאָל האָבן אַ העזה אַזוי צו ריידן...

אין טשערנאָוויץ איז דערשינען אַן אוקראַינישע צייטונג און אַ רו־מענישע צייטונג. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס אין טשערנאָוויץ האָבן צו יענער צייט קיין רומענער שוין אינגאַנצן ניט געוואוינט און אוקראַינער (הוצולען) האָבן געוואוינט נאָר אין די דערפער אַרום דער שטאָט. די באַפעלקערונג, וועלכע איז באַשטאַנען אויף 60 פּראָצענט פון יידן האָט קיין יידישע צייטונג ניט געהאַט. די מאָסקווער „איינקייט" איז דאַן נאָר

דערשינעןן איין מאָל א וואָך, איין וואָכן־צייטונג אויף אריבער צוויי מיליאָן יידן! (היינט איז שוין די איינע צייטונג אויך געשלאָסן).

בין איך אוועק אין פּאַרטיי־קאָמיטעט פאָדערן א יידישע צייטונג פאַר די יידן... מהאָט מיך באַטראַכט ווי א משוגענעם:

— דאָ איז אוקראַינע און די יידן מוזן לערנען אוקראַיניש.

— אָבער א יידישע צייטונג מעג דאָך א ייד האָבן ?.

— ניין ! ... אין אוקראַינע איז נאָר אוקראַיניש ! ...

ווי אַן אָפּגעשמיסענער בין איך אַרויס פון פּאַרטיי־קאָמיטעט. ספקות האָבן געגעסן מיין לייב און געעגבערט מיין מח :

— און דאָס איז די סטאַלינישע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק?... א ייד טאָר גאָר זיין צייטונג ניט האָבן ?...

5.

עס האָט זיך אָנגעהויבן די רעפּאַטריאַציע קיין פּוילן און רומעניע. יידן האָבן זיך אין טויזנטער אָנגעהויבן פאַרשרייבן אויף אוועקצופאָרן. מ'האָט טאָג און נאַכט באַלאַגערט די מיליץ און די „ענקאַוועדע" און די אָרטיקע מאַכט האָט זיך פאַרלוירן... וואָס טוט מען ? פון איין זייט טאָר מען די יידן, פּוילישע און רומענישע בירגער, ניט צווינגען צו בלייבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, פון דער צווייטער זייט אַרויסלאָזן אַלע טשערנאָ־וויצער יידן, דאָס הייסט אָפּשטעלן דאָס גאַנצע עקאָנאָמישע לעבן פון שטאָט און געגנט...

אינטערעסאַנט, די גאַנצע צייט זיינען די טשערנאָוויצער יידן פאַר־רעכנט געווען ביי דער מאַכט אַלס ספּעקולאַנטן און איצט, אַז די יידן האַלטן ביים פאַרלאָזן די שטאָט, האָט מען זיך אַרומגעקוקט, אַז דאָס זיינען גאָר טעקסטיל־אַרבעטער, שלאָסער, שוסטער, שניידער, פריזירער און זייגער־מאַכער... ניין, מען טאָר זיי ניט אַרויסלאָזן ביז מען וועט ניט אַראָפּברענגען אַנדערע, וואָס זאָלן זיי פאַרבייטן...

דער פּאַרטיי־קאָמיטעט האָט באַשטימט צונויפצורופן א מיטינג פון די יידן־קאָמוניסטן, יידן־שרייבער און סטאַכאַנאָווצעס כדי זיך צו באַראַטן ווי אַזוי איינצוהאַלטן דעם שטראָם פון די יידן, וואָס איילן זיך וואָס גיכער פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

אין איינעם א ווינטער־טאָג פון 1945 איז אין קאַבינעט פון סעקרע־טאַר פון פּאַרטיי־קאָמיטעט פון שטאָט טשערנאָוויץ, ביים „חבר" דידיק, פאָרגעקומען דער מיטינג.

אויסער דעם סעקרעטאַר פון פּאַרטיי־קאָמיטעט דידיק, זיינען ביינעוועןן

נאָך אַ פּאָר הויך־אָנגעשטעלטע גויים און די איבעריקע, ביי אַ 40 מענשען ייִדן. צווישן זיי, פון די ייִדישע שרייבער, וואָס האָבן דאַן געלעבט אין טשערנאָוויץ, איך און ה. בלאַשטיין און פון די ייִדן קאָמוניסטן יוסף גינד־בורג (וועלכער איז אויך סוף כל סוף אַוועק פון רוסלאַנד). דער פּאַרטיי־סעקרעטאַר „חבר" דידיק האָט זיך פּאַרקלאָגט פאַר די פאַרזאַמלטע: „ער פאַרשטייט ניט — זאָגט ער — די ייִדן, וואָס לויפן אַזוי פון דעם לאַנד. ס'איז זיי דאָ גוט, זיי האָבן אַרבעט. זיי פאַרדינען. ס'איז טאַקע אַביסל שווערלעך, אָבער דאָס לאַנד איז פון דער מלחמה צערוינירט. און וואו איז דען בעסער?"...

מיט קיין איין וואָרט האָט דער געערטער פּאַרטיי־מאַן דידיק ניט דער־מאָנט, אַז מען דאַרף עפּעס שאַפן פאַרן ייִדנטום אַזוינס, וואָס זאָל דערהאַלטן זיין נאַציאָנאַלן קיום, ניין. ער האָט נאָר געפּאָדערט, אַז מיר, די „פאַרגע־שריטענע ייִדן", ייִדן קאָמוניסטן און ייִדן, וואָס שטייען נאָענט צו דער פּאַרטיי, מיר זאָלן אָנהויבן פירן אַן אַגיטאַציע צווישן די ייִדן, אַז זיי זאָלן ניט פאַרלאָזן דאָס לאַנד. פאַרהאַלטן זיי, די ייִדן, מיט גוואַלד, קען מען איצט ניט. לויטן דעקרעט פון דער רעגירונג טאָר מען ניט שטערן די געוועזענע פּוילישע און רומענישע בירגער זיך אומקערן אַ היים, אָבער אַריינטראָגן אַ דעזאָרגאַניזאַציע אין דעם ווירטשאַפטלעכן לעבן פון דער שטאָט און געגנט וועט ער ניט דערלאָזן. קיין איין ייִד וועט ניט אַרויס פון טשערנאָוויץ, ביז עס וועלן ניט קומען אויף זייערע ערטער אַנדערע מענשן, וועבער, שלאָסער, שוסטער, שניידער א. א. וו. מיר, „פאַרגעשריטענע ייִדן", מוזן אים העלפן...

ס'איז געווען שטיל. קיינער האָט ניט געוואָגט נעמען אַ וואָרט. יעדער איינער איז געווען פאַרטאָן אין זיינע שווערע מחשבות: „ווי אַזוי דרייט מען זיך אַרויס פון דעם מיטינג אומבאַמערקט". און פּלוצלונג האָט זיך אויפ־געהויבן אַ הויך־אויסגעצויגענער מענש, מיט אַן אויסגעדאַרט, אויסגעצויגן פּנים, אָנגעטאָן אין אַן אַלטן אָפיצירישן שינעל, וואָס איך האָב אים געגעבן אָנטאָן, כדי ער זאָל זיך ניט צוקילן. און עס האָט זיך דערהערט אַ דריבנע געלעכטערל:

— כי־הי, כי, כי!...

דאָס האָט אַזוי מיט אַ געלעכטערל אָנגעהויבן צו ריידן דער סאָוועטיש „ייִדישער" שרייבער ה. בלאַשטיין.

— פּאַנימאַיעטע, די ייִדן, די לײדיקגייערס, זאָגן, אַז זיי האָבן געהערט דאָקטאָר וויצמאַנען ריידן דורך ראַדיאָ. מע גיט זיי שוין, די ייִדן, פּאַלע־סטינע פאַר אַן אייגן לאַנד... כי־הי, כי כי!... אייניקע טשערנאָוויצער ייִדן האָבן אויסגעבאַהאַלטן ראַדיאָס... און פּאַנימאַיעטע, שולדיק אין גאַנצן פּסיכאָז, וואָס טויזנטער ייִדן פאַרלאָזן דאָס הייליקע סאָוועטן־לאַנד,

שולדיק אין דעם זיינען נאָר די רבנים. די רבנים קלאַפּן אָפּ די טירן פון יעדן יידן און אַגיטירן, אַז מ'זאָל פאָרן קיין פּוילן און קיין רומעניע און פון דאָרט ווייטער קיין פּאַלעסטינע. יאָ, און איך מיין, אַז עפּעס אַ מין יוגנט־אָרגאַניזאַציע פון טשערנאָוויצער יידן אַרבעט דאָ אויך אין געהיים. אָבער די הויפּט־זאַך : די יידישע רבנים !...

מ'איז נאָך לאַנג אַזוי געזעסן און זיך בעראַטן, ווי אַזוי ניט אַרויסלאָזן די יידן. כמעט יעדער איינער האָט זיך „געסטאַרעט" צו ווייזן דעם „חבר" דידיק, אַז ער, דער ייד — קאָמוניסט, דער סאָוועטישער ייד, דער אומ־פּאַרטייאישער באָלשעוויק, איז ניט אַזאַ ווי די טשערנאָוויצער יידן, וואָס ווילן צוריק צום קאַפּיטאַליזם. יעדער איינער האָט עפּעס געזאָגט, אָבער קיין נשמה זיינען אין די ווערטער ניט אַריינגעלייגט געוועזן. ס'איז געווען צוליב יוצא וועגן. אַזוי ווי דער „דיקטער" בלאַשטיין האָט קיינער ניט געהעצט. עטלעכע מענשן האָבן קיין וואָרט ניט גענומען, האָט דער פּאַרטיי־סעקרעטאַר דידיק זיי געצוואונגען : „נו, און אייער מיינונג ?" צווישן די עטלעכע זיינען געווען איך, דער שרייבער פון די שורות, און יוסף גינזבורג, אַן עלטערער קאָמוניסט, וואָס האָט פיל יאָרן געשמאַכט אין די רומענישע טור־מעס פאַר דער אידיי פון קאָמוניזם, אַ ייד מיט אַ שיינער שוואַרצער באָרד אַלאַ דר. הערצל. אין מיר האָט געטריפט דאָס בלוט, די באַקן האָבן מיר געפלאַמט פאַר בושה, וואָס מיינער אַ „קאָלעגע" האָט עפנטלעך, אַזוינס געזאָגט וועגן אַלטע טשערנאָוויצער רבנים. איך האָב שיעור־שיעור ניט אויסגעפּלאַצט מיט אַ געשריי, איך האָב שוין געוואָלט בעטן אַ וואָרט, נאָר גינזבורג האָט זיך אויפגעהויבן, כלומרשט געוואָלט ביי מיר נעמען אַ פּאַפּיראָס און מיר אַריינגערוימט :

— שווייגן !...

איך האָב באַמערקט ווי זיינע הענט ציטערן, דער קאַלטער שוויס, וואָס האָט גערונען פון זיין שטערן האָט זיך אויף דער באָרד אַראָפּגעלאָזט און זי איז נאָס געוואָרן.

באַשטימט האָט מען : גיין אויף די אונטערנעמונגען און אַגיטירן די יידן, געוועזענע פּוילישע און רומענישע בירגער, אַז זיי זאָלן ניט פאַרלאָזן רוסלאַנד.

ווי עס ווייזט אויס, האָט דער שרייבער ה. בלאַשטיין חרטה געקראָגן אויף זיין אַרויסטרעטונג, ווייל ער איז אַן איינזאַמער און פאַרשעמטער אַוועק נאָך דעם מיטינג, ניט אָפּשטעלנדיק זיך אויף קיין רגע מיט עמיצן כאַפּן אַ שמועס...

איך בין צוזאַמען מיט יוסף גינזבורגן אַרויס אויף דער גאַס און ווי נאָר מיר זיינען געבליבן אַליין, אָן זייטיקע מענשן, האָט ער מיר געזאָגט :

— איך וועל ניט אַגיטירן די יידן, אַז זיי זאָלן דאָ בלייבן...

איך האָב באַטראַכט מיין חבר און פאַרשטאַנען, וואָס ביי אים אין האַרצן טוט זיך, איך האָב געמערקט און נאָכגעשפּירט נאָך דער אַנטוויקלונג פון זיין אַנטוישונג. ער, דער קאָמוניסט, וואָס איז יאָרן־ווייז געזעסן אין פיל תפיסות פאַר דער קאָמוניסטישער אידיי, ער אַנטוישט זיך פון טאָג צו טאָג, ער זאָגט עס ניט אַרויס, אָבער איך זע דאָס, איך פיל דאָס... פאַר די עטלעכע חדשים, וואָס איך קען אים, גיי אַריין צו אים אין הויז, האָב איך דערלערנט אַ לעבן פון אַ מענטשן, וועגן וועלכן עס איז כדי ראָמאַנען צו שרייבן.

ער האָט געשוויגן. מיט קיין וואָרט האָט ער קיינמאָל ניט געגעבן אָנצוהערן, אַז ער האָט זיך אַנטוישט. זיינע אויגן האָבן אָבער וועגן דעם גערעדט, זיינע ניט זיכערע טריט... אָבער זשעני, זיין פרוי, די אַלטע קאָמוניסטין, וועלכע האָט צוריק מיט פערצן יאָר אין בוקאַרעשטער תפיסה אַ קינד געבוירן און דורך „מאפר" האָט מען דאָס קינד פון תפיסה אַרויסבאַקומען, עס איבערגעפירט קיין אָדעס און דאָרט עס דערצויגן אַלס היימלאָז קאָמסאָמאָלעץ אין אַ קינדערהיים, און ערשט אין יאָר 1940, ווען די באָלשעוויקעס האָבן בוקאָווינע פאַרנומען, האָט זי איר קינד, שוין אַ 14־יאָריקן ייִנגאָפּגענומען — אָט די אַ זשעני האָט שווייגן ניט געוואָלט :

— און דאָס איז קאָמונע, סאָציאַליזם, סאָוועטן־מאַכט, פאַר דעם בין איך אין די תפיסות געזעסן ?...

איך קען ניט זאָגן, אַז די גינזבורגס האָט זיך מאַטעריעל שלעכט געלעבט ביי די סאָוועטן, זיי האָבן געהאַט אין טשערנאָוויץ אַ שיינע דירה, זי, זשעניע גינזבורג, איז געווען דירעקטאָר פון אַ טריקאָטאַזש־פאַבריק, ער, יוסף גינזבורג, איז געוועזן דירעקטאָר פון אַ שטאָטישן קאָמונאַל־אַנשטאַלט, זייער זון, זיי וועלכן די סאָוועטן האָבן פערצן יאָר דערצויגן ביי זיך, איז אַ גוטער שילער און אַ מוסטערהאַפטער קאָמסאָמאָלעץ. און דאָך האָט עפּעס געוווייטיקט ביי זיי אין דער נשמה, סוף־כל־סוף זיינען זיי דאָך יידן געווען זיי האָבן יידן געוואָלט בלייבן און דאָ מוזן זיי זיין נאָר קאָמוניסטן... ס'האָט זיי אויך געשראָקן די אָפטע אַרעסטן פון די אָנפירנדע פערזאָנען. שטענדיק האָבן זיי מורא געהאַט, אַז עמיצער וועט באַגנבענען זייער אַנשטאַלט אין זיי וועלן דערפאַר מוזן זיצן...

6.

איך האָב זיך געזעגנט מיט גינזבורגן, אָבער איך בין ניט אַהיימגעגאַנגען. איך האָב לאַנג זיך געדרייט איינער אַליין איבער די טשערנאָוויצער גאַסן און פאַר זיך קלאָר געמאַכט די לאַגע... אויף מאָרגן בין איך אוועק צום סוקולינער רב (איינער פון די אָנגעזעענסטע רבנים אין טשערנאָוויץ.

איצט איז ער אין פוילן אָדער אין רומעניע) און אים דערציילט וועגן דעם מיטינג און וועגן דעם, אז מ'האָט דאָרט געשמועסט, אז די רבנים העצן אונטער די יידן, אז זיי זאָלן פאַרלאָזן רוסלאַנד. דער רבי האָט מיר גערדאַנקט און זיך געשוואָרן, אַז ניט ער און ניט די איבעריקע רבנים פירן ניט קיין שום אגיטאַציע צווישן די יידן. ער האָט נאָר צוגעגעבן ; „מיר, די טשער־נאָוויצער רבנים, געוועזענע פוילישע אָדער רומענישע בירגער, מיר פאַרלאָזן דאָס לאַנד ניט כדי זיך צו באַזעצן אין פוילן אָדער רומעניע, נאָר כדי צו קומען צו זיך אין לאַנד, קיין ארץ ישראל. אויב די איבעריקע יידן טוען אויך אַזוי, זיינען מיר אין דעם ניט שולדיק".

אָפיציעל האָבן מיר אָנגעהויבן צו פירן אַן אַגיטאַציע צווישן די יידישע אַרבעטער און דער יידישער אינטעליגענץ, אַז זיי זאָלן ניט פאַר־לאָזן רוסלאַנד. אַזאַ מין אַגיטאַציע־אָוונט איז מיר אויסגעקומען צו פירן צוזאַמען מיט ה. בלאַשטיינען אין אַ האָלץ־באַאַרבעטונגס געווערב־פאַראייני־קונג. נאָך אונזערע רעדעס האָט איינער אַ ייד געפרעגט :

—זאָגט נאָר חברים, אויב עס איז טאָקע אַזוי גוט, ווערדליק איר מאָלט אונז, איז פאַרוואָס־זשע איז דאָך אַזוי שלעכט ?...

כאָטש די מורא פאַר ניט קיין פּאַסיק וואָרט איז אין רוסלאַנד גרויס, דאָך האָט דאָס פאָלק געשאַפן וועגן דער אָרדענונג, מאַכט, לעבן־שטייגער, פיל־פיל וויצן.

אָט איז אַ שטייגער איינער פון זיי :

„...ווען די סאָוועטן האָבן טשערנאָוויץ פאַרנומען האָבן זיי דאָרטן געטראָפן דריי פעלקערשאַפטן: יידן, אוקראַינער און רומענער. האָט מען געשיקט דריי שליחים פון די דריי פעלקער צום חבר סטאַלין, זיי זאָלן אָפּדאַנקען פאַרן גרויסן גליק, וואָס מיט זיי האָט געטראָפן.

פרעגט סטאַלין דעם אוקראַינער :

— נו, ווי לעבט זיך אין דער באַפרייטער בוקאָווינע ?...

— גוט, חבר סטאַלין, וואָס פון בוקאָווינע איז געוואָרן אוקראַינע, נאָר איין זאַך איז שלעכט, פון זינט אייערע זיינען צו אונז געקומען, האָט קיין ברויט ניט געסטאַיעט...

— עס וועט זיין ברויט — ענטפערט סטאַלין.

דער רומענער בוקט זיך און נויגט זיך ;

— אַ דאַנק, אַ דאַנק דעם חבר סטאַלין פאַרן גליקלעכן לעבן, וואָס דו האָסט פאַר אונז געשאַפן. נאָר איין זאַך איז שלעכט, ניטאָ קיין חתונות און ניטאָ קיין פאַרטייען. מיין ציגיינערישער פידל הענגט שטום אויף דער וואַנט...

— עס וועט נאָך אויף דיין גאַס אויך פריילעך זיין — ענטפערט סטאַלין.

דער ייד שווייגט ; און דאַן פרעגט אים סטאַלין :

— נו, אויף וואָס באַקלאָגסטו זיך ?

— איך, חבר סטאַלין, — כאַפּט זיך דער ייד — איך באַקלאָג זיך ניט. איך בין פריילעך, איך האָב ברויט, מיר איז גוט...

— וויבאַלד אַזוי וועל איך דיך באַלוינען — ענטפערט סטאַלין — זאָג וואָס ווילסטו ?...

— „אַן אויסלענדישן פּאַספּאָרט! — ענטפערט דער ייד"...

אין טשערנאָוויץ האָבן געלעבט אַ גרופּע יידישע־סאָוועטישע שרייבער : ה. בלאַשטיין, נפתלי־הערץ כהן, טאַלאַליעווסקי, איך, דער שרייבער פון די שורות. די שרייבער, וועלכע מיר האָבן געטראָפן אין טשערנאָוויץ ; יעקב פרידמאַן, זינגער, גרובער און אַנדערע, האָט מען געהאַלטן אַביסל דערווייטערט פון זיך. איינמאָל איז פאָרגעקומען אין טשערנאָוויץ אַ שלום־עליכם־אָוונט. זייער אַן אינטערעסאַנטן פאָרטראַג וועגן שלום עליכם'ען האָט געהאַלטן דער שרייבער משה אַלטמאַן. מיר אַלע איבעריקע שרייבער האָבן אויך גערעדט און דערנאָך געלייענט אונזערע ווערק. עס האָט זיך דאַן צונויפגעזאַמלט אַ גרויסער עולם. אָבער אונז איז אויפן האַרצן גאָרניט פריילעך געווען, ווייל מיר האָבן געוואוסט, אַז דער אַ גרויסער עולם דאָס זיינען אַלץ יידן פון פוילן און רומעניע. אין אַ פּאָר חדשים אַרום וועלן זיי שוין דאָ ניט זיין און עס וועט ניט זיין, פאַר וועמען צו מאַכן מער אַזוינע אָוונטן... איך געדענק, אַז איך האָב אין מיין וואָרט וועגן שלום עליכמ'ען גערעדט וועגן „לך־לך" און איך האָב געזאָגט, אַז ניט נאָר מיט טוביה'ן האָט מען געלערנט די סדרה, נאָר מיט אונז אַלע יידן אָן אויסנאַם לערנט מען די סדרה און דאָס וועט מען מיט אונז לערנען, ביז מיר וועלן האָבן אַן אייגן לאַנד. עס האָט אַ דונער געטאָן דער זאַל פון אַפּלאָדיסמענטן. איך האָב אָנגערירט די פילבאַרסטע סטרונע ביי די יידן...

דער דיכטער טאַלאַליעווסקי, אַ בלאָנד־שיינער געזונטער יינג, אָנגעטאָן אין זיין גאַנצער מיליטער אוניפאָרם, האָט געלייענט אַ ליד „צו די טשערנאָוויצער יידן" אין וועלכן ער זאָגט זיי מוסר :

„די רויטע אַרמיי האָט אייך געראַטעוועט. איצט פאַרלאָזט איר דאָס לאַנד, באַטראַכט זיך גוט, ווער וועט זיך דאָרט אָננעמען פאַר אייך?..."

אָבער דעם עולם, ביי וועלכן די שטימונג פון פאַרלאָזן רוסלאַנד איז געווען זייער גרויס, האָט די ליד ניט גענומען... מ'האָט זי גלייכגילטיק אויסגעהערט. נאָך מער, מ'איז עפּעס אָוועק אומצופרידן. ס'האָט געהייסן ביים עולם, אַז געראָפן האָט מען זיי אויף אַ שלום־עליכם אָוונט כדי דאָרט צו פירן אַגיטאַציע קעגן זייער פאַרלאָזן רוסלאַנד.

ווען עס איז אָראָפּגעקומען קיין טשערנאָוויץ משה פּינטשעווסקי האָבן מיר, די שרייבער, אים געמאַכט אַ באַנקעט אין אַ פּריוואַטער וואוינונג,

ביי איינעם אַ טשערנאָוויצער צאָן־דאָקטאָר, וואָס איז אויך אַ פיינער שרייבער, מאָטל ברייטמאַן. ווען איך האָב באַגריסט פינטשעווסקין האָב איך אים געזאָגט, אַז איך ווינש אים מיט זיין באַזעצן זיך אין טשערנאָוויץ זאָל דאָ ווערן אַן אמת יידיש לעבן. עס זאָל אָבער ניט ווערן דאָס, וואָס עס איז געוואָרן מיט זיין פּיעסע „איך לעב״. איך האָב מיט דעם גאָר קיין שלעכטס ניט געמיינט, אָבער איך האָב אים געטראָפן אין פּינטל. ער האָט פיל געליטן האַרץ־קלעמעניש פאַר זיין „איך לעב״...

די מעשה איז די, וואָס אין טשערנאָוויץ האָט זיך אַ שטיק צייט אויפגעהאַלטן דער קיעווער יידישער טעאַטער אונטער מ. גאָלדבלאַטס קינסטלערישער אָנפירונג. אַזוי ווי אין קיעוו איז נאָך דער מלחמה „ק יי ן פּ ל אַ ץ נ י ט ג ע וו ע ן״ פאַרן קיעווער יידישן טעאַטער אין קיעוו, האָט ער געמוזט זיך באַזעצן צייטווייליק אין טשערנאָוויץ. מ׳האָט מיט משה פינטשעווסקיס פּיעסע „איך לעב״ געעפנט דעם סעזאָן. דער העלד פון דער פּיעסע איז אַ ייד אַ למדן, אַ ייד מיט אַ באָרד און פּאות און מיט אַ יאַרמעלקע אויפן קאָפּ, רב בצלאל שאפיר, וועלכער מונטערט די יידן אין געטאָ, צום סוף אַנטלויפט ער פון די דייטשן צו די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנען אין וואַלד. די צושויער, די געליטענע יידן פון פּוילן און רומעניע, האָבן די פּיעסע גוט אויפגענומען. אָבער די טשערנאָוויצער „באָלשעוויסטישע״ מאַכט איז די פּיעסע ניט געווען געפעלן. זיי האָבן וועגן דעם צו וויסן געגעבן אין צענטער. נאָך גרוים מי, איז דער קיעווער יידישער טעאַטער געפאָרן קיין קיעוו אויף גאַסטראָלן... די קיעווער באָלשעוויקעס האָבן געגעבן אַ באַפעל, אַז מ׳זאָל די פּיעסע ענדערן. און אַזוי אַרום האָט זיך באַקומען, אַז דעם צווייטן סעזאָן האָט שוין דער קיעווער יידישער טעאַטער אין טשערנאָוויץ געשטעלט „איך לעב״ לויט אַ קיעווער באָלשעוויסטישער „אויסבעסערונג״. דער זעלבער העלד בצלאל שאפיר איז שוין ניט געווען קיין ייד אַ למדן מיט אַ באָרד און פּאות און מיט אַ יאַרמעלקע אויפן קאָפּ, נאָר גאָר אַ... פּראָפעסאָר. אונז, דעם צושויער, וואָס האָט „איך לעב״ געזען פריער איז גאָר פריקרע געווען צו קוקן אויף דעם מגלגול־געוואָרענעם „העלד״...

און אַז איך רייד שוין וועגן קיעווער יידישן טעאַטער און די פּיעסע „איך לעב״ מוז איך דערמאָנען נאָך אַ פּאָר עפּיזאָדן. די הויפּט־ראָל בצלאל שאפיר האָט געשפּילט דער קינסטלערישער אָנפירער אַליין מ. גאָלדבלאַט. אים האָט דובלירט אַ באַקאַנטער אַרטיסט מאַנסדאָרף. איין מאָל, ווען, מאַנסדאָרף האָט געדאַרפט שפּילן אין „איך לעב״, האָט מען עקסטרא אַרויסגערופן גאָלדבלאַטן:

— וואָס איז געשען?

— גאָרניט. מאַנסדאָרף איז אַנטלאָפן!

— וואוהין איז ער אַנטלאָפן?

— קיין רומעניע איז ער אנטלאָפֿן. און אפשר קיין פּוילן...

גאָלדבלאַט האָט מיט אַ ביטער האַרץ זיך גענומען גרימירן.

אַ צווייט מאָל אָבער, האָט ווידער פּאַסירט עפּעס ענלעכעס מיט „איך לעב". דער אַרטיסט, וואָס האָט געשפּילט די ראָל פֿון לוי סטעלמאַך, אַ יינגער באַגאַבטער אַרטיסט ישראל בעקער האָט „אָפּיציעל", ווי אַ פּוילישער בירגער פֿאַרלאָזט רוסלאַנד, ס'איז אויסגעקומען אויף גיך איבערגעבן די ראָל אַן אַנדער אַרטיסט. און דער יינגער בעקער, וועלכער איז אין טשערנאָוויץ אַרומגעגאַנגען מיט געלאַטעטע הויזן, איז אין מינכען אַ גאַנצער וואַזשנער פּאַרשוין געוואָרן. ער האָט אָרגאַניזירט אַליין אַ יידיש טעאַטער און האָט געשפּילט אין אַ יידישן פֿילם. איצט איז ער שוין אין ישראל.

איך קען ניט זאָגן, אַז די יידישע שרייבער אין טשערנאָוויץ האָבן געלעבט שלעכט. דאָך זיינען זיי שטענדיק אַרומגעגאַנגען דערשלאָגענע און האָבן מורא געהאַט פֿאַר זייער אייגענעם שאָטן...

דרוקן זיך אין יידיש איז ניט געווען וואו, אָדער ניט דאָס איז געווען די סיבה פֿון דער דערשלאָגנקייט.

איך געדענק ניט, לויט וועמענס איניציאַטיוו דאָס איז געווען. איך ווייס נאָר, אַז די טשערנאָוויצער אוקראַינישער צייטונג האָט אונז, יידישע שרייבער, פֿאַרבעטן צו זיך און געבעטן, אַז מיר זאָלן שרייבן פֿאַר דער צייטונג, מ'וועט אונז איבערזעצן... ס'איז אַ גרויסע „פֿרייד" ביי די שרייבער... אויף דעם אָוונט אין דער אוקראַינישער רעדאַקציע האָט דער דיכטער טאַלאַלאַיעווסקי געהאַלטן אַ רעדע אין דער אוקראַינישער שפּראַך און דערוויזן, אַז גרעסערס פֿון שעווטשענקאָ איז נאָר אין דער וועלט ניטאָ.

מיר האָבן דערנאָך אַלע געגעבן אונזערע איבערזעצטע לידער און דערציילונגען אין דער אוקראַינישער צייטונג, נאָר איך געדענק ניט, צי מ'האָט עמיצען געדרוקט. וואָס אַנבאַלאַנגט מיר, האָב איך געגעבן אַ נאָוועלע „דער ייד וואָס לאַכט". די נאָוועלע איז פֿריער געווען דורכן מאָסקווער יידישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט און „אייניקייט" אָנגענומען און געשיקט צום דרוקן קיין אויסלאַנד. ערגעץ וואו איז די נאָוועלע געווען געדרוקט און איך האָב פֿון מאָסקווער אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט פֿאַר איר באַקומען האָנאָראַר, נאָר אַז עס איז געקומען צו דער אוקראַינישער צייטונג האָט מען נאָר געוואָלט, אַז דער העלד פֿון מיין נאָוועלע זאָל ניט זיין קיין ייד...

7.

ווי איך האָב שוין פֿריער דערציילט, איז אין טשערנאָוויץ געווען איין און איינציקע יידישע שול. נאָך דעם ווי דער דירעקטאָר טאַניע פֿוקס איז

אראָפּגענומען געוואָרן פון איר אמת, האָט די שול אָנגעהויבן גיין צו גרונד. אַלע לערער (אויסער מיר און דעם נייעם דירעקטאָר) זיינען געווען „פּוי־לישע" און „רומענישע" בירגער. זיי האָבן זיך געקליבן אין וועג און זייער לערנען האָט שוין ניט געהאַט קיין טעם. פון דער צווייטער זייט האָבן זיך אויך די שילער ניט געהאַט קיין חשק צו לערנען. די עלטערן זיינען געזעסן אויף די טשעמאָדאַנעס, האָבן די קינדער, פאַרשטייט זיך, די שול ניט גע־וואָלט באַזוכן. דער רייזע־פּיבער ביי די טשערנאָוויצער יידן האָט געדויערט אַ היבש ביסל חדשים. מיט דער צייט זיינען זייער פיל יידן, וואָס האָבן זיך געהאַלטן פאַר פּוילישע אָדער רומענער, פון אַלע געגנטן אַרום טשער־נאָוויץ און אפילו פון ווייטע אוקראַינישע שטעט געקומען קיין טשעראָנ־וויץ, וואו עס זיינען געזעסן די פּוילישע און רומענישע רעפּאַטריאיר־קאָמיסיעס. אַזוי אַרום זיינען סוף כל סוף ווידער אַמאָל אין שול צוגעקו־מען קינדער. איך האָב געלייענט אין די 8־טע קלאַסן אַ קורס יידישע ליטע־ראַטור און אין די 7־טע קלאַסן „די סטאַלינישע קאָנסטיטוציע"... זייער אָפט, ווען איך פלעג באַהאַנדלען די באַזונדערע פּונקטן פון דער קאָנסטי־טוציע, ווי רעכט אויף אַרבעט, רעכט אויף בילדונג, איז ביי מיר געגאַנגען גוט. נאָר ווען איך פלעג דערמאָנען די פּונקטן וועגן „פרייהייט פון וואָרט און פּרעסע", פלעגן די קינדער אונטערשמייכלען און מיר פאַרוואַרפן מיט אַזוינע גאָרניט קינדערישע פראַגן, אַז איך פלעג ניט וויסן, ווי אַזוי זיך פון זיי אַרויסצודרייען. נאָר איך פלעג זיך אַן עצה געבן. עס זיינען פאַראַן פאַרטיקע ענטפערס, אַמתדיקע באָלשעוויסטישע ענטפערס, וועגן דער ניט־פרייער פרייהייט פון וואָרט און פּרעסע...

איינמאָל, ווען מען האָט געפייערט דעם „טאָג פון דער קאָנסטיטוציע" איז אין שול געווען אַ גרויסער יום־טוב. איך האָב געהאַלטן אַ רעדע פאַר די שילער פון אַלע קלאַסן און זיי דערציילט וועגן דער סטאַלינישע קאָנסטי־טוציע, וועלכע איז געשריבן געוואָרן מיט גאָלדענע אויתיות א. א. וו. איך האָב זיך אַזוי צעהיצט, איך בין אריין אין אַזאַ „עקסטאַז", צעוואַרימט פון די הונדערטער קינדער עולם, אַז די פאַנטאַזיע האָט זיך אין מיר אמת צעשפּילט און איך האָב אויסגעשטעלט די קאָנסטיטוציע אַזוי גלאַטיק און שיין, אַז די קינדער זיינען געזעסן ווי פאַרכשופטע... ביים ענדיקן די רעדע האָבן מיר סיי די קינדער און סיי די לערער שטאַרק אַפּלאָדירט. איך בין אַרויס פון שול צוזאַמען מיט יאַנקעלע פרידמאַן, דעם דיכטער, וועלכער האָט געוואוסט מיין אמתע נשמה, ער האָט מיך אַרומגענומען ;

— הערשל, אַז דו רעדסט אַזוי שיין וועגן אַ זאַך, אין וועלכע גלויבסט ניט, היינט ווי אַזוי וועסטו ריידן וועגן דעם אין וואָס דו גלויבסט ?...

.8

איידער איך פאַרענדיק די געשיכטע וועגן טשערנאָוויץ, מוז איך נאָך דערציילן וועגן אַ פּאָר מענשן. איך האָב זיך דאָרט באַקענט מיט איינעם אַ וואונדער־יינגל ארי (לאָניע) רעטער. איך זאָג אַ וואונדער־יינגל, ווייל איך האָב אים באַוואונדערט מיט זיין שיינער רוסישער שפּראַך, ווי אויך מיט זיין שיינעם יידיש. און פּונקט אַזוי ווי ער האָט באַהערשט יידיש און רוסיש, האָט ער אויך באַהערשט און פּערפעקט געקענט העברייאיש, רומעניש, שפּאַניש, איטאַליעניש און ענגליש. אויסער דעם איז ער אַ פּייאַ־קער אָרגאַניזאַטאָר. אַליין אַן איבערגעגעבענער קאָמסאָמאָלעץ, אונטער־ערד־טוער ביי די דייטשן, איז זיין נשמה אַן אמת יידישע. ער האָט געהאַט אַ געזונטן חוש. איך קען אפילו זאָגן, אַז דאָס איז אַ גרויסער פּסיכאָלאָג און אפשר נאָך אַ גרעסערער דיפּלאָמאַט. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס ער האָט פאַרנומען אַן אָפיציעלן אַמט אין דער רומענישער צייטונג און ער האָט געוואוסט, אַז מען האַלט מיך פאַר אַ קאָמוניסט, האָט ער דאָך געפונען פאַר נויטיק מיר אויסדערציילן זיין לעבנס־געשיכטע און מאַכן דעם אויספּיר, אַז ער וועט דאָ אין דעם לאַנד ניט בלייבן, אַז טרעפנדיק זיך מיט דער באָלשעוויסטי־שער ווירקלעכקייט איז ער טיף אַנטוישט. דעם פאָטער זיינעם, אַ דאָקטאָר־מעדיצין, האָבן די באָלשעוויקעס אַרעסטירט פאַר אַ בילבול. ער האָט אַוועק־געלייגט פיל מי און קלוגשאַפט, ביז ער האָט דעם פאָטער זיינעם פון תפיסה אַרויסגעשלעפּט און איצט, וואָס טוט מען איצט ווייטער ?... ניין, אַזוי ליידן ווייטער וויל ער ניט !...

אין עטלעכע טעג אַרום נאָך דעם שמועס, האָט ארי רעטער מיט זיין פאָטער ניט געסטאַיעט פון שטאָט. אַלע האָבן זיך געוואונדערט.

— ליאָנע רעטער, אַזאַ געטרייער קאָמסאָמאָלעץ, און איז אויך אַנטלאָפן !...

איך האָב זיך מיט ארי רעטער'ן דערנאָך געטראָפן אין מינכען. ער איז דאָרט געווען גענעראַל־סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די באַפרייטע יידן אין דייטשלאַנד. דער פאָטער זיינער, דער דאָקטאָר, איז אין ארץ ישראל, לעבט אַ גליקלעכער אין תל אביב און אַרבעט לויט זיין פאַך, אַלס דאָקטאָר־מעדיצין.

— נו, ליאָניע, ביסט צופרידן ? — האָב איך אים געפרעגט.

ער לאַכט. און איך פיל אין זיין געלעכטער, אַז ער איז נאָך ניט צו־פרידן, אַזוי ווי זשעני גינזבורג, אַזוי ווי איך... ווייל מיר זיינען אמת־זוכער, אומרואיקע נשמות, שטענדיק אין באַוועגונג, ווי אַן אומרו פון אַ זייגער.

איצט איז ער אין ישראל. איך האָב אים געזען אין תל־אביב. יאָ, איצט איז ער צופרידן.

9.

איך דערמאָן זיך אין איינעם פון מיינע לעצטע טשערנאָוויצער עטאַפּן... עפּעס אַ יונג רבילע, אַ 25־יאָריק ייִנגל מיט אַ באָרד, איז געקומען צו מיר און מיר פאָרגעלייגט צו שאַפן אַ „צענטראַלע" אויף אַרויסראַטעווען יידן פון רוסלאַנד. אַז איך דערמאָן זיך אין דעם ווייטערדיקן, וואָס עס איז געשען, גלויבט זיך מיר גאָר אַליין ניט, אַז אַזוינס האָב איך געקענט אויפטאָן און שאַפן אַ „צענטראַלע" פון איין און איינציקן מענטשן...

דאָס רבילע האָט מיר פאָרגעלייגט אַ פּלאַן...

איך האָב זיך מיט דעם רבי באַקענט אין אייניקע טשערנאָוויצער בעל־הביתישע הייזער, וואוהין איך האָב געהאַט אַ צוטריט. מיר דאַכט, אַז מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט איז טאַקע געווען ביים סוקולינער רב. לויט דעם רב'ס מיינונג דרייען זיך אין טשערנאָוויץ אום טויזנטער יידן, וואָס שטאַמען פון פוילן און רומעניע, נאָר די רעפּאַטריאירונגס־קאָמיסיע אנערקענט זיי ניט, אַז זיי זיינען טאַקע פּוילישע אָדער רומענישע בירגער. מיר, אונזער צענטראַלע, וועלן מוזן העלפן די יידן באַקומען רעפּאַטריאַציע־פּאַפּירן מיט אַ תנאי אָבער, אַז די יידן זאָלן ניט בלייבן ניט אין פּוילן און ניט אין רומעניע, נאָר זאָלן פאָרן קיין ארץ ישראל... און אויב עס וועלן זיין אויך אייניקע סאָוועטישע יידן, וואָס ווילן פאָרן, מוז מען זיי אויך העלפן...

איך בין נעכט ניט געשלאָפן באַטראַכטנדיק דעם פּלאַן. איך וויל דאָ צוגעבן, אַז די מוט צו נעמען זיך פאַר דער אַ געוואַגטער אַרבעט האָט מיר אונטערגעגעבן דווקא די סאָוועטישע אָפיציעלע רעגירונגס־צייטונג „איזוועסטיא". קיינמאָל פריער האָט קיין יידישע צייטונג און אוודאי ניט קיין רוסישע צייטונג ניט געשריבן וועגן ארץ ישראל קיין איין וואָרט און דאָ פּלוצלונג, עפּעס ווי פון דער העלער הויט הויבן אָן די צייטונגען צו געבן ידיעות וועגן די „געשעענישן אין פּאַלעסטינע". די „איזוועסטיא" און „פּראַוודאַ" האָבן געשריבן, אַז אין ארץ ישראל קעמפן די יידן קעגן די ענגלענדער פאַר זייער פאָטערלאַנד. עס האָט זיך באַקומען גלייך ווי די „איזוועסטיא" און „פּראַוודאַ" וואָלטן מיר, דעם יידן, דעם איצט־באַפרייטן לויטענאַנט פון דער רויטער אַרמיי, געזאָגט : „אויף אַלע פראָנטן האָסטו שוין געקעמפט, און איצט פּראָוו גיי קעמפן אויף דיין אייגענעם פראָנט, דאָרט אין ארץ ישראל, אין דיין פאָטערלאַנד !..."

אָבער ווען עס איז געקומען צו עפּעס ממשותדיקעס, האָט מיר דאָס רב'ל איבערגעלאָזט און איז אַליין אוועק קיין רומעניע... איך ווייס ניט

וואו ער איז איצט. אויב ער וועט לייענען די שורות, וועט ער זיך געווים אָפּרופן. איך וואָלט זייער געוואָלט וויסן וועגן זיין שיקזאַל, וואָס עס איז פון אים געוואָרן...

אָבער ווי עס זאָל שוין ניט זיין, איך בין געבליבן איינער אַליין, מיט א „פּלאַן" און מיט געדאַנקן, וועלכע האָבן מיך געמאַטערט...

איינמאָל, גיי איך אַזוי בייטאָג איבער דער לענין־גאַס (געוועזענע הערן־גאַס), א נערוועזער און אַן אומרואיקער. און שטענדיק, ווען איך בין נערוועז און אומרואיק, הויב איך אָן אונטערהינקן אויף מיין לינקן פוס. עס קומט צו צו מיר א ייד, ווי אַלע יידן פון די „פּוילישע" אָדער „רומענישע", וואָס דרייען זיך אום איבער די טשערנאָוויצער גאַסן אין די צענדליקער. ער רופט מיך אָן ביים נאָמען און זאָגט :

— איר מיך געדענקט אודאי ניט, אָבער איך אייך קען גוט. איך בין א ביאַליסטאָקער. אין יאָר 1939 זענט איר אַראָפּגעקומען קיין ביאַ־ליסטאָק. צוזאמען מיטן רעדאַקטאָר שולמאַן האָט איר דאָרטן דעם „ביאַ־ליסטאָקער שטערן" אנשטאָט פּסח קאַפּלאַנס „אונזער לעבן" געגרינדעט. פּאַרנט, טיר ביי טיר פון אייער רעדאַקציע, איז א שוסטער־וואַרשטאַט גע־ווען און איך האָב דאָרט געאַרבעט...

יאָ, דאָס אַלץ וואָס ער דערציילט, איז טאַקע ריכטיק, כאָטש איך אים קען ניט אָדער געדענק ניט... אָבער וואָס וויל ער פון מיר ?...

און דאָ דערציילט מיר דער ייד א טרויעריקע מעשה, ווי אַזוי מ׳האָט פּיל יידן פון ביאַליסטאָק, וואָס האָבן אַזוי שנעל קיין פּאַספּאָרטן ניט גענומען, פאַרשיקט קיין סיביר, האָט ער זיך צוגעאיילט נעמען א פּאַספּאָרט, אָבער כאָטש ער האָט אַלע זיינע יאָרן געלעבט אין פּוילן און ער איז א פּויליש־געבוירענער, האָט ער ביים נעמען דעם סאָוועטישן פּאַספּאָרט גע־זאָגט, אַז ער שטאַמט פון ערגעץ לעבן ווינ‏יצע, דעריבער באַקומט זיך איצט, אַז ער איז ניט קיין פּוילישער ייד... ביאַליסטאָק געהערט איצט ווידער צו פּוילן, ער האָט דאָרטן איבערגעלאָזט א ווייב מיט קינדער, א גאַנצן פאַרמעגן... ער איז פון אָנהויב פון היטלערס אָנפאַל אויף רוסלאַנד פּונקט געווען אונטערוועגס... ער ווייסט ניט, וואָס מיט זיין פרוי און קינדער האָט פּאַסירט, ווען ער קען קומען צוריק קיין פּוילן, קיין ביאַלי־סטאָק, וואָלט ער אפשר אָפּגעזוכט א שפּור פון זיין פרוי, און קינדער פון זיין פאַרמעגן...

דער מענש האָט גערעדט איבערציי‏גנדיק און ממש געוויינט פאַר מיר:

— העלפט מיר, איר א יידישער שרייבער און אָפיצער פון דער רויטער אַרמיי, אַן אינוואַליד, איר קענט מיר העלפן. קומט מיט מיר אין דער פּוילישער רעפּאַטריאיר־קאָמיסיע, זאָגט, אַז איר קענט מיך, זאָגט עדות, אַז איך בין א פּוילישער ייד, אייך וועט מען גלויבן...

איך בין אוועק מיט דעם יידן אין דער קאָמיסיע אויף צוריק צו קערן אהיים די פוילישע בירגער און...

דאָ הויבט זיך אָן די געשיכטע פון מיין „צענטראַלע", די צענטראַלע אויף העלפן יידן פאָרן קיין ארץ ישראל...

.10

צוזאַמען מיט דער פוילישער און רומענישער רעפּאַטריאיר־קאָמיסיעס האָבן מיטגעאַרבעט פאָרשטייער פון נ. ק. וו. ד. איך האָב זיך געווענדעט צו איינעם אַ מאַיאָר פון נ. ק. וו. ד. איך האָב מיט אים גערעדט אַזוי ווי עס רעדט איינער אַ גאָר־וויכטיקער סאָוועטישער טוער, אַזאַ וואָס זיינס אַ וואָרט האָט עפּעס אַ ווערט:

— הער נאָר, מאַיאָר, מען דאַרף אָ דעם יידן געבן אַ דערלויבעניש צו פאָרן קיין פוילן. ער איז אַ פּוילישער, ער האָט דאָרט אַ ווייב מיט קינדער, וואָס וועט ער דאָ זיצן, וואָס ?... ער עסט נאָר אומזיסט סאָוועטיש ברויט !...

דער מאַיאָר האָט אַ קוק געטאָן אויפן יידן, וועלכער איז געשטאַנען ביי דער טיר:

— אהאַ !... דער אַ ?... ער איז דאָך אַ סאָוועטישער בירגער !...

— מאַך דאָס !... — האָב איך קורץ אַ זאָג געטאָן — מ'דאַרף !...

דער מאַיאָר האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן, דערנאָך אויפן יידן. ער האָט עפּעס אַ שמייכעל געטאָן און פאַרשטאַנען, אַז צו דער זאַך וועט ער ניט דערלייגן.

— אַ האַלבן ליטער וועלן מיר שוין מוזן אויסטרינקען.

— מיר וועלן אויסטרינקען...

און אַזוי איז אוועק אַ גאַנג. איך קען דאָ ניט דערציילן גענוי, ווי אַזוי און מיט וועמען איך האָב אַלץ דורכגעמאַכט. אייניקע יידן און ניט־יידן, האָבן מיר דירעקט און אומדירעקט געהאָלפן אין דער אָ געפערלעכער און דאָך בכבודדיקער אַרבעט. איך וועל נאָר זאָגן, אַז איך האָב אין אַ קורצער צייט געהאַט אַ פאַרבינדונג מיט די וויכטיקסטע מענשן פון דער פוילישער און רומענישער רעפּאַטריאיר־קאָמיסיע און מיט „מאַכערס". איך האָב געשיקט צו „עמיצען" יידן, וואָס האָבן געוואָלט ארויס פון רוס־לאַנד און „עמיצער" האָט צו מיר געשיקט אַזוינע יידן... ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז יעדער עשאַלאָן, גרופּע אָדער טראַנספּאָרט, וואָס איז אָפּגעגאַנגען פון טשערנאָוויץ, טלוסט און קאָלאָמיי קיין פוילן און רומעניע, איז באַשטאַנען פון 40 פּראָצענט יידן, וואָס די „צענטראַלע" האָט געהאָלפן

באקומען רעפאטריאיר־דאָקומענטן, אַ געוויסע טייל פון די יידן זיינען סאָוועטישע געווען, זיי האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן, אבי פארלאָזן דעם סאָוועטישן גן־עדן...

מ׳האָט געמיינט, אַז עס ארבעט אַ צענטראַלע, עפּעס אַ גאַנצע אונטער־ערדישע אָרגאַניזאַציע. אָבער נאָר איך איינער האָב געוואוסט, אַז די צענ־טראַלע באַשטייט נאָר פון איין און איינציקן מענשן...

מיר דוכט, אַז אויף מיר איז קיין חשד ניט געווען. אָבער ווי זאָגט מען דאָס, אויפן גנב ברענט דאָס היטל. אויסערדעם האָב איך באַשטימט, אַז סוף כל סוף מעג שוין קומען אויך אויף מיר די ישועה, אויך איך מעג שוין אויסגעלייזט ווערן פון דעם רעזשים, פאַר וועלכן איך ציטער פּונקט אַזוי, ווי אַלע 190 מיליאָן סאָוועטישע בירגער און וועלכן איך ליב ווייל אַזוי מוז מען... איך האָב זיך געאיילט צו פאָרן, דאָך האָב איך נאָך באוויזן זייער און זייער אַ וויכטיקע זאַך אויפצוטאָן פאַר מיין פארלאָזן רוסלאַנד. דער אויפטו איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס איך האָב געוואָלט ניט נאָר יידן, מענשן ארויסראַטעווען פון רוסלאַנד, נאָר אויך קולטור־אוצרות, יידישע ביכער, ספרים, מיט וועלכע די נייע ניט־יידישע באַפעל־קערונג האָט אָנגעהויבן הייצן די הרובעס. עס איז דאַן געווען זער אַ שווערער ווינטער. באַטש ארום טשערנאָוויץ זיינען דאָ פיל־פיל בוקאָווינער וועלדער, דאָך האָט די באַפעלקערונג ממש געפרוירן, ווייל ערשטנס, איז קיין טראַנספּאָרט ניטאָ, מיט וואָס צו צופירן דאָס האָלץ פון די וועלדער, און, צווייטנס, אַז מען פאָקט שוין אַן אויטאָ, ווייל דער שאָפער ניט פאָרן, ווייל אין די וועלדער ארודעווען די אוקראַאינישע אויפשטענדלער, וואָס רופן זיך באַנדעראָווצעס.

די נייע אָנגעקומענע סאָוועטישע מענשן האָבן פארכאַפּט די דירות פון די יידן, וואָס האָבן זיך פארשריבן אויף צוריקצוקערן זיך קיין רומעניע און פוילן, נאָך איידער יענע זיינען אַוועקגעפאָרן, מען האָט פארכאַפּט די דירות מיט די מעבל און מיט די גרויסע יידישע ביבליאָטעקן. מ׳האָט געזאָגט צו די יידן:

— איר פאָרט אַוועק, באַדאַרפט איר שוין גאָרניט.

אָבער ביז די יידן זיינען אָפּגעפאָרן איז זיי אויסגעקומען צו וואַרטן פון 2 וואָכן ביז 3—2 מאָנאַטן און וואוינען צוזאַמען מיט די סאָוועטישע, ניי־געקומענע גויים, וועלכע האָבן זיך באַצויגן צו די אַפּפאָרנדיקע יידן מיט אַ גאָר קליינעם כבוד. און דער ערשטער קרבן פון דעם צוזאַמענוואוינען זיינען געווען יידישע ביכער... דאָ האָב איך זיך געשטעלט פאַר אַ ציל גיין פון הויז צו הויז און אַרויסראַטעווען אָ די יידישע ביכער, און ספרים, וואָס זיינען אין גוישע הענט און מיט וועלכע מען הייצט איצט די הרובעס... מיין אָפיצירישע מיליטער - אוניפאָרם האָט מיר געהאָלפן,

אָבער זייער אָפט פלעג איך אָנטרעפן אויף אַזאַ סאָוועטישן בירגער, אויף אַזאַ גוי, וואָס פלעגט פאַר מיר אין די אויגן ווארפן די ביכער אין הרובע און האָט פאַר קיין שום געלט זיי מיר ניט געוואָלט אָפּגעבן... דאָך נאָך גרויסע שוועריקייטן האָב איך ביי זיך אין שטוב צונויפגעזאַמלט און פאַר־קלאַפּט אין קאסטנס א גרויסע ביבליאָטעק פון יידישע און העבראַישע ביכער פון קלאַסישער און היינטצייטיקער ליטעראַטור און רעליגיעזע ספרים און דאָס אַלץ האָב איך אַרויסגעפירט פון רוסלאַנד אהין, צו די יידן וועמען מיינע געראַטעוועטע ביכער זיינען זייער גוט צונוץ געקומען.

איך פון דער יידישער שול, וועלכע האָט זיך געהאַלטן ביים צעפאַלן, האָב איך געטראָגן ביכער צו זיך א היים. איך האָב אין שול געפונען פולע קאָמפּלעטן פון גרעץ'ס און דובנאָוו'ס יידישע געשיכטע און מיר האָט וויי־געטאָן דאָס האַרץ פאַר די יידישע קינדער, וואָס האָבן געלערנט אין דער יידישער שול און האָבן ניט געטאָרט לערנען יידישע געשיכטע. אז אָך און וויי צו אַזאַ יידישער שול, וואו מען האָט געלערנט מיט די קינדער אין דער יידישער שפּראַך די רוסישע און אוקראַינישע געשיכטע, נאָר ניט חלילה די יידישע געשיכטע...

איך האָב אָנגעהויבן זיך גרייטן אין וועג. נאָר גיי גרייט זיך, ווען אַלעמאָל קומט עמיצער אַנדערש צו דיר, אַן אַנדער חבר, אַן אַנדער גוטער פריינט און זעט ווי דו פּאַקעוועסט זיך...

קיינעם האָט גאָרניט געקענט איינפאַל אַזאַ אומזין, אַז אין אַזאַ פּראַסטיקן טאָג, דערצו נאָך אַזאַ הייסער קאָמוניסט ווי איך בין — זאָל איך נעמען און אַנטלויפן פון רוסלאַנד... וואָס הייסט גאָר איך וועל אינ־מיטן דערינען אַנטלויפן ?... ווער טרייבט מיך, ווער יאָגט מיך, פאַר וואָס אַנטלויפן, פאַר וועמען אַנטלויפן?...

און איך האָב געמוזט אויסטראַכטן פאַר מיינע חברים און פריינט אַזאַ ליגן, וואָס זאָל גילטיק זיין פאַר אַן אמת. אפילו אַזאַ דורכגעטרי־בענער ה. בלאַשטיין, וואָס האָט צוריק אָנגעהויבן אַריינקומען צו מיר אין שטוב, האָט אָנגענומען מיין אויסגעטראַכטע מעשה פאַרן אמת. איך האָב פשוט געזאָגט, אַז איך האָב באַקומען א בעסערע און שענערע וואוינונג און דאָס האַלט איך זיך ביים איבערציען...

.11

איך האָב זיך צונויפגערעדט מיט א שאָפער, אַז ער זאָל פּריוויטיק קומען... אָבער דעם פּריוויטיק האָט זיך ביי מיין „מענש” גאָרניט באַקומען און די רייזע איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף זונטיק. עס איז זיך שווער

פֿאַרצושטעלן די אומרואיקייט, די נערוועזיטעט פֿון די מענשן, וואָס האָבן געמוזט מיט מיר פֿאָרן, ווען מיר האָבן זיך דערוואוסט, אַז מיר מוזן מיט די געפּאַקעוועטע זאַכן שטיין און וואַרטן ביז זונטיק...

אויפֿן אַנדערן טאָג, שבת, זייענדיק זיכער, אַז מיר וועלן פֿאָרן זונטיק, בין איך אַוועק צו עמיצען צו גאַסט. איך בין דאָרט געזעסן גוטע עטלעכע שעה... און ווען איך בין שוין געגאַנגען צוריק איז מיר אַנטקעגן געלאָפֿן אַ ביסל אַן אויפֿגערעגטער מיין פֿריינט יוסף גינזבורג. דער פּראָסט האָט געברענט, זיין באָרד איז מיט אַ ווייסן טוי פֿון פּראָסט פֿאַרקאָוועט געווען, ער האָט שווער געאָטעמט און געזעצט פֿון מויל מיט פּראָסטיקן ווייסן דאַמף.

— גיכער, וואוהין ביסטו אַהינגעקומען ? די מאַשין וואַרט !

— וואָס הייסט ?...

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיין שאָפֿער, וואָס האָט ניט געקענט קומען אונז נעמען פֿרייטיק און האָט איבערגעגעבן, אַז ער וועט קומען נאָך אונז זונטיק, האָט פּלוצלונג זיך דערוואוסט, אַז היינט, שבת, איז דאָ אַ גינסטיקער צופֿאַל אויף אַרויסצופֿאָרן פֿון טשערנאָוויץ און דערפֿאַר האָט ער אומגעריכט באַשטימט צו אונז צו קומען אין שטילערהייט זיך מיט אונז אָפּטראָגן... לויט דעם, ווי איך האָב אים פֿריער אָנגעוויזן, האָט ער באַדאַרפֿט פֿאָרן צונויפֿנעמען עטלעכע פּערזאָנען, לויט די אַדרעסן, אויף וועלכע איך האָב אים אָנגעוויזן און ערשט צום סוף קומען נאָך מיר. אַזוי האָט ער טאַקע געטאָן. ער האָט אַלעמען צונויפֿגעזאַמלט און איז געקומען נאָך מיר. אָבער ווי גרויס איז געווען די שרעק ביי אַלעמען, ווען די טיר פֿון מיין וואוינונג איז געווען פֿאַרשלאָסן. ביי עמיצן האָט זיך אַריינגעגנבעט אַ חשד, אַז איך האָב אַלעמען אונטערגעפֿירט, אַז איך האָב זיי פֿאַרקויפֿט דער נ. ק. וו. ד. איינער פֿון די פֿאַרשוינען האָט זיך אַזוי דערשראָקן, אַז ער האָט געכאַפּט דאָס פּעקל זיינס, אַראָפּ פֿון אויטאָמאָביל און איז נעלם געוואָרן. יוסף גינזבורג האָט אָבער אין מיר געגלויבט ווי אין אַ גאָט.

— עס קען ניט זיין — האָט ער געזאָגט— דאָס איז עפּעס אַ מין מיספֿאַרשטענדניש...

און אַזוי איז מען געשטאַנען אויף דער הויפּט־גאַס ביים הויז, וואו איך האָב געוואוינט, מיט אַ פּולער מאַשין פּאַסאַזשירן, מיט אַ פֿאַרדעכטיקטן אויטאָ, וואָס רופֿט אַרויס נייגיר ביי די דורכגייער און מען האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן... און פּלוצלונג האָב איך זיך באַוויזן. איך האָב געשפּאַנט רואיק און ניט געוואוסט, אַז אַ פּולע אָנגעלאָדענע אויטאָ מיט אויף טויט איבערגעשראָקענע מענשן וואַרטן אויף מיר.

— גיכער !...

מיר האָבן שנעל אַרויסגעטראָגן די פּעקלעך פון מיין צימער זיך אַריינגעזעצט אין מאַשין און זיינען אַוועק...

און אָט דאָס זיינען די מענשן, וועלכע זיינען דאַן מיט מיר מיטגע־פאָרן: לענאַ, אַ טשערנאָוויצער מיידל, וועלכע איך האָב געראַטעוועט פון אַרעסט, ווייל זי איז ערשט מיט איר מוטער פון אַ טראַנסניסטער־לאַגער געקומען, זי האָט נאָך ניט געהאַט קיין אַרבעט און ניט קיין סאָוועטישן פּאַספּאָרט;

יוסף גינזבורג, זיין פרוי זשעני גינזבורג און זייער 15־יאָריקער זון דער קאָמסאָמאָלעץ ליאָניע, גינזבורג... וועגן די גינזבורג׳ס האָב איך שוין פיל דערציילט. איך מוז נאָך צוגעבן, אַז פון דעם זונדל פון זייערן האָבן מיר אין וועג געהאַט געבראַטענע צרות. מען האָט אים דערציילט אַ לעגענדע, אַז מען פאָרט אין אַן אויסלענדישע קאָמאַנדירונג, נאָר ווען ער האָט באַמערקט, אַז דאָס צוגרייטן זיך און דאָס אַרויספאָרן איז ניט גלאַטיק, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ניט אין אַ קאָמאַנדירונג פאָרן מיר, נאָר מיר אַנטלויפן פּשוט פון דעם סאָוועטן־לאַנד קיין אויסלאַנד און ער האָט אָנגעמאַכט גרויסע געוואַלדן. עס האָט אים אָבער ניט געהאָלפן. ער האָט זיך געכאַפּט צו שפּעט. — איצט איז ער אין ישראל. ער איז איינער פון די געטרייעסטע יוגנט־ציוניסטן.

מיט אונז איז אויך געפאָרן דער אַרטיסט און זינגער ראָזנטאַל, מיט אים איז געווען גאָר פריילעך אונטערוועגס. אָבער זיין פריילעכקייט, זיינע וויצן און שפּאַסן האָבן אונז שיעור דאָס לעבן ניט געקאָסט. ראָזנטאַל איז געווען אַן אונטערערדישער רומענישער קאָמוניסט. אין יאָר 1936 איז ער אַריבערגעקומען קיין רוסלאַנד. ער איז אָנגעקומען אין דער מאָסקווער טעאַטער־שול, וואו ער האָט געלערנט אונטער דער אָנפירונג פון אַרטיסט און פּראָפעסאָר ש. מיכאָעלס. אין יאָר 1937 האָט מען אים אַרעסטירט און פאַרשיקט קיין סיביר אין די לאַגערן. ערשט אין יאָר 1943 איז ער פון זיין פאַרשיקונג באַפרייט געוואָרן. אים האָט אַרויסגעהאָלפן זיינע אַרטיסטישע פייאיקייטן און זיין שיינע באַריטאָן־שטימע. דאָרט אין סיביר, אין די לאַגערן, האָט ער געשפּילט טעאַטער און געזונגען אויף קאָנצערטן פאַר די פאַרשיקטע און אַרעסטירטע און אויך פאַר די רויטע־אַרמייאישע טיילן, וואָס האָבן זיך אין סיביר געפונען. אין יאָר 1944 איז ער אָנגעקומען קיין טשערנאָוויץ און האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אין קיעווער ייד. טעאַטער. ער האָט זיך געגרייט צו שפּילן מאַרקוסן אין דער „כישוף־מאַכערין״ פון גאָלדפאַדענען און דאָ האָט ער זיך מיט מיר פאַרבונדן און איך האָב אים געטאָן אַ טובה... — איצט איז ער דאָ אין אַמעריקע. אָבער ביז איך האָב אים געזען פון יענער זייט גרענעץ, האָב איך פון אים געהאַט גרויסע צרות, ווייל דאָס איז אַ יינג, וואָס שפּילט טעאַטער אַפילו אין לעבן און איז

פריילעך דווקא דאָן, ווען אַלע זיינען אומרואיק און איבערגעשראָקן. דאָרטן, אין די פאַרשיקונג־לאַגערן פון דעם קאַלטן סיביר, האָט ער זיך פון די פאַרשיידענע עלעמענטן אויסגעלערנט אַזוינע זיטן, וואָס וועלן אים שוין פאַרבלייבן, ווי לאַנג ער וועט לעבן: אַט אַ שטייגער, קען ער אָנכאַפּן אַ מענשן, אַ ווילד־פרעמדן מענשן און אים אַ געשריי טאָן אין פּנים אריין:

— וואָט עטאָ דאַ—א !...

אויף דער סאַמע גרענעץ האָט ער צו איינעם פון די „ענקאַוועדיסטן" אויך אַזוי אַ געשריי געטאָן. יענער האָט אים פאַרהאַלטן און געפרעגט, ווער איז ער און וואוהין ער פאָרט.

— איך בין אַ פּאָלאַק — האָט ראָזנטאַל זיך ניט פאַרלוירן און אויס־געשריען — איך בין אַ פּאָלאַק און פאָר אַהיים קיין פּוילן !...

— דיינע דאָקומענטן!...—האָט אַ רעווע געטאָן דער „נ.ק.וו.דיסט".

— אַט דאָרט,ביים עלטסטן אין עשאַלאָן זיינען זיי, קומט מיט !...

— פּשאָל וואָן !... — האָט אויף אים אַ געשריי געטאָן דער „נ. ק. וו. דיסט".

מיר האָבן דאָן גוט אָפּגעשניטן. וואָס וואָלטן מיר געטאָן, ווען מען פרעגט אים עפּעס אויף פּויליש און ניט ער און ניט קיינער פון אונז קען־נען ניט קיין פּויליש... אונזערע רעפּאַטריאיר־דאָקומענטן זיינען גוטע, אָריגינעלע, רעגיסטרירט און געחתמעט, אַלץ אין אָרדענונג, אָבער אונ־זערע נעמען און פאַמיליעס זיינען אויסגעטראַכטע פון דער הפטרה... מען דאַרף גוט־גוט געדענקן, ווי אַזוי מען הייסט, וואו מען איז געבוירן און וויפל מען איז אַלט...

מיט אונז איז אויך געפאָרן אַ רויטלעכע פרוי מאַניע מיט איר פאָטער. נאָר ווען מען איז אַריבער די גרענעץ, האָט זיך דער אַלטער פאָטער אָפּגעראַזירט זיין גרוי־שמוציקע באָרד און ער איז געוואָרן אַ יינג אַ קראַ־סאַוועץ. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז ניט מאַניטשקעס פאָטער, נאָר איר מאַן... ער איז געווען אַן אַלטער פאָטער דאָרט אין רוסלאַנד, כדי ניט צו פאָרן קיין דאָנבאַס, אויף שווערע אַרעסטאַנטסקע אַרבעט. אָבער דאָ, אין אויסלאַנד, מעג ער ווערן אַ יינגער און שיינער קאַוואַלער, אַ מאַן פון אַ יונג רויטלעך, שיין און ביז גאָר פּייאיק ווייבל... אין ברעסלאַו איז זי געוואָרן אַן אָנפירערין פון אַ קבוץ. מאַניע און איר מאַן זיינען אַ צייט געווען אין ציפּערן... איצט זיינען זיי אין ישראל.

מיט אונז איז אויך געפאָרן דער שניידער קורצמאַן מיט אַ פרוי און אַ שוועסטער ; אַ דאָקטאָר, וועמענס נאָמען איך וויל ניט דערמאָנען, ווייל ער האָט אין רוסלאַנד קרובים און איך וויל ניט, אַז זיי זאָלן ליידן... מיט

אונז זיינען געפֿאָרן נאָך עטלעכע „פּוילישע" יידן... און אַ פרוי מיט אַ פיר־חדשימדיק קינד.

.12

מיר פֿאָרן. דער פראָסט ברענט. דער הימל איז גלאַנציק ווי אַ שטיק ווייס אייז, וואָס זעט זיך פון דער פינצטער אַרויס. דער גלאַנציקער הימל איז באַשאָטן מיט געלע שטערנדלעך. דער פראָסט נעמט דורך און דורך דאָס לייב. מיר טוליען זיך איינס צום אַנדערן און כאַפּן אַ ציטער. דאָס קינד וויינט... מיר פֿאָרן דורך אַ דאָרף, אַ ראַיאָן־צענטר. מיר פֿאָרן פאַרביי אַ גרויסער ליכטיקער געביידע, דאָס הויז פון ראַיאָנע נ. ק. וו. ד. און פּונקט דאָ פּלאַצט אַ ראָד פון דער מאַשין...

דאָס קינד וויינט. דער שאָפער פּאָרעט זיך ביי דער ראָד און פון דעם הויז פון נ. ק. וו. ד. גייט מען אַריין און אַרויס... — גאַטעניו, שוין־זשע וועט קיינער פון די „נ.ק.וו.דיסטן" ניט פרעגן ביי אונז ווער מיר זיינען, וואוהין מיר פֿאָרן דאָס מיט אַ פּיצל וויינענדיק קינד אין אַזאַ פראָסט?...

— וואָס וועט זיין, וואָס וועט זיין ? ! ...

20 מינוט, ווי 20 יאָר, ווי 20 אייביגקייטן, זיינען מיר געשטאַנען אויפן פראָסט. דער שאָפער האָט צורעכט געמאַכט די ראָד. דאָס קינד האָט געוויינט און קיינער פון די נ.ק.וו.ד.־טוער האָט אונז גאָרניט ניט געפרעגט. און אָט איז אַלץ צוריק אין אָרדענונג... מיר פֿאָרן ווייטער, ווייטער...

די שטאָט קאָלאָמיי. מיר זיינען צוגעפֿאָרן צום וואָקזאַל. זיינען אַריין אין וואַגאָנעס, אין אַזוינע „טשעפּלושקעס", וואָס זיינען געווען פול מיט לעבער און דער פראָסטיקער ווינט האָט שפּאַצירט פראַנק און פריי. מיר האָבן אין אונזער וואַגאָן אויסגעהאַנגען קאַצן און קאָלדרעס אויף די ווענט און אויפגעשטעלט אַן אייזערנע הרובקעלע צום הייצן. און די איבעריקע וואַגאָנעס, אין וועלכע עס זיינען געווען הונדערטער יידן מיט אַ פּאָר צענדליק פּאָלאַקן, האָט מען זיך אויך אַזוי איינגעאָרדנט ווי מיר. לאַנג וואַרטן איז אונז ניט אויסגעקומען. עס איז צו דער לאָקאָמאָטיוו, זיך צוגעטשעפּעט צו די וואַגאָנעס און... מיר פֿאָרן, מיר פֿאָרן, ווייטער, ווייטער...

אַ טאָג מיט אַ נאַכט זיינען מיר אַזוי אָפּגעפֿאָרן און פּלוצלונג אין מיטן דער נאַכט, האָט עס אונז אַ טרייסל געטאָן. מיר האָבן דערהערט אַ טראַך... וואָס איז געשען, וואו זיינען מיר?...

— די בריק, ביי דער סאַמע גרענעץ, האָבן די באַנדעראָוועס אויפגעריסן. ווען מיר קומען אָן מיט פינף מינוט פריער, וואָלטן מיר צוזאַמען מיט דער בריק אין דער לופטן געפלויגן...

— יאָ, גאָט טוט מיט אונז וואונדער. אונזערע וועגן זיינען ריכטיקע און ער וועט אונז היטן, אָפּהיטן פון אַלעם בייז !...

פּאַרטאָג. מיר שטייען אונטער דער אויפגעריסענער בריק לעבן אַן אוקראַיניש דאָרף, אַ דאָרף פון סאַמע אוקראַינער באַנדעראָווצעס. „סאַמאָ־סטיניקעס", וואָס ווילן ניט אָנערקענען די סאָוועטן־מאַכט. די יידן ציטערן. עס שלאָגט אַ צאָן און אַ צאָן. מ'זאָגט, אַז די אוקראַינער פון דער זייט גרענעץ און די פּאַליאַקן פון יענער זייט גרענעץ הרגענען די יידן...

דאָ ביי דער אויפגעריסענער בריק, ניט ווייט פון דער סאָוועטיש־פּוילישער גרענעץ, זיינען מיר אָפּגעשטאַנען אַ טאָג מיט אַ נאַכט. די אוקראַינער שקצים פון דאָרף האָבן זיך אומגעדרייט און אונז באַטראַכט מיט רוצחישע בליקן :

— זשידעס אַנטלויפן פון די סאָוועטן !...

ס'איז צונעפאַלן די נאַכט. יעדער וואַגאָן האָט אַ וואַך אַרויסגעשטעלט, אָבער וואָס קען טאָן אַ ניט־באַוואָפנטער ייד, וואָס אַנטלויפט פון פייער און פאַלט אַריין אין אַ פלאַם ?... מיר האָבן שוין געוואוסט, אַז די אוקראַינער שקצים, צוואַנציק און פינף־און־צוואַנציק יאָריקע דאָרפס־שקצים, דערצויגלינגע פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, געבאָוועטע פון קאָמסאָמאָל, געפעסטעטע אין די סאָוועטישע שולן, אויסגעמושטירטע פון דער אומענדלעכער פּאַרטיי־פּראָפּאַגאַנדע, אַז „אַלע פעלקער זיינען צווישן זיך ברידער", צו די אַ קאָמסאָמאָלישע שקצים, אין וועמענס קעפּ מען האָט עטלעכע און צוואַנציק יאָר אַריינגעקלאַפּט די קאָמוניסטישע אינטער־נאַציאָנאַלע לערע, האָט זיך צו זיי די לערע געקלעבט ווי אַן אַרבעס צו אַ וואַנט. זיי זיינען געווען די ערשטע באַנדיטן, מיטהעלפער פון היטלערן אין אויסראָטן די יידן. און אַז די רויטע אַרמיי האָט די פאַשיסטיש־דייטשישע חיילות פאַרטריבן, האָבן זיי די באַנדערעוו־באַנדעס געשאַפן און אָנגעהויבן קעמפן אין די וועלדער און אויף די וועגן קעגן די סאָוועטן, פאַר אַ באַזונדערער, אָפּגעטיילטער פון די סאָוועטן, אוקראַינע. אָבער געליטן פון דעם אַלעמען האָבן ווידער די יידן...

ס'איז פונקט געווען מיין וואַך. יעדער איינער איז געלעגן אין זיין ווינקעל און געוויים געקלערט : „מיר לויפן, מיר ראַטעווען זיך פון די באָלשעוויקעס, ווער ווייסט אָבער, צי מיר וועלן ניט אַריין אין די הענט פון די באַנדעראָווצעס ?..."

און דאָ האָט פּלוצלונג דער לאָקאָמאָטיוו אַ פייף געטאָן און האָט אַ צי געטאָן די וואַגאָנעס. מיר פאָרן. דאַנקען גאָט, מיר פאָרן ווייטער. מיר פאַרלאָזן דאָס באַנדיטישע אָרט, מיר פאָרן אַריבער די בריק, באַלד איז די גרענעץ... וואָס דערוואַרט אונז דאָ ?... ווי אַזוי וועט דורך דער

קאָנטראָל?... קיין איינער פון אונזער וואַגאָן קען דאָך קיין פּויליש ניט ריידן !...

סטאָפּ. דער צוג איז געבליבן שטיין. די גרענעץ : „סאָוועטיש רוס־לאַנד" און „דעמאָקראַטיש פּוילן"... איך זע דורך די צעעפנטע טיר, ווי דעם גאַנצן צוג האָבן אַרומגערינגלט די רויט־היטלדיקע נ. ק. וו. דיסטן. קיין איין פּוילישער זעלנער איז ניטאָ.

— וויסטאַט, פּראָווערקע דאָקומענטאָוו !...

דאָס קינד האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף מיט אַ געוויין. עמיצער האָט אויף גיך אַריינגעוואָרפן אין דעם ברענענדיקן אויוועלע פּאַפּירן... ס'איז אַריין אַן אָפיציר מיט צוויי סאָלדאַטן פון דער נ. ק. וו. ד. צו אונז אין וואַגאָן.

— וויפל מענטשן זייט איר ? — האָט ביי מיר געפרעגט אין רוסיש דער אָפיצער. —

— זעכצן מענטשן — האָב איך אים געענטפערט מיט אַ צעבראָ־כענעם רוסיש.

דער אָפיצער האָט איבערגעציילט די מענטשן און איבערגעציילט די דאָקומענטן. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם וויינענדיקן קינד, וואָס די פרוי האָט געהאַלטן אויף די הענט, און מיט באַדויערונג געזאָגט :

— אין אַזאַ פראָסט מיט אַ פּיצל קינד !...

— דאָס פאָטערלאַנד רופט — האָב איך געענטפערט.

— איר זייט יידן צו פּאָליאַקן ?

— מיר זיינען פּוילישע יידן !

— מ'האָט אייך דאַרטן אויך פיינט !...

— מיר פאָרן קיין פּאַלעסטינע !...

— וואָט קאַק !... — האָט דער אָפיציר אַ פאַרחידושטער אויסגע־שריען און איז אַרויס פון וואַגאָן צוזאַמען מיט די צוויי סאָלדאַטן.

דער עולם האָט זיך אויפגעכאַפּט פון די ווינקעלעך און שטיל געשעפּטשעט :

— שוין, אַ, וואָס ?

— אַלץ אין אָרדענונג — האָב איך געענטפערט. און געטראַכט האָב איך — זאָל שוין דער צוג פאָרן וויטער, וויטער, אַריבער די גרענעץ, טיפער אין דעם פרעמדן לאַנד...

קיינער איז שוין די נאַכט ניט געשלאָפן. פאַרטאָג איז דער צוג אָפּגעפאָרן פון דער גרענעץ און איז אָנגעקומען קיין פּשעמישל.

— איך בין פריי ! — האָט אויסגעשריען דער אַרטיסט ראָזנטאַל און אָנגעהויבן טאַנצן...

יוסף גינזבורג האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין פרוי און שטיל געזאָגט :

— נו, זשעניע, מיר האָבן אויסגעוויילט די פרייהייט !...

און איך, אַ מענטש, וואָס האָב געוואוסט נאָר איין מאַכט אין מיין לעבן, איין „פרייהייט" האָב איך געקענט, די סאָוועטישע „פרייהייט", האָב זיך זייער און זייער פאַרטראַכט, מיר האָט געשראָקן די דעמאָקראַטיע מיט דער צוקונפט מיינער אין די בורזשואַזע לענדער. וואָס וועל איך דאָרטן טאָן, ווי אַזוי וועט מען מיך דאָרט אויפנעמען ?... איך האָב זיך דערפילט ווי אַ צעבראָכן שיפעלע אינמיטן פון אַ גרויסן און רוישיקן ים, צו וועלכן ברעג וועט דאָס שיפעלע צושווימען?...

אויף יעדער סטאַנציע זיינע אַרום מענטשן פון וואַגאָנען מיט זייערע פעקלעך און נאָר מיר, די זעכצן רוסישע יידן, האָבן זיך געשלאָגן מיט דער דעה, צי זאָלן מיר אין דער אָדער אין אַן אַנדער שטאָט אַראָפּשטייגן. מיר האָבן זיך דערוואוסט, אַז דער צוג גייט ביז צו ברעסלאַו און האָבן באַשטימט אַהין צו פאָרן.

אין ברעסלאַו אויפן וואָקזאַל האָבן אונז אָפּגעוואַרט פאַרשיידענע יידן מיט רויטע און בלוי-ווייסע בענדער אויף די אַרבל, גערעדט האָט יעדער פון זיי פויליש, נאָר דערקענט האָבן מיר, אַז עס זיינען יידן, ווייל אויף די רויטע און בלוי-ווייסע בענדער זיינען יידישע אותיות געווען. דעם זין און אינהאַלט פון די אותיות האָבן מיר ניט פאַרשטאַנען. מ'איז אונז באַפאַלן מיט אַ געשריי און מ'האָט זיך, דאַכט זיך אָנגעהויבן צו רייסן איבער אונז :

— פּשעפּראַשאַם פּאַנאָוויע,

— רעדט אויף יידיש ! — האָב איך געזאָגט.

— ווער זייט איר, לאָדזשער אָדער קראָקאָווער ?

— ווער איז פון אייך אַ וואַרשעווער ? — האָט אַ ייד מיט אַ גרוי בערדל געפרעגט.

— קיין קעלצער זיינען צווישן אייך ניטאָ ?

— ניין !...

— פון וואַנען זשע זייט איר ?

נאָר אַנשטאָט צו ענטפערן פון וואַנען מיר זיינען, האָב איך געפרעגט:

— וואו געפינט זיך די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע ?

— וועלכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע ? האָבן מיר אַלע מיט אַמאָל איבערגעפרעגט.

— וואָס הייסט, א וועלכע ?... אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע !...

איך האָב ניט געוואוסט, אַז עס זיינען דאָ אַ פּאָר טוץ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, איך בין דערצויגן געוואָרן אויף איין גאָט, איין פירער און איין פּאַרטיי. מיין ציוניזם איז געווען אַ נאַאיווער, אַן אויסגעחלומ־טער. איך האָב נאָר פאַרשטאַנען, אַז יידן דאַרפן האָבן אַ לאַנד, פּונקט

אזוי ווי עס האָבן דאָס אַנדערע פעלקער. איך בין געווען גרייט פאַר דעם אַ געדאַנק צו אָפּפערן מיט מיין לעבן. איך האָב אָבער ניט געוואוסט, אַז אַרום דעם אַ שיינעם געדאַנק, וואָס איז אַזוי נשמהדיק, דרייען זיך דער רוח ווייסט וויפל פּאַרטייען און שלאָגן זיך און „קעמפן" און רייסן זיך פאַר אַ בענקל...

— קומט ! — האָט צו אונז געזאָגט אַ בלאָנדלעכער דאַרער ייִנג מיט קורצזיכטיקע אויגן — קומט מיט מיר !...

און ער האָט אונז פאַרפירט אין אַ קבוץ, וואָס האָט געהערט צום פּועלי ציון צ. ס.

ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, זיינען אין פּוילן געווען פיל ייִדישע שרייבער, וואָס האָבן געוואוסט, אַז איך געפין זיך אין ברעסלאַו אונטער אַ פאַרשטעלטן נאָמען און איך גרייט זיך צו „גיין" קיין דייטש־לאַנד און פון דאָרט קיין ארץ־ישראל. דאָס האָבן געוואוסט סיי אייניקע אַנטי־קאָמוניסטן, וואָס געפונען זיך איצט אין פּאַריז, תל־אביב און ניו־יאָרק, ווי אויך אייניקע „קאָמוניסטן", וואָס זיינען פאַרבליבן אין פּוילן. אַלע האָבן זיך געפרייט מיט מיין פאַרלאָזן רוסלאַנד און האָבן מיר געוואונשן גליק. אויפן רוף פון „פעפערן", אַז מען זאָל מיך איבערגעבן אין די הענט פון דער פּוילישער מאַכט, כדי מיך צו ברענגען קיין רוסלאַנד, האָט זיך קיין איין ייִדישער שרייבער ניט אָפּגערופן. אַ דאַנק אייך פריינד, איך וועל דאָס קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

ליגנדיק אין קבוץ אויף אַ האַרטן שטרויענעם זאַק און וואַרטנדיק ביז איך וועל האָבן אַ מעגלעכקייט צו פאָרן ווייטער... זיינען פאַר מיינע אויגן אויפגעשוואומען בילדער פון מיין יוגנט אין סאָוועט־רוסלאַנד !

.13

אָדעס. יאָר 1922, איך בין דאַן אַלט געווען 17 יאָר. איך האָב זיך ערשט אומגעקערט פון די פראָנטן קעגען די וויים־גוואַרדייער און באַנ־דיטן. עס האָט זיך פאַרענדיקט דער בירגער־קריג און עס האָט זיך אָנגע־הויבן אַ רואיק לעבן, אַ ניי סאָוועטיש לעבן, וואָס עס איז באַצייכנט געוואָרן מיטן נאָמען : אופּשטעל־פּעריאָד.

איך בין געווען עלנד און קראַנק. איך האָב שוין באַוויזן צו זיין ביי מאַכנאָ'ען אין געפענגניש, זיך אַרויסראַטעווען פון זיינע באַנדיטישע הענט און איצט פירן אַ גליקלעך פרידלעך לעבן פון אַ הייסן קאָמסאָמאָלעץ. וואָס האָט מיר דען געפעלט ? גאָרניט. איך בין באמת גליקלעך געווען.

איך האָב געוואוינט אין אַ קיך, ביי מיינס אַ חבר לויטן קאָמסאָמאָל, ביי ישראל פעלדמאַן, אויף דער סרעדני גאַס 1. מיין חברס עלטערן האָבן זיך צו מיר באַצויגן ווי צו אַן אייגן קינד. איך האָב געאַרבעט אין אָדעסער ניי־פאַבריק, אין דעם קירזשנער־צעך און איך האָב פיין פאַרדינט. פאַר־שטייט זיך, אַז מיין גאַנץ פאַרדינסט איז אַוועק פאַרן צאָלן פאַר נאַכט־לעגער אין קיך און פאַר דעם ביסל שיטערן עסן. אָבער איך בין פאָרט געווען גליקלעך, ווייל איך בין געווען אַלט אין גאַנצן 17 יאָר און איך האָב שוין געהאַט אונטער זיך אַ צוויי־יאָריקע קאַמפּס־דערפאַרונג אויף די פראָנטן מיט די ווייס־גוואַרדייער און פאַרשיידענע באַנדיטן. איך בין געווען אַלט 17 יאָר און איך בין געווען אַ הייסער קאָמסאָמאָלעץ, איך בין אומגעגאַנגען ביז 2 ביינאַכט אין די אָדעסער גאַסן און געזונגען צוזאַמען מיט דער יוגנט, יינגלעך און מיידלעך, אַזוינע ווי איך, די שיינע קאָמסאָמאָלישע לידער: „סמיעלאַ מי וו באָי פּאַידיום, זאַ וולאַסט סאָוועטאָוו" און געטרוימט האָב איך וועגן דעם צוקונפטיקן שיינעם לעבן, וואָס מוז גאָר גאָר גיך קומען, — דער סאָציאַליזם.

און דאָ איז אָנגעקומען אַ בריוו צו מיר פון מיין טאַטן פון אַמעריקע, פון מיין טאַטן, פון אַ מענשן, וועלכן איך קען ניט, אַ מענשן, וועלכער האָט מיר איבערגעלאָזט אין רוסלאַנד, ווען איך בין קוים אַ יאָר אַלט געווען און דער מענש, דער טאַטע מיינער פון אַמעריקע, האָט מיך ניט געקענט ארויסנעמען, צי ער האָט ניט געוואָלט ארויסנעמען צו זיך, דאָס איז ניט וויכטיק. וויכטיק איז, אַז סוף־כל־סוף האָט ער דערפילט זיין חוב. מ'האָט געשריבן אין די אַמעריקאַנער צייטונגען וועגן דעם גרויסן הונגער און ווילקיר אין רוסלאַנד. רייכע אַמעריקאַנער יידן, ווי אויך אָרימע אַמעריקאַנער יידן, אַרבעטער און אָנגעשטעלטע האָבן אָנגעהויבן שיקן פּעקלעך מיט געלד צו זייערע קרובים און פריינט און גלאַט צו יידן קיין רוסלאַנד. נו, האָט זיך מיין טאַטע דערמאָנט, אַז ער האָט דאָך אַמאָל, צוריק מיט 16 יאָר געלאָזט אַ קינד אין רוסלאַנד און אפשר לעבט ער זיין קינד, אפשר הונגערט ער, אפשר קען מען אים ארויסראַטעווען פון דעם באָלשעוויסטישן „גן־עדן"... יאָ, מיין טאַטע האָט מיך אויפגעזוכט, מיך באַשאָטן מיט שפּייז־פּעקלעך, מיט קליידער־פּעקלעך, מיט דאָלאַרן און מיט בריוו, אַז איך זאָל אַלץ טאָן כדי איך זאָל זיך ארויסכאַפּן פון רוס־לאַנד און קומען צו אים קיין אַמעריקע.

אַ יאָ, דאָס איז אַ גליק ?

אָבער פאַר מיר איז דאָס געווען אַן אומגליק !

פאַרשטייט זיך, אַז די שפּייז־פּעקלעך מיט די קליידער־פּעקלעך און די דאָלאַרן זיינען מיר גוט צו נוץ געקומען. איך האָב זיך באַלד געענדערט און עס איז שוין אין מיר ניט געווען צו דערקענען דעם עלנדן, האַלב־

הונגעריקן יינגל. איך, וואָלט פאַרשטייט זיך, אויך געפאָרן צו מיין טאַטן, קיין אַמעריקע, אָבער ווי איז דאָס מעגלעך, אַז איך בין שוין אַלט אַריבער 16 יאָר, דאָס הייסט איך בין שוין אַ זעלבסטשטענדיקער מענש און איך האָב זיך שוין גאָרניט וואָס צו פאַררופן, אַז איך וויל פאָרן צו מיין טאַטן. אומלעגאַל אַנטלויפן פון רוסלאַנד איז געווען שווער און מיר האָט זיך דאָן ניט געלייגט אויפן שכל, אַז מען קען אַזאַ זאַך טאָן. חוץ אַלעמען איז מיר גאָרניט געווען אַזוי שלעכט, אַז איך זאָל גאָר איינשטעלן מיין לעבן און פאַרלאָזן רוסלאַנד. איך האָב געאַרבעט, נישקשהדיק פאַרדינט און מיר איז געפעלן געווען די „סאָוועטן־מאַכט" און איך האָב ליב געהאַט דעם „קאָמסאָמאָל" און איך האָב דאָך שוין אין בירגער־קריג אַלס פרייוויליקער רויט־אַרמייער אויך פאַרגאָסן מיין קינדיש־בלוט פאַר די „סאָוועטן". איי, עס האָט זיך פּלוצלונג פון דער העלער הויט אָפּגעזוכט אַ טאַטע אין אַמעריקע, אַ מענש וועלכן איך קען גאָרניט, דערצו נאָך אַ רב, אַ לערער אין איינער פון די ברוקלינער ישיבות, און דער טאַטע, וועלכער האָט צוליב פאַרשיידענע סיבות ניט געקענט אין משך פון 16 יאָר צו מיר זיך אָנערקענען, האָט זיך איצט ניט נאָר צו מיר אַנערקענט, נאָך זאָגאַר ער פאָדערט אַפילו, אַז איך זאָל נעלם ווערן פון רוסלאַנד, קומען ערגעץ וואו קיין אויסלאַנד און פון דאָרט וועט ער מיר שוין נעמען צו זיך קיין אַמעריקע.

איז אָט, כדי ניט צו פאַרלירן די פאַרבינדונג מיט מיין, ערשט ניט לאַנג געפונענעם טאַטן און דאָך צו אים ניט פאָרן, האָב איך אים געענטפערט אין איינע פון מיינע בריוו, אַז איך האָב שוין געפּרואווט נעלם ווערן פון רוסלאַנד נאָר עס האָט זיך מיר ניט איינגעגעבן.

אין אַ וואָך אַרום, נאָך דעם, וואָס איך האָב געשיקט די בריוו, איז צו מיר געקומען אַ טשינאָווניק פון „טשעקאַ", האָט געמאַכט אין מיין קיך, ווי אויך ביי מיינע בעל־הבתים אין שטוב אַן אונטערזוכונג און מיך אַרעסטירט. געפונען ביי מיר האָט מען עטלעכע בריוו פון מיין טאַטן און אַ רוסיש־ענגליש לער־בוך.

די „טשעקאַ" אין אָדעס האָט זיך געפונען דאָן אויף דער מאַראַזליוורסקע גאַס. מ'האָט מיך אַריינגעשטופּט אין אַ פייכטן האַלב־קעלער, וואו עס האָבן זיך געפונען אויפן ברעטערדיקן פּאָל זיצנדיק ביי אַ דרייסיק מענשן פון פאַרשיידענעם עלטער, פון פאַרשיידענעם אָפּשטאַם, צווישן זיי אויך איין גלח. איך בין אין דער קאַמער געווען דער ייִנגסטער, אַ 17־יאָריק יינגל, כמעט נאָך אַ קינד, און אין מיינע אַמעריקאַנער קליידער, וואָס מיין טאַטע האָט מיר געשיקט אין אַ פּעקל, האָב איך ביי זיי אין די אויגן אויסגעזען, ווי אַן אויסלענדיש קינד, אַ קינד פון עפּעס אַן אויסלענדישן דיפּלאָמאַט, שפּיאָן, אָדער קאָנטר־באַנדיסט. מ'האָט מיך געפרעגט פאַר־

וואָס איך זיץ, נאָר איך האָב ניט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן. דאָ אין דער קאַמער פון דער „טשעקאַ” האָב איך דאָס ערשטע מאָל זיך דערוואוסט וועגן דעם, אַז עס עקזיסטירט אויף דער וועלט אַן „אוגאָלאָווע קאָדעקס” (קרימינאַל־סטאַטוט) מיט פּאַראַגראַפן, אַרטיקלען און קלאַסיפיקאַציעס פון פאַרברעכנס. יעדער איינער פון די אַרעסטירטע האָט שוין געוואוסט זיין אַרטיקל (סטאַטיאַ) מיט זיין פאַרברעכונגס־קלאַסיפיקאַציע, נאָר איך איינער אַליין האָב ניט געוואוסט, וואָס מען וויל פון מיר און פאַר וואָס מען האָט מיך אַרעסטירט.

איך בין געזעסן אויפן פּאָל, געגעסן פון איין שיסל מיט די אַרעסטיר־טע און כאָטש עס איז שוין אַריבער עטלעכע טעג האָב איך נאָך אַלץ ניט געוואוסט פאַר וואָס און פאַר וועמען איך געפין זיך דאָ. מיר האָט זיך געדוכט, אַז מען האָט מיך אַריינגעוואָרפן אין דעם קאַמער און מען האָט שוין פאַרגעסן אין מיר. דערווייל האָב איך זיך באַקענט נעענטער מיט מיינע שכנים אַרעסטאַנטן: איינער איז געווען אַ גרויסער עקאָנאָמיסט, אַ געבילדעטער מענש, און כאָטש עס איז ניט געווען וואָס צו לייענען, ווייל מען האָט פאַרווערט, האָט ער שטענדיק פאַר זיך געפונען לייען־שטאָף שטיקלעך צייטונגען, באַזונדערע בלעטלעך פון ביכער און גלאַט פּאַפּירלעך. מען האָט אים באַשולדיקט אין סאַבאָטאַזש. אַ צווייטער — מיט זער אַ איידל פּנים און ריטערלעכע מאַניערן האָט געהאַט עטלעכע און צוואַנציק נעמען. אַלעמאָל פלעגט מען אים רופן אויף אַ פאַרהער אויף אַן אַנדער נאָמען, ווען דער תפיסה־אויפזער פלעגט עפענען די, מיט אייזן־געקאָ־וועטע, טיר און שרייען:

— ניקאָלאַיעוו?

פלעגט ער זיך אָפּרופן: איך!

— איוואַנאָוו?

— ניטשיאַעוו?

— אויך איך!

— ווידער איך!

מיר האָבן דאַן אַלע געלאַכט. מיר האָבן אים גערופן „די צוואַנציק נעמען”. נאָר ווען ער פלעגט צוריק קומען פון פאַרהער אַ צעבראָכענער, אַ טרויעריקער, האָבן מיר מיט אים צוזאַמען אַ צייט אונטערגעהאַלטן די טרויער־שטימונג. געענוי פאַרוואָס ער איז געזעסן האָט קיינער ניט געוואוסט, אין זיין האַלטן זיך איז געווען אַזוי פיל פירסטלעכקייט און דאָך פּראָסטקייט, אַז מען האָט אים חושד געווען, אויב ער איז אַליין ניט ניקאָלאַי דעם צווייטנס יורש, איז ער דאָך עמיצער פון דעם קייזערס משפּחה.

דער אַלטער גלח מיט דער גרויסער צעשפּרייטער באָרד, ווי אַ בעזים

האָט געהאַלטן אין אייןריידן אויף אַלגעמיין וועלטלעכע טעמעס און ווען ניט זיינע גלח'אישע קליידער, וואָלט מען דאָך קיינמאָל ניט געקענט זאָגן, אַז דער אָ מענש האָט אַ שייכות מיט רעליגיע. מ'האָט אים קיינמאָל ניט געזען צײלימען און ניט דאַווענען. געזעסן איז ער אָבער דערפאַר, ווייל ער האָט אין זיין קלויסטער געהאַלטן אַנטי־סאָוועטישע רעדעס.

אָט אין אַזאַ קאָמפּאַניע פאַרברעכער, האָט מען מיך דעם 17 יאָריקן יינגל אַריינגעוואָרפן. איצט האָב איך שוין געוואוסט, אַז דאָס איז נאָר אַ קאַמערע פאַר די, וואָס זיצן צום אויספאָרשן זייערע זינד. דערנאָך, אַז עס וועט פעסטגעשטעלט ווערן די שולד, וועט מען שוין איבערשיקן אין אַ צווייטער קאַמערע, אין תפיסה, אָדער מען וועט שטעלן צו דער וואַנט, טאַקע דאָ אונטן מיט עטלעכע טרעפּלעך נידעריקער אין אַ קעלער. יאָ, פאַר די עטלעכע חדשים, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו זיצן אין די אויספאָרשונגס־קאַמער פון „טשעקא", האָב איך ניט איין נאַכט געהאַט אַ שלאָפלאָזע. איך און מיינע מיט־אַרעסטאַנטן זיינען געזעסן אויפן פאָל אַ גאַנצע נאַכט און זיך צוגעהערט מיט ציטער און גרויל אין דער נשמה צו די לידער־געזאַנגען, די וויי־געשרייען און יאָמערן פון די „סמערטניקעס", די אויף טויט־פאַרמשפּטע דורך די „טרויקע", דעם „דריילינג", וואָס האָט געהאַט רעכט אויפן אָרט פאַראורטיילן אָדער באַפרייען, לויט זייער איינזען, די באַשולדיקטע. דאָס געזאַנג, די וויי־געשרייען און דאָס יאָמערן פון מענשן, דאָס האָט באַטייט, אַז די „סמיערטניקעס" געזעגנען זיך מיט זייער לעבן און מיט גאָטס וועלט... פאַרטאָג האָבן מיר געהערט איינצלנע שאָסן. מיר האָבן אַלע שטיל אַראָפּגעבויגן די קעפּ. טרערן האָבן געפלאָסן איבער אונזערע געזיכטער. קען זיין, אַז יערעד איינער פון אונז האָט געטראַכט, אַז מאָרגן וועט ער זיין אין דער „סמיערטנער קאַמערע".

איינע פון אַ זיינע נעכט האָב איך נאָך דורכגעלעבט אין די ערשטע דריי מעת־לעת'ן פון מיין אַרעסט. איך האָב ניט אויסגעהאַלטן און איך האָב זיך צעוויינט.

— פאַרוואָס, פאַרוואָס האָט מען מיר אַרעסטירט ?

— אָט וועט מען דיך רופן אויף אַ פאַרהער — האָט צו מיר געזאָגט „די צוואַנציק נעמען" — וועסטו שוין וויסן פאַרוואָס !

און דאָס האָט נאָך מיר מער צער פאַרשאַפט. איך האָב געזוכט זינד אין מיין יינגער נשמה, זינד קעגן מענשן, זינד קעגן לאַנד, און איך האָב זיי ניט געפונען.

— איז וואָס פאָרט וויל מען פון מיר ?

איינמאָל, אין מיטן דער נאַכט האָט מען מיר געוועקט פון שלאָף. אין קאַמער איז געווען פינצטער און קאַלט. אַ קליינער עלעקטריש לעמפּל האָט באַלויכטן מיין געזיכט.

— פּאָידיום !... קום !...

איך האָב געציטערט. עס האָט אין מיר געוואָרפן א צאָן אין א צאָן. מ'האָט מיך געפירט איבער א לאַנגן האַלב־פינצטערן קאָרידאָר. דער קאָרידאָר איז געווען אזוי לאַנג, אז מיר האָט גערוכט, אז איך גיי און גיי איבער אים א גאַנצע אייביקייט, נאָר אָט האָט זיך די אייביקייט געענדיקט. מ'האָט מיך אריינגעפירט אין א שטאַרק באַלויכטענעם צימער. די שיין האָט מיר אזוי א זעץ געטאָן אין פּנים, אז איך בין אזש פריטשמעלעט געוואָרן. ביסלעכווייז האָב איך זיך צוגעוואוינט צו קוקן. ביי א טיש איז געזעסן א מענש אין דער פולער „טשעקא"־אוניפאָרם און האָט עפּעס געלייענט. נאָר באַלד האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון די פּאַפּירן און האָט אויף מיר א קוק געטאָן. ער האָט א מורקע געטאָן ווי א קו.

— מו — מו...

עס האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן אין מיין האַרץ. ער האָט מיך געפרעגט:

— דיין נאָמען ?...

איך האָב אים געזאָגט. דאַן האָט ער מיר ווידער געפרעגט :

— ווייסטו אין וואָס דו ווערסט באַשולדיקט ?

— ניין ! — האָב איך געענטפערט.

— ניין ? — האָט ער זיך געוואונדערט און האָט זיך מיר געהייסן זעצן — באַלד וועסטו וויסן !

און לויט זיינע רייד האָט זיך באַקומען, אז איך בין שוין געווען אין אויסלאַנד, זיי וויסן אפילו וואו און וואָס איך האָב דאָרט געטאָן. זיי האָבן שוין פון מיר אָנגעזאַמלט א גאַנצן פּאַק דאָקומענטן. און דאָ אויפן אָרט באַווייזט ער מיר א „דיעלע", וואָס עס איז איינגעפירט אויף מיר... און ער נעמט אַרויס פון דער „דיעלע" די לעצטע בריוו, וועלכע איך האָב געשיקט צו מיין טאַטן און דעם רוסיש־ענגלישן לער־בוך...

אזוי גאָר ?... און מיר איז באַלד געוואָרן גרינגער אויפן האַרצן. אָט פאַרוואָס איך זיץ ? — און איך גיב אפילו א שמייכל. עס וועט באַלד אַלץ אויפגעקלערט ווערן און מען וועט מיר באַפרייען... אָבער ניין. ניט אזוי לייכט איז געווען א מענשן אָן א נשמה, א מענשן מיט א פאַרשפּילעטן אויף אַלע שיינענדיקע קנעפּלעך, פון „טשעקא"־מונדיר, צו איבערצייגן, אז איך האָב א טאַטן אין אַמעריקע, א טאַטן, וועלכער האָט מיר איבערגעלאָזט אין רוסלאַנד באַלד נאָך די בלוטיקע פּאָגראָמען פון יאָר 1905, ווען איך בין קוים איין יאָר אַלט געווען, א טאַטן, וועלכער האָט מיר געוואָלט נעמען צו זיך, נאָר די מלחמה פון יאָר 1914 האָט דאָס געשטערט, א טאַטן, וועלכן איך האָב גלאַט אָפּגעענטפערט א בריוו, אז איך האָב שוין געפרואווט פאָרן צו אים, נאָר עס האָט זיך מיר ניט איינגעגעבן. איך האָב דאָס אזוי געמוזט שרייבן, ווייל איך האָב אים

ניט געוואָלט אָנטאָן קיין צרות, איך האָב ניט געוואָלט, אַז ער זאָל מיינען, אַז איך וויל צו אים ניט פאָרן...

מיינע רייד, מיין געוויין האָט דעם שטיינערנעם מענטשן אין דער „טשעקא"־אוניפאָרם ניט גערירט. נאָך עטלעכע חדשים זיצן אין „טשעקא" האָט מען מיך מיט נאָך אַ פּאָר צענדליק, געווים אויך אַזעלכע „פאַרברע־כער" ווי איך, אונטער אַ פאַרשטאַרקטע וואַך פון צענדליקער פוס־גייער און רייטער־סאָלדאַטן פון „טשעקא" איבערגעפירט אין דער אָדעסער תפיסה. מ'האָט צעטריבן דעם עולם, וואָס האָט אויף אונז געקוקט, מ'האָט אָפּגעשטעלט די גאַנצע באַוועגונג אויף די גאַסן ווען מען האָט אונז געפירט. מענטשן האָבן געווים געטראַכט, אַז דאָס פירט מען גרויסע און וויכטיקע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן אָדער באַנדיטן... און דאָ איז דורכ־געגאַנגען צווישן אַ נישטיקער קאָמפּאַניע, צווייפעלהאַפטיקע פאַרברעכער, איינער אַן אומשולדיק נאַריש יינגל, אַ 17־יאָריק יינגל, וואָס האָט ערשט דורכגעמאַכט צוויי יאָר פריייוויליקע דינסט אין דער רויטער אַרמיי אויף די פראָנטן פון בירגער־קריג און זיין זינד באַשטייט נאָר אין דעם, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אַ נאַריש בריוול צו זיין טאַטן קיין אַמעריקע און דורך דעם בריוול איז ער פאַרעכנט געוואָרן אַלס פאַרדעכטיקטער, וואָס פירט פאַרבינדונגען מיט אויסלאַנד.

אין דער אָדעסער תפיסה בין איך אָפּגעזעסן נאָך פינף חדשים. נאָך פיל מאַטערנישן האָט מען מיר באַפרייט. איך האָב צוגעזאָגט מער ניט האָבן קיין פאַרבינדונגען מיט אויסלאַנד.

איך בין צוריק אָנגעקומען אַרבעטן אין דער אָדעסער ניי־פאַבריק, „שווייפראם". איך האָב צוריק געהאַט מיין קאָמסאָמאָלישן בילעט, איך האָב צוריק געשריבן אין די אַנקעטן און פראַגעבויגנס, אַז מיין טאַטע איז געשטאָרבן, איך האָב ניט קיין טאַטן. און באמת האָב איך שוין מער ניט געהאַט קיין חשק זיך איבערשרייבן מיט עפּעס אַן אַמעריקאַנער טאַטן פון וועלכן איך האָב אַזוי פיל צרות געליטן.

מיט דער צייט האָט זיך פאַרהיילט די וואונד. איך האָב פאַרגעסן די צרות, די בזיונות, שרעק און גוואַלד־טאַטן, וואָס איך האָב געהאַט אויס־צושטיין אין „טשעקא" און אין תפיסה. עס איז אויפגעגאַנגען אַ ניי לעבן, אַזאַ „שיינס", מיט רויטע סטענגעס און גאָלדענע אותיות. קיין אַנדער לעבן, קיין בעסערס האָב איך ניט געזען און זיך ניט פאָרגעשטעלט. יאָ, דאָ איז מיין צוקונפט, דאָס איז מיין לאַנד, קאָמוניזם איז מיין אידעאַל. איך זע דעם רויטן שטערן מיט דעם סיערפּ און האַמער. ער באַלויכט מיין יינג־עלנד לעבן, דער אַ רויטער שטערן...

אַזוי איז דאָס געווען ביזן יאָר 1926.

.14

מיר איז שווער צו זאָגן, ווי אַזוי און ביי וועלכע אומשטענדן איך האָב אָנגעהויבן שרייבן. צי האָב איך דורכגעמאַכט אַלץ, וואָס יעדער אָנפאַנגער מאַכט דורך ביים אָנהויב ? צי האָב איך אויך לכתחילה געשריבן לידער ?

ניין ! מיין קומען אין דער ליטעראַטור איז געווען גאָר אַן אויסער־געוויינלעכער. די ליטעראַטור פון יענער צייט איז געווען מערער אַ לידער־ליטעראַטור, ווי אַ פּראָזע־ליטעראַטור. עס איז דאַן ניט געווען קיין איין איינציקער יונגנטלעכער, וואָס זאָל ניט קענען אויף אויסנווייניק די לידער פון איזי כאַריק׳ן, איציק פעפער׳ן, אשר שוואַרצמאַנ׳ען, דוד הופשטיין, עזרא פיינבערג, אהרן קושניראָוו, לייב קוויטקאָ און אַנדערע. די פּראָזע האָט ניט באַווירקט, ווייל עס איז דאַן כמעט קיין סאָוועטישע פּראָזע ניט געווען. און איך ווייס ניט ווי אַזוי איך, אַ יינגל וואָס בין דאָך קיינמאָל ניט געווען אין קיין ליטעראַרישע סביבה, האָב גאָר פּלוצלונג אָנגעהויבן שרייבן דערציילונגען. קען זיין, אַז מיינע שווערע, שטורמישע איבער־לעבונגען פון קינדערוייז אָן, האָבן זיך ניט געקענט אַריינלייגן אין אַ פאָרם פון אַ ליד. אין מיין לעבן איז דאָ, אויסער שטימונג, פיל אַקציע, האַנ־דלונג אינהאַלט און דאָס פּאַסט זיך גיכער אַריין אין אַ פּראָזאַאישער פאָרם.

פון אָנהויב האָב איך געשריבן אין רוסיש. מיר איז זיך שווער צו דערמאָנען ווי אַזוי און פאַרוואָס איך האָב אָנגעהויבן שרייבן יידיש און האָב אַזוי שטאַרק ליב באַקומען דאָס יידישע לשון.

דעם אַכטן מערץ 1926, איז אין מאָסקווער צייטונג „דער עמעס" אונטער משה ליטוואַקאָוו׳ס רעדאַקציע געווען אָפּגעדרוקט מיין ערשטע דערציילונג „איטקע פון שווייפּראָם" און פון דאַן אָן הויב איך אָן צו פּאַרעפנטלעכן אַ גאַנצע ריי דערציילונגען אין כמעט אַלע יידישע צייטונגען און זשורנאַלן פון סאָוועטן רוסלאַנד. איבערהויפּט דרוק איך זיך אין מאָסקווער „עמעס" אונטער ליטוואַקאָוו׳ס רעדאַקציע און אין מינסקער חודש־זשורנאַל „שטערן" אונטער דער רעדאַקציע פון איזי כאַריק׳ן. שפּעטער, ווען איך האָב זיך שוין אויסגעפאָרמירט אַלס פּראָזאַיקער און איך האָב שוין געהאַט אפילו אַרויסגעגעבן מיין ערשט ביכל דערציילונגען האָב איך אויך אָנגעהויבן שרייבן לידער, אָבער איך האָב זיך באַצויגן צו פּאָעזיע מיט יראת הכבוד און איך בין געווען אַזוי באַשיידן אין מיין שאַפן, אַז איך האָב עטלעכע לידער אָפּגעדרוקט אונטער אַ פּסעוודאָנים. מיין שרייבן לידער איז געווען נאָר אונטער דער השפעה פון מיין פריינט איזי כאַריק.

אָבער מיין גרינטלעך אַריינטרעטן אין דער ליטעראַטור האַלט איך

דאָס יאָר 1930, ווען איך בין געקומען דאָס ערשטע מאָל קיין מאָסקווע און האָב צוגעגרייט צום דרוק מיין ערשטן בוך „אָדעסער דערציילונגען" אין „אופּקום". (אגב, וויל איך דאָ צוגעבן, אַז זייער פיל האָט מיר געהאָלפן אין ארויסגעבן דעם בוך משה כץ, וועלכער געפינט זיך איצט אין אַמעריקע און איז נאָך אַלץ אַ קאָמוניסט...)

איך וויל דאָ אונטערשטרייכן, אַז די יאָרן 1925-1926 זיינען אין רוסלאַנד געווען יאָרן פון גרעסטן און העכסטן אויפשטייג און בליאונג פון דער יידישער קולטור, אַ קולטור אַ יידיש־נאַציאָנאַלע לויט דער פאָרם און אינטערנאַציאָנאַלע, סאָוועטישע, סאָציאַליסטישע, באָלשעוויסטישע לויטן אינהאַלט. דאָס מוז מען צורעכענען צום אַקטיוו פון דער פּאָזיטיווער טעטיקייט פון די „ייד־סעקציעס" ביי דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און ביי די סאָוועטישע רעגירונגס־אַנשטאַלטן. זיי, די „ייד־סעקציעס" (יעווו־סעקציעס) האָבן באמת געשטרעבט צו טאָן גוטס אויפן געביט פון יידישער קולטור, נאָר באַקומען האָט זיך סוף־כל־סוף שלעכט. ווייל אין צען יאָר אַרום, אין די יאָרן 1935-1936 האָט זיך פון דער גאַנצער פאַרצווייגטער און בליענדיקער יידישער קולטור אויסגעלאָזט אַ בוידעם און אין די יאָרן 1937-1938 איז שוין כמעט קיין שפּור פון יידישער קולטור אַרבעט ניט געבליבן ?...

פאַרוואָס און ווי אַזוי דאָס איז געשען באַשרייב איך אויספירלעך אין דעם צווייטן טייל פון דעם בוך, וועלכן איך רוף אָן : „ב ל ו ט א ו י ף ד ע ר ז ו ן". דאָרט גיב איך אַ גרונטלעכן אַנאַליז פון דער סאָוועטיש־יידישער טראַגעדיע. דאָרט באַווייז איך, ווי אַזוי די סאָוועטן־מאַכט האָט צו ערשט ליקווידירט די יידישע יידישקייט און האָט געשאַפן סאָוועטישע יידישקייט. צום סוף אָבער האָט די סאָוועטן־מאַכט ליקווי־דירט אויך די סאָוועטישע יידישקייט...

דאָס ביסל יידיש, וואָס מען האָט געפּרעדיקט און שטאַרק קולטיווירט פון אָנהויב אָן האָט אין זיך שוין געהאַט דעם גיפט פון פאַרגיפטן זיך אַליין. עס איז געווען אַזאַ יידיש, וואָס איז פון אָנהויב אָן געווען אויסגערעכנט אויף אייגענער איזאָלירטער עקזיסטענץ, איזאָלירטער פון דער גרויסער יידישער קולטור, וואָס עקזיסטירט אויסער רוסלאַנד, איזאָ־לירטער פון וועלטלעכן און רעליגיעזן יידנטום...

איך וויל דערווייל איבערלאָזן די „פילאָזאָפיע", פאַרוואָס עס איז אונטערגעגאַנגען דאָס יידישע קולטור־לעבן אין רוסלאַנד. און איך וועל זיך אומקערן צוריק צו דער צייט פון די יאָרן 1925-1926, ווען עס איז יאָ געווען אַ יידיש־קולטור לעבן.

אין דער אָדעסער ניי־פאַבריק „שווייפּראָם", אין דעם קירזשנער־צעך, האָבן געאַרבעט פיל אַרבעטער, איבערהויפּט געוועזענע בונדאָווצעס,

וועלכע האָבן גענומען אַ גרויסן אַנטייל און האָבן מיטגעווירקט, אַז איך זאָל אַנטוויקלען מיינע ליטעראַרישע פעאיקייטן, פּאָרזעצן שרייבן און באַקומען וועלטלעכע בילדונג. איך מוז דאָ דערמאָנען מיט דאַנקבאַרקייט די בונדאָווצעס אברהם זאַסלאַווסקי, מאַכלין און מאָרגענשטערן. די מענשן האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט יעדע מיינע אָפּגעדרוקטע דערציילונג און האָבן מיר געהאָלפן מיט עצות און זייער אָפט אפילו מאַטעריאַל.

איך האָב אָנגערופן דריי מענשן אַלס בונדאָווצעס. דאָס איז אפשר אין גאַנצן ניט ריכטיק, ווייל צו יענער צייט האָט שוין קיין בונד אין רוסלאַנד ניט עקזיסטירט. פאַרן וואָרט „בונד" האָט מען געקענט אַריינ־כאַפּן אַ שיינע פּאָר יאָר תפיסה, אָבער אַלע אַרבעטער האָבן געוואוסט, אַז די אָנגערופענע מענשן זיינען געווען אַקטיווע בונדאָווצעס. מאַכלין איז איינער פון די ערשטע אַריין אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און אין יאָר 1937, ביי דער זויבערונג, „טשיסטקע" האָט אים יעזשאָוו אַזוי זויבער געמאַכט, אַז קיינער פון די אַרבעטער און פון זיינע באַקאַנטע ווייסן גאָרניט וואו זיין געביין איז אַהינגעקומען. דערביי מוז איך צוגעבן, אַז ווערליק איך האָב פּערזענלעך געקענט דעם געבילדעטן, איידעלן און אויפריכטיקן אַרבעטער און פריינט חבר מאַכלין, האָט ער זיך באמת אָפּגעזאָגט פון בונד און איז מיט לייב און לעבן אַריבער צו די קאָמוניסטן. און מיר איז שווער צו באַגרייפן, פאַרוואָס ער האָט געהאַט אַזאַ ביטערן סוף. — אברהם זאַסלאַווסקי איז געבליבן אַן אומפּאַרטייאישער — באָל־שעוויק. (אין רוסלאַנד מוזן די אומפּאַרטייאישע אויך זיין באָלשעוויקעס). אָבער מיר דוכט זיך, אַז טיף אין דער נשמה איז ער נאָך היינט אויך אַ בונדאָוויעץ. — מאָרגענשטערן איז אויך אַריין אין דער פּאַרטיי. מען האָט אים אָבער ביי דער לעצטער „טשיסטקע" אויסגעשלאָסן און איך האָב אים לעצטנס געזען אין מאָסקווע אַ דערשלאָגענעם און אַן אַרבעטסלאָזן...

אויך אייניקע אַרבעטער, געוועזענע ציוניסטן און אַרבעטער־קאָמו־ניסטן האָבן מיר פיל געהאָלפן.

אין יאָר 1926, איז אין איין צייט אַראָפּגעקומען אין אָדעס משה ליטוואַקאָוו און איזי כאַריק. זייער פּערזענלעכע באַקאַנטשאַפט מיט מיר האָט גורם געווען מיין ווייטערדיקן עקזיסטענץ סיי אַלס שרייבער אַזוי אויך אַלס מענש. דער פּועל יוצא פון דער פריינטשאַפט איז געווען די, וואָס איך בין געוואָרן אויס אַרבעטער. איך בין אַוועק זיך לערנען. איך בין געוואָרן אַ סטודענט, פריער דריי יאָר אין דעם אָדעסער „אַרב־פאַק" (אַרבעטער־פאַקולטעט), דערנאָך איין יאָר אין דעם יידישן אָפּטייל פון מאָסקווער צווייטן־מלכה־אוניווערזיטעט און ווייטער צוויי יאָר אין דעם

ליטעראַרישן פאַקולטעט פון דעם אָדעסער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, וועלכן איך האָב געענדיקט אין יאָר 1932.

איך האָב געפירט אַ גרויסע קאָרעספּאָנדענץ מיט ליטוואַקאָוו'ן און כאַריק'ן. זייער אָפט פלעגן מיר זיך באַגעגענען, די צוויי מענשן האָבן דערשפּירט מיין אומרואיקע נשמה מיט די טיף־נאַציאָנאַלע געפילן. כאַריק האָט מיך גערופן צו זיך קיין מינסק. ליטוואַקאָוו האָט מיר געראָטן פאָרן קיין בירא־בידזשאַן. איך האָב שטאַרק ליב געהאַט דעם האַרציקן כאַריק'ן. איך האָב אָבער הויך געשעצט דעם קלוגן קאַלטן ליטוואַקאָוו.

.15

אָדעס, מאָסקווע און מינסק.

אין אָדעס אויפן „אַרב־פאַק" און דערנאָך אין אינסטיטוט איז אַלס לעקטאָר פון ליטעראַטור געווען פּראָפעסאָר שלמה בילאָוו, אַ מענש מיט גרויסע אָראַטאָרישע פּייאַיקייטן, אַ מענש, וואָס האָט געקענט שעה'ן ווייז ריידן וועגען מענדעל'ן, שלום־עליכם'ן, פּרץ'ן און דערביי מאַכן אַ פאַרגלייך מיט שעקספּיר'ן, פלאָבער'ן, דיקנ'ס און אַנדערע. און מיר יינגעלייט, יינגלעך און מיידלעך און אפילו פאַרהייראַטע מענער און פרויען, וואָס האָבן געוואָרפן אונזערע אַרבעט אין די פאַבריקן, זאַוואָדן און קאָלכאָזן צוליב דערלערנען די יידישע ליטעראַטור, מיר יידישע סאָוועטישע סטודענטן האָבן ממש געשלונגען זיינע שיינע רייד און אונז איז קיינמאָל ניט מיאוס געווען אים צו הערן.

אויסער דעם, איז ש. בילאָוו געווען אַ גוטער מענש און חבר. ער האָט געקענט אַריינדרינגען אין דער נשמה פון יעדן סטודענט און וויסן מיט וואָס יענער אָטעמט. ער האָט גלייך דערשפּירט צו עמיצער פון די סטודענטן שרייבט, שאַפט און ער האָט געהאַט זיינס אַ באַזונדערן צוגאַנג צום סטודענט, אַז יענער זאָל אים אָנטרויען זיין ווערק, כדי ער, דער געניטער פּראָפעסאָר פון ליטעראַטור זאָל דאָס ווערק חבריש אָפּשאַצן...

נאָך איין לעקטאָר און ליטעראַטור־קריטיקער איז אין אָדעס געווען — סאָלאָווייטשיק. זייער אַ טרוקענער, כאָטש אויך זייער אַ באַגאַבטער מענש. סאָלאָווייטשיק האָט ניט געהאַט דעם חברישן צוגאַנג צו די סטו־דענטן, אַזוי ווי בילאָוו. ער איז געווען אויך אין זיין פּריוואַטן לעבן אַ מין אַסקעט. בילאָוו פלעגט קעגן סאָלאָווייטשיק'ן פאַרפירן עפנטלעכע דיספּוטן אויף ליטעראַרישע טעמען. און אַלע האָבן געוואוסט, אַז דאָס מאַכט מען נאָך מאָסקווע, ווייל דאָרט אין מאָסקווע קומען פאָר דיספּוטן צווישן מ. ליטוואַקאָוו'ן און י. נוסינאָוו'ן.

איך וויל, אז עס זאָל בלייבן פאַר דער געשיכטע פאַרצייכנט יעדער פעריאָד, ווען יידישע ליטעראַטור און קונסט, יידישע שפּראַך און בכלל יידישע קולטור האָט געבליט אין רוסלאַנד אונטער דער באָלשעוויסטישער הערשאַפט. דאָס זיינען געווען די יאָרן פון 1925 — ביז 1931. מיר, די יוגנט, האָבן דאַן געלעבט מיט יידיש, מיט יידישן גלויבן און מיט יידישן וואָרט. זייער פיל האָט זיך דאַן אָפּגעזשומעט מיט וועוויארקעס, רעהאַביליטאַציע פון שמ״ר׳ן. דער באַגאַבטער שרייבער, דיכטער, דראַמאַ־טורג און קריטיקער וועוויארקע האָט מיט ביישפּילן פון שמ״ר׳ס ווערק באַוויזן, אַז שלום־עליכם׳ס משפּט איבער שמ״ר׳ן איז ניט אינגאַנצן געווען קיין באַגרינדעטער און אַז שמ״ר האָט אין זיינע שאַפונגען געהאַט פיל סאָציאַלע שטייגערישע ווערק, וואָס האָבן געבראַכט גרויסע נוצן דעם פּשוטן מענטשן און האָבן דערצויגן פאַר אונז אַ דור יידישע לייענער. אויך די דיסקוסיעס איבער דעם נסתּר׳ס סימבאָלישע מעשׂיות האָבן אַרויסגערופן גרויסן אינטערעס ניט נאָר ביי דער יוגנט, נאָר אַפילו ביי די עלטערע יידן, יידישע לייענער פון אָדעס, מאָסקווע, מינסק, קיעוו, אומן, בער־דיטשעוו א. א. וו.

זייער פּאָפּולער און אין דער מאָדע איז געווען דאַן דער ביז גאָר באַגאַבטער יינגער ליטעראַטור־קריטיקער און ליטעראַטור־פאָרשער יאשע בראָנשטיין. ער האָט אין מאָסקווע געענדיקט דעם אינסטיטוט פון רויטער־פּראָפעסורע. זיינע ליטעראַטור־קריטישע און ליטעראַטור־פאָרשערישע אַרטיקלען האָבן געטראָגן אַן אָנגרייפערישן כאַראַקטער. טיף און שאַרפ־זיניק איז געווען יעדער זאַץ זיינער. דער סטיל פון זיין שרייבן איז געווען אַ פיינער, כמעט אַ דיכטערישער. ער האָט געהאַלטן אַז, כדי צו קריטיקירן יענעם מוז מען קודם־כל אַליין קענען בויען אַ פיינעם זאַץ... ער איז געווען קען מען זאָגן דער איינציקער סאָוועטיש־יידישער קריטיקער, וואָס האָט זיך ניט געהאַלטן אין די שטרענגע דאָגמעס. אין די פאָרשריפטן פון „הויבן״, אין דער גענעראַל־ליניע פון דער פּאַרטיי. ער האָט זיך געהאַט זיין אייגענע „גענעראַל־ליניע״, ער האָט ניט געשפּילט „קיין ליבע לויט אַ באַפעל״... זיין יוגנטלעכער אויפבראַוז, זיין חברישע אויפריכטיקייט און זיין טיפער אַלזייטיקער אַנאַליז פון דעם באַהאַנדלטן ווערק, אָט דאָס איז געווען זיין „גענעראַל־ליניע״. ווען עס איז דערשינען זיין בוך „אַטאַקע״ האָט עס געמאַכט אויף אַלעמען אַ גרויסן רושם און אַ דער־פרייידיקן איינדרוק. נאָך משה ליטוואַקאָוו׳ן, האָט ער, דער יינגער יאָשע בראָנשטיין פאַרנומען דעם סאַמען אויבן אָן אין דער סאָוועטי־שער ליטעראַטור־קריטיק. ער האָט אויך פיל קריטישע אַרטיקלען געשריבן אין דער רוסישער שפּראַך. אין יאָר 1937, בעת דער הערשאַפט פון יעזשאָווטשינע איז זיין ליטעראַרישע טעטיקייט צוגלייך מיט זיין יונג לעבן

אונטערגעהאקט געוואָרן... קיינער דערמאָנט גאָר איצט ניט יאָשע בראָנ־שטיין'ען, קיינער ניט, גלייך ווי אזא דערשיינונג וואָלט גאָר אין דער סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור קיינמאָל ניט געווען!... ניט נאָר ליטוואקאָוו און כאַריק זיינען געווען יאָשע באַרנשטיינ'ס בעסטע פריינד, נאָר אויך אַלע, אַלע פון די גרויסע, מיטעלע און קליינע יידישע סאָוועטישע שרייבער, זיינען מיט אים געווען אין די בעסטע פריינדלעכע חברישע באַציאונגען און האָבן אין אים געזען דעם יידישן בעלינסקי.—אָבער באַלד, נאָכדעם, ווי מען האָט אים אין ג. פּ. או. פאַרנומען האָט מען אים פאַרגעסן...

אין אָדעס האָט פאַר אונז געלייענט אַ קורס „דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם" דער יידישער געלערנטער און פילאָזאָף, פּראָפעסאָר מ ע ל אַ מ ע ד. מעלאַמעד האָט געשטאַמט פון סאַראַטאָוו. ער איז דאָרטן געווען אַ פירער פון בונד, נאָך ביי דער סאָוועטן־מאַכט, ווען דער בונד איז זיך „צעפאַלן" און ער איז געבליבן איינער אַליין, איז ער אַריבער אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. איך האָב שוין אויף מיין לעבן געהערט גרויסע און שיינע רעדנער. איך האָב געהערט קערענסקי'ן און טראָצקי'ן, לונאַטשאַרסקי'ן און בוכאַרינ'ען, אָבער אַזוי פאַרכאַפּנדיק מיט אַזוי פיל לאָגיק און האַרציקייט ווי פּראָפעסאָר מעלאַמעד האָבן יענע ניט גערעדט. ער איז געווען אַ טובערקאָלאָז־קראַנקער מענש, ער האָט ניט געטאָרט פיל ריידן און פיל אַרבעטן, וווייטער וואָלט ער ווי אַ טריבון און געלערנטער גאָר הויך אוועק. צו אונז יידישע סטודענטן האָט ער זיך באַצויגן מיט אַ ברידערלעכע ליבע. ער האָט געהאַט עפּעס אַ מין באַזונדערע שוואַכקייט צו טאָן גוטס יעדן איינעם, גוטס אין זיינע מעגלעכקייטן און אויסער זיינע מעגלעכקייטן. אַז ער איז אַמאָל געווען אַ בונדאָוויעץ האָט ער פאַר קיינעם ניט אויסבאַהאַלטן, דערפאַר איז ער אָבער איצט געווען אַ זייער געטרייער באָלשעוויק און איך ווייס ניט פאַרוואָס מען האָט דעם גוטהאַרציקן, ערלעכן און הויך־געבילדעטן מאַן און פילאָזאָף איינגעזעצט אין תפיסה.

דער פירער פון דער „ייד־סעקציע" אין אָדעס, איז געווען חבר אברהם, אַ געוועזענער פּשוטער אַרבעטער, מיר דאַכט זיך, אויך אַ געוועזענער בונדאָוויעץ. זיין וויסן און טאַלאַנט צו פירן דיסקוסיעס אויף אַלע ליטעראַרישע, פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע טעמעס האָט ער דערוואָרבן דורך זעלבסט־בילדונג. ער איז געווען זייער באַליבט אין אָדעס ביי די אַרבעטער, ווי אויך ביי דער סטודענטנשאַפט. — וואו זיין געביין איז אהינגעקומען אין יאָרן 1936—1938 ווייס קיינער ניט.

די לערער פון דער יידישער שפּראַך האָבן זיך ניט באַנוצט מיט גרויס סימפּאַטיע ביי די סטודענטן, כאָטש שפּראַך דאָס איז דער גרונד־קענטשטאַנד געווען ביי די סטודענטן, וואָס האָבן געשטרעבט צו

ווערן יידישע פעדאגאגן, קולטור־טוער, שרייבער און ארטיסטן. דער לימוד פון דער יידישער שפּראך איז געווען אזוי טרוקן, אז מען האָט זיך מיט גרויס מאַטערניש אויפגעהאַלטן אין דער אודיטאָריע בעת די פאַר לעקציעס שטונדן. ניט פּראָפעסאָר זארעצקי אין מאָסקווע, ניט פּראָפע־סאָר ליובארסקי אין אָדעס און ניט אפילו פּראָפעסאָר מ. שטיף אין קיעוו האָבן געקענט פאראינטערעסירן די סטודענטן מיט זייער טרוקענעם צו־גאנג צו דערלערנען די יידישע שפּראך. דער איינציקער וועמען עס איז מעגלעך געווען צו הערן, איז געווען דעם באגאבטן שפּראך־קענער פּראָ־פעסאָר א. ספּיוואק. ער, ספּיוואק, האָט זיין גראמאטיק פאר די סטודענטן געמאכט לעבעדיק מיט זיינע פיל ליטעראַרישע אילוסטראציעס, ווי אויך מיט זיין באזונדערקייט בעת דעם לייענען פאר די סטודענטן דעם קורס יידישע שפּראך. אויך דער אַווטאָר פון דעם יידיש־גראמאטישן לערן־בוך „יידיש", פּראָפעסאָר פאַלקאָוויטש, האָט געהאַט א גוטן שם ביי די סטו־דענטן מיט זיין אמתער אייראָפּייאישער האַלטונג און אויפפירן זיך אויף די לעקציעס.

צווישן די סטודענטן פון אָדעסער „ארב־פאַק", פעד־טעכניקום, דער־נאָך אינסטיטוט זיינען אַרויסגעוואַקסן די דיכטער חנה וויינערמאן, און י. יאנקעלעוויץ (ארעסטירט אין 1937); די פּראָזאיקער עלי גאָרדאָן, עלי שעכטמאן און פייוול סיטא. און די קריטיקער אירמה דרוקער און רימא־ניוק און אויך דער שרייבער פון די שורות. קיין איינער פון זיי האָט אבער אין קיין איין ווערק ניט געשילדערט די „גאָלדענע צייט" פון דעם אָדעסער לערן־פּעריאָד. איך נאָר איינער אַליין, האָב געמאכט אזא פּרואוו. אין 1930 איז אין מינסקער „שטערן" אונטער איזי כאריק'ס רעדאקציע געווען אָפּגעדרוקט מיין דערציילונג „סטודענטן", וואו אַלס פּראָטאָפּיטן האָבן מיר געדינט אַלע פּראָפעסאָרן און סטודענטן פון דעם אָדעסער „ארב־פאַק" און אינסטיטוט.

.16

ווען איך האָב אין יאָר 1929, געענדיקט דעם אָדעסער „ארב־פאַק" האָב איך ניט געוואָלט גייען ווייטער לערנען אין אָדעסער אינסטיטוט. מיר האָט געצויגן אַהין אין דער גרויסער מאָסקווע. אין צענטר פון וואַנען די באָלשעוויסטיש־רוסישע און באָלשעוויסטיש־יידישע זון שיינט און צעוואַרפט אירע קולטור־שטראַלן איבער אַלע שטעט און דערפער פון דעם

גרויסן רוסלאַנד. משה ליטוואַקאָוו האָט מיר צוגעזאָגט איינאָרדענען מיט אַ גוטער סטיפּענדיע, בין איך געקומען קיין מאָסקווע.

זאָל דאָ דערמאָנט ווערן, אַז פון אַלע עקן שטעט און שטעטלעך זיינען יידישע יוגנט, ווי אויך עלטערע, געקומען קיין מאָסקווע אין צווייטן מלוכה־אוניווערסיטעט, אויפן יידישן אָפּטייל, הערן משה ליטוואַקאָוו׳ס קורס פון יידישע ליטעראַטור. זאָגן, אַז משה ליטוואַקאָוו איז געווען אַ גלענצנדער רעדנער קען איך ניט. פּאַרקערט ער האָט גאָר גע־שטאַמלט ווי אַן אַלטער ייד. נאָר אין די פּראָסטע רייד איז געווען אַזוי פיל חכמה, אַזוי פיל גוטמוטיקער הומאָר און בייסנדיקע סאַטירע, אַז דאָס האָט געצויגן צו זיך און געצוואונגען זיצן, הערן, לאַכן און זיך וואונדערן. דאָס זיינע ניט געווען קיין לעקציעס, נאָר זכרונות פון ליטוואַקאָוו׳ן וועגן זיינע באַגעגענישן און מיטאַרבעט מיט שרייבער, דערביי האָט ער שוין יעדן איינעם (שלום אַש, נאָמבערג׳ן, וויסנבערג׳ן א.א.וו.) אַריינגעבן אַזאַ פּאַרציע קריטיק, סיי וועגן זייער שאַפן אַזוי אויך וועגן זייער פּערזענ־לעכקייט גופא, אַז מען האָט געשטוינט פון די טיפזיניקע, גוט־באַגרינ־דעטע און טרעפלעכע עפּיטעטן, פּאַרגלייכן און מייסטערישן אַנאַליז.

קיין סך האָט ליטוואַקאָוו ניט געשריבן, נאָר דערפאַר, אַז זיינס אַן אַר־טיקל האָט זיך שוין איינמאָל אין אַ חודש באַוויזן אין „עמעס" איז דאָס געווען אַ באָמבע, אַ געשעעניש. מען פלעגט אויסלייענען דאָס אַרטיקל ביז מען האָט אַזש לעכער געמאַכט אין דער ציימונג. און דערנאָך פלעגט מען ווייטער אומגעדולדיג וואַרטן ווען ליטוואַקאָוו וועט זיך ווידער באַ־וויזן מיט אַן אַרטיקל אין ציימונג. אין איין אַרטיקל אין „עמעס" דער־מאָנט מיך ליטוואַקאָוו אַלס אַ „קאָמסאָמאָלישן" שרייבער. דאָס איינציקע מאָנומענטאַלע ליטעראַריש־קריטיש ווערק זיינס, פאַר דער סאָוועטן־מאַכט איז געווען דער צוויי־בענדער בוך זיינער „אין אומרו". משה ליט־וואַקאָוו האָט אין זיין „אומרו" (אויף וויפל די באָלשעוויסטישע גענעראַל־ליניע האָט דאָס דערלויבט) געגעבן אַן אַנאַליז וועגן דער ביז און נאָך אַקטיאַבערישער יידישער ליטעראַטור.

ליטוואַקאָוו איז געווען אַ בייזער מענש און ער האָט כמעט קיין פריינד ניט געהאַט. כמעט אַלע די מענשן, וועלכע ער האָט אַרויסגע־האָלפן אין דער ליטעראַטור האָבן אים פאַר זיין „ברויט" אָבגעגעבן מיט „שטיינער". דאָס האָט אים נאָך מער פאַרביטערט, און ער האָט ניט גע־קענט דולדן, ווען אַ שרייבער האָט געוואָגט אים צו קריטיקירן, אָדער איז ניט מסכים געווען מיט זיינס אַ מיינונג. אַזוי אַ שטייגער ווען איך האָב ליטוואַקאָוו׳ן געזאָגט, אַז איך בין ניט מסכים מיט דעם, וואָס ער רופט מיך אָן אין זיין אַרטיקל, אין „עמעס" — „דער יינגער קאָמסאָ־

מאָלישער שרייבער", ווייל איך בין אַ יידישער שרייבער און ניט קיין קאָמסאָמאָלישער, האָט ער בייז אויף מיר אַ געשריי געטאָן:

— פאָרט אייך קיין אויסלאַנד, וועט איר דאָרט זיין אַ יידישער שרייבער!

איך האָב דאַן ניט פאַרשטאַנען זיין אויסגעשריי. איצט ווען איך בין אין אויסלאַנד, קלינגען מיר זיינע ווערטער פאַרשטענדלעך...

נאָר צוויי מענשן האָבן פאַר ליטוואַקאָוו'ן עקזיסטירט פון וועלכע ער וואָלט, ווי מיר דוכט זיך, געקענט אויסהערן דערווידערונגען, אַזוי ליב האָט ער זיי געהאַט, דאָס זיינען געווען איזי כאַריק און דער ניט־לאַנג פאַרשטאָרבענער גרויסער אַרטיסט מיכאָעלס.

אויסער ליטוואַקאָוו'ן האָט אין מאָסקווער אוניווערזיטעט פאַר אונז געלייענט קורסן פון יידישער ליטעראַטור, דער קריטיקער און דראַמאַטורג פּראָפעסאָר י. דאָברושין, דער זייער־באַליבטער ביי אַלע סטודענטן, פּראָ־פעסאָר י. נוסינאָוו און י. גורנשטיין, וועלכער איז אומגעקומען אויפן פראָנט אין קאַמף מיט די פאַשיסטישע דייטשן ביים פאַרטיידיקן מאָסקווע.

פון די פּראָפעסאָרן, וואָס האָבן געלייענט אין דער רוסישער שפּראַך פאַר אַלע פאַקולטעטן, אין דעם גרויסן לענין־זאַל פון אוניווערזיטעט זיינען זייער באַליבט געווען ביי די סטודענטן דער פּראָפעסאָר מאָטיליאָוו, וועלכער האָט געלייענט אַ קורס „פּאָליטישער עקאָנאָמיע". און פּראָפעסאָר קאָרנילאָוו, וועלכער האָט געלייענט אַ קורס „פּסיכאָלאָגיע". איך וויל דאָ אונטערשטרייכן, אַז פּראָפעסאָר קאָרנילאָוו האָט זיך באַנוצט מיט אַזאַ גרויסן אווטאָריטעט און ליבע ביי זיין אודיטאָריע, אַז מען פלעגט אים באַגעגענען מיט רוישנדע אַפּלאָדיסמענטן. זיינע לעקציעס וועגן פּסיכאָ־לאָגיע פלעגט ער באַגלייטן מיט עקספּערימענטן פון היפּנאָז, באַווירקונג און דורך רעפלעקסן, וועלכע ער פלעגט אַרויסרופן ביי די סטודענטן, וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט און געלאָזט אויף זיך מאַכן עקספּערימענטן, אַ דאַנק אָנווענדונג פון פאַרשיידענע פון אים דערפינדעטע און קאָנ־סטרואירטע עלעקטרישע מכשירים. דער פּראָפעסאָר קאָרנילאָוו האָט אויף זיינע לעקציעס דאַן זיך אויסגעדריקט פאַר די סטודענטן (איצט וואָלט ער אַזוינס ניט געזאָגט) אַז ער האָט אַ ספּעציעלע לאַבאָראַטאָריע אין איינע פון די מאָסקווער תפיסה־געביידעס, וואו ער מיט זיינע אַסיסטענטן ווענדן אָן די וויסנשאַפטלעכע עקספּערימענטן אויף די אַרעסטאַנטן...

איך האָב אַ יאָר אָפּגעלערנט אין מאָסקווע און איך בין דאַן געווען אין אַ צושטאַנד פון אַזאַ דערהויבנקייט פון דעם יידיש־סאָוועטישן „ליטעראַטור בית־מקדש", אַז איך האָב זיך פאַרטיפט אין לערנען, פאַר־געסנדיק אין זיך זעלבסט, פאַרגעסענדיק, אַז איך, אַ לעבנדיקער מענש,

א 25 - יאָריקער יונגערמאַן מוז אויך לעבן אויף דער וועלט מיט אַ פּערזענלעך לעבן... מיין צופּיל באַשיידנקייט און דערוויטערטקייט פון מענשן האָט דאַן אַרויסגעדרונגען פון צוויי סיבות:

ערשטנס. — איך האָב אין די קינדער־יאָרן קיין שול ניט באַזוכט איך האָב אין די קינדער־יאָרן געלערנט נאָר צוויי יאָר אין אַ חדר און איין יאָר אין מענדעלע מוכר ספרים׳ס תּלמוד - תּורה און איך האָב צו 22 יאָר אָנגעהויבן לערנען אין „אָרב־פּאַק" דאָס, וואָס 9—8 יאָריקע קינדער לערנען אין די אָנפאַנגס־שולן. פאַר דריי יאָר האָב איך באַדאַרפט אויסשטודירן דאָס, וואָס קינדער מאַכן אין אַ נאָרמאַל שול אין משך פון צען צוועלף יאָר.

צווייטנס. — ווען איך האָב שוין דערגרייכט צו דער מדרגה צו זיין אַ סטודענט פון יידישן אָפּטייל ביים צווייטן מאָסקווער מלוכה־אוניווערזיטעט, האָב איך דערשפּירט, אַז די גאַנצע גרויסע יידישע פאַר־צווייגטע בליענדיקע קולטור, איז איצט אין דעם יאָר 1930 ענלעך צו אַ ליליע: זי פוילט און שטינקט פוןביידע עקן, פון קאָפּ און פון די פיס. עס פאַרמאַכט זיך איין יידישע שול נאָך דער צווייטער, די אַסימי־ליאַציע האָט אָנגענומען ריזיקע מאַסשטאַבן און פאַר די סטודענטן פון יידישן אָפּטייל איז גאָר קיין צוקונפט ניטאָ. מיינע געדאַנקן האָב איך דאַן אַרויסגעזאָגט ליטוואַקאָוו׳ן און איזי כאַריק׳ן, וועלכער איז פּונקט דאַן אין מאָסקווע געווען. כאַריק האָט מיר פאָרגעשלאָגן איבער־צופאָרן צו אים קיין מינסק. דאָרט אין וויים־רוסלאַנד האָט די אַסימי־ליאַציע ניט אָנגענומען אַזאַ גרויסן פאַרנעם. ליטוואַקאָוו אָבער האָט געזען די גרויסע צוקונפט פאַר יידיש נאָר אין ביראָ־בידזשאַן און ער האָט מיר געראַטן אַהין פאָרן.

כאַראַקטעריסטיש פאַר מיין צושטאַנד אין יענער צייט איז דאָס וואָס אויף איינער אַ לעקציע פון פּראָפעסאָר י. נוסינאָוו, האָב איך וועגן אַ געוויסער פראַגע אַרויסגעזאָגט מיין מיינונג, נוסינאָוו האָט זיך געוואונדערט, וואָס פאַר אַ גאַנץ יאָר לערנעז זיך ביי אים, האָב איך דאָס ערשטע מאָל גענומען אַ וואָרט אין די ליטעראַרישע דיסקוסיעס. און ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז איך בין אַ שרייבער, דער אוטאָר פון „איטקע פון שווייפּראָם", „מיין היינט", „שרופּין" און „סטודענטן", האָט ער מיר פיל חברישן און האַרציקן מוסר געזאָגט און מיר פאַרבעטן צו זיך אַ היים מיט מיינע נייעסטע שאַפונגען.

— סטייטש — האָט פּראָפעסאָר נוסינאָוו צו מיר זיך געווענדעט — באַשיידנקייט האָט דאָך אויך אַ גרענעץ.

איך האָב באַזוכט נוסינאָוו׳ן, אים געגעבן לייענען מיינע נייעסטע דערציילונגען, און ער האָט מיר דאָ אויפן אָרט ניט נאָר פאַרגע־

שלאָגן ארויסלאָזן מיין ערשטן בוך, נאָר ער האָט אַפּילו מיר געגעבן אַ בריוו צום הויפּט־רעדאַקטאָר פון יידישן אָפּטייל ביים מאָסקווער מלוכה־פאַרלאַג (אַ פאַרלאַג וואָס האָט קאָנקורירט מיטן „עמעס"־פאַרלאַג) צו משה כץ'ן, וועלכער געפינט זיך, אגב, איצט אין אַמעריקע. משה כץ האָט מיך אויפגענומען גאָר פריינטלעך. ער האָט געזאָגט, אַז ער קען מיך פון דער ליטעראַטור זייער גוט און ער וועט מיר ארויסלאָזן מיין בוך אָן נוסינאָוו'ס רעקאָמענדאַציע.

צו יענער צייט, ד. ה. צו ענדע פון לערן־יאָר אין מאָסקווער אוניווערזיטעט איז משה ליטוואַקאָוו צייטווייליק געווען ארויסגעוואָרפן פון דער פאַרטיי און אַראָפּגענומען פון דער אַרבעט אַלס רעדאַקטאָר פון מאָסקווער „עמעס" און אַלס פּראָפעסאָר פון אוניווערזיטעט. דאָן איז געווען די ערשטע „פאַרטיי־טשיסטקע". ליטוואַקאָוו האָט געהאַט זייער פיל אויסצושטיין אויף דער פאַרטיי־רייניקונג, וואו זיין פּערזענלעכער ענין האָט זיך געצויגן פיל טעג. אין עטלעכע חדשים אַרום האָט מען אים צוריק אויפגעשטעלט אויף אַלע זיינע פּאָסטנס און אין אַלע זיינע רעכט.

17.

אין יענער צייט איז אין מאָסקווע, אין דעמאָלטדיקן יידישן קלוב „קאָמוניסט" (היינט עקזיסטירן שוין ניט אַזעלכע קלובן אין רוסלאַנד) פאָרגעקומען אַ גרויסער ליטעראַרישער אָוונט פון איזי כאַריק'ן. עס איז געווען כמעט אַ טויזנט־קעפּיקער יידישער עולם. די שמחה איז געווען זייער גרויס, מ'האָט געליובט כאַריק'ן, אַלס איינעם פון די טאַלאַנטירסטע יידישע דיכטער. מ'האָט אים אָבער אויך געליובט דערפאַר, וואָס ער איז געוואָרן באַשטימט אַלס מיטגליד פון דער וויים־רוסישער רעגירונג און דערפאַר, וואָס ער אַליין, ביז איצט אַן אומפּאַרטייאישער, האָט זיך אָפיציעל דערקלערט פאַר אַ קאָמוניסט און איז באַשטעטיקט געוואָרן אַלס מיטגליד פון פאַרטיי דירעקט דורכן וויים־רוסישן צענטראַל־קאָמיטעט. איך ווייס ניט פאַרוואָס איך אייגער אַליין בין דאַן טרויעריק געווען. איך בין ניט קיין נביא, נאָר מיר איז עפּעס ניט געפעלן געווען דאָס צו הויכע פליען, כאַריק'ס. וואָלט עס בלויז געווען אויפן געביט פון קונסט, וואָלט איך זיך געפרייט, יאָ, דאָ מעג כאַריק פליען... אָבער ווערן אַ מיטגליד פון אַ רעגירונג, אַ מיטגליד פון אַ פאַרטיי ? !... ער, איזי כאַריק, מיט זיינע טיף יידישע נאַציאָנאַלע געפילן, מיט זיינע אויפריכטיקע נאַציאָנאַל יידישע מאָטיוון אין דער פּאָעזיע, — ניין, כאַריק'ן קליט גאָר ניט צו זיין אַ רעגירונגס־מאַן, ער דאַרף זיין נאָר אַ דיכטער !...

און אייניקע מענשן האָבן געהאַלטן פאַר אַ גליק פאַר דער יידישער ליטעראַטור און קולטור, וואָס גראַד איזי כאַריק איז באַשטימט אַלס איינער פון די מיטגלידער פון דער ווייסרוסישער רעגירונג.

איזי כאַריק איז געווען איינער פון די באַגאַבטעסטע און באַליבטעסטע דיכטער אין רוסלאַנד. דער אָנהויב פון דער יידיש־סאָוועטישער ליטעראַטור, די ליטעראַטור פון בירגער־קריג פּעריאָד קען ניט דערמאָנט ווערן אָן דעם נאָמען פון איזי כאַריק. איך וויל זיך האַלטן ביים געשיכטלעכן אמת און זאָג, אַז מיר, די יידישע יוגנט פון יענער צייט, האָבן זיך ממש פאַרליבט מיט די לידער פון כאַריק׳ן און פעפער׳ן. די צוויי נעמען זיינען דאַן ניט אַראָפּ פון די ליפּן פון דער אַרבעטער־יוגנט. מ׳האָט זיך פאַרלייענט מיט איציק פעפער׳ס ביכל לידער „וועגן זיך און אַזוינע ווי איך" און מיט איזי כאַריק׳ס „מינסקער בלאָטעס". אָבער דער גורל פון די צוויי באַליבטע דיכטער איז געווען אַ פאַרשיידענער. אין דער צייט, ווען איציק פעפער איז ביז דאָ ניט לאַנג געווען איינער פון די ליטעראַרישע פירער אין מאָסקווע און זיין דיכטערישע קאַריערע האָט געשטיגן מיט „דיפעראַמבן" צו סטאַלינ׳ען און וועגן סטאַלינ׳ען, האָט כאַריק׳ס קאַריערע זיך פאַרענדיקט אויף זיין גלענצנדער יידישער פּאָעמע וועגן זיין זיידן דעם בדחן, וואָס האָט געטאַנצט אויף פרעמדע חתונות... איזי כאַריק׳ן האָט מען, ווי אַ יידישן נאַציאָנאַליסט אַריינגעזעצט אין תפיסה און פאַרפייניקט.

אָבער דער גורל פון אַ יידישן דיכטער אין סאָוועט־רוסלאַנד איז שוין אַזאַ, אַז ווען ער איז אַפילו אַ זינגער אין דעם קרעמל־הויף און קניעט פאַר סטאַלינ׳ען ווי פאַר אַ קעניג און בוקט זיך צו אים ווי פאַר אַ גאָט און פאַרגלייכט אים אין זיינע „גראַם־שטראַם־פּאָעזיעס" צו אַ זון וואָס שיינט און גיט גליק, — העלפט עס אויך ניט. דער סוף פון אַ יידישן שרייבער אין רוסלאַנד איז! ל י ק ו י ד י ר ט צ ו ו ע ר ן, און אויך פעפער׳ן דעם געטרייען דיכטער־קאָמוניסט האָט די סאָוועטן־מאַכט ניט געשאַנעוועט...

איך וויל דאָ אָנווייזן אויף אַ פּאָר טרויעריקע קוריאָזן, וואָס מיר איז אויסגעקומען איבערצולעבן מיט אַ צייט צוריק אין ארץ ישראל. איך האָב געהאַלטן אַ פאָרטראַג אויף דער טעמע: „די סאָוועטישע יידישע ליטעראַטור". איך האָב דערביי אַרויסגעבראַכט די טעזע, אַז אין רוסלאַנד איז די יידישע ליטעראַטור געוואָרן פּאַראַלגעמיינערט, די יידישע ליטעראַטור איז נאָר לויט דער שפּראַכלעכער פאָרם אַ יידישע, אָבער לויט דעם אינהאַלט, אין תוך איז דאָס אַ סאָוועטישע ליטעראַטור, ווי קיין שום יידישער נוסח אין דער קעגנוואַרט איז שוין דאָרט ניטאָ. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב באַוויזן די אָביעקטיווע סיבות, וועלכע פירן

צו דעם, אַז קיין ספּעציפיש יידישער נוסח זאָל ניט זיין. נאָך מיין פאַר־לעזונג איז אַרויסגעטראָטן איינער אַ אינטעליגענטער יידישער יונגערמאַן, אַן אָנהענגער פון די אַזוי־גערופענע, פּראָגרעסיווע פּאַרטייען, (קאָמוניסטן, לינקע פּועלי־ציון, שומר הצעיר א. א.) און האָט געוואָלט ווייזן, אַז אין רוסלאַנד, אין דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור איז דווקא יאָ דאָ יידישער נוסח, און דערביי האָט ער זיך פאַררופן אויף איזי כאַריק׳ס שאַפן און משה קולבאַק׳ס שאַפן.

איך האָב אין מיין פאַרטראַג, ספּעציעל ניט דערמאָנט, ניט וועגן כאַריק׳ן, ניט וועגן קולבאַק׳ן, און ניט וועגן אַנדערע געליטענע יידישע שרייבער. צוליב פאַרשטענדלעכע סיבות, האָב איך דאַן אין יענע פּאָלי־טישע באַדינגונגען פון ישראל, ניט דערציילט וועגן די גרויזאַמקייטן, קאָ־שמאַרן און ווילקירן פון דער סאָוועטישערווירקלעכקייט. אָבער וואָס קען איך טאָן, אַז די „פּראָגרעסיווע, סאַלאָן־קאָמוניסטן און אַנדערע אול־טראַ־פּראָ־סאָוועטישע מענשן” קריכן פון דער הויט אַרויס און ווילן נאָר דערווייזן, אַז אין סאָוועטן־רוסלאַנד איז אַלץ גוט ?... וואָס האָב איך געקענט טאָן, אַז מיין פּראָגרעסיווער אָפּאָנענט האָט דווקא געוואָלט באַווייזן, אַז אין רוסלאַנד און אין דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור איז דאָ יידישער נאַציאָנאַלער מאָטיוו און דערביי האָט ער זיך פאַררופן אויף איזי כאַריק׳ן און משה קולבאַק׳ן, וועלכע איך האָב באַוואוסטזיניק (כדי ניט צו זיין אַנטי־סאָוועטיש) פאַרשוויגן ?... האָב איך שוין געמוזט דערציילן פאַרן עולם, אַז גראָד די דערמאָנטע שרייבער, ווייל זיי זיינען אמת יידישע, מיט יידישן נוסח אין זייער שאַפן, גראָד זיי האָט די סאָוועטן־מאַכט אין תפיסה פאַרשפּאַרט, זיי פאַרניכטעט און זייערע ביכער פאַרבאָטן צו לייענען. און דערפאַר קען מען זיי, די דיכטער, מיט זייערע ווערק ניט רעכענען פאַר סאָוועטישע. דאָרטן, אין רוסלאַנד, זיינען די ווערק וועלכע מיין פּראָגרעסיווער אָפּאָנענט האַלט אַלס סאָוועטישע מיט יידישן נוסח פאַררעכנט פאַר נאַציאָנאַל שאָוויניסטישע און שעדלעכע...

עס איז קלאָר, וואָס פאַר אַן איינדרוק מיינע ווערטער האָבן געמאַכט אויף דעם פאַרזאַמלטן עולם. מיין „פּראָגרעסיווער אָפּאָנענט” האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז ער איז מיאוס אַריינגעפאַלן און אַז איך זאָג דעם אמת, אַזאַ פאַקטישן אמת, וועלכן מען קען מיט גאָרניט גובר זיין... ער האָט פאַרשטעלט מיט זיינע הענט זיין געזיכט. מיר דוכט, אַז ער האָט גע־וויינט. ער האָט ניט געהאַט מער וואָס צו דערווידערן.

איך ווייס דאָס אַלץ, וואָס איך דערמאָן דאָ, וועגן מיין גרויסן פריינד, דעם יידישן דיכטער איזי כאַריק, דאָס זיינען נאָר אַרויסגעריי־סענע בלעטלעך פון זיינע, מיינע און אויך פיל אַנדערע לעבנס־געשיכ־טעס. אָבער די וועלט מאָנט אַ גרינדלעכן אַנאַליז פון כאַריק׳ס לעבן און

שאפן, די וועלט מאַנט עס זאָלן אויפגעדעקט ווערן די סיבות פאַר וואָס מען האָט אים און אויך אַנדערע יידישע שרייבער, אַרטיסטן, מוזיקער און געזעלשאַפטלעכע טוער אַרעסטירט און פאַרפייניקט.

שרייבנדיק די שורות וואַרפט עס מיר אין אַנגסטן, עס גיסן זיך די טרערן פון מיינע אויגן, עס רונט דאָס בלוט פון מיין הארצן. אַי דער זכרון, דער זכרון, די באָלשעוויקעס האָבן געמיינט, אַז מענטשן האָבן אַ קורצן זכרון. מע וועט פאַרגעסן אין די אומרעכטן וואָס זיי טוען. ניין, איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן !...

עס שטייט פאַר מיינע אויגן דער גרויסער דיכטער, וועלכן איך האָב אויסגעוויילט אַלס פריינט, ווייל ער האָט מיט זיין ליידנשאַפטלעכער נשמה אויפגענומען די ערשטע שאַפונגס־ווערטער פון אונטער מיין פען, ער האָט צוגעלייגט זיין אויער צו מיינע ערשטע ליטעראַרישע טריט, ער האָט מיך דערהערט און מיט צעשפּרייטע הענט מיך אויפגענומען :

— הערשל, קום קיין מינסק !...

און מיר דאַכט זיך, אַז ער שטייט פאַר מיר, דער יידישער דיכטער א י ז י כ א ר י ק און בעט מיך : — הערשל, שריי אויס פאַר דער וועלט מיין פּיין און ליידן.

אָט שטייט ער פאַר מיר, איזי כאַריק, מיט זיין נביאישן קוק אויף דעם סאָוועטישן לעבן, וואָס זינקט אין זומפּן און בלאָטעס און ער ראַנג־גלט זיך מיט דעם לעבן, ער לאָזט זיך ניט אַריינציען אין דער בלאָטע, פון יעדער שורהלע זיינס ווייט מיט יידישקייט, יעדער ליד זיינער, אפילו סאָוועטיש פאַרשלייערט, אָטעמט און ווייעט מיט אמתער יידישער דיכטונג, מיט יידישן תענוג און יידישן נוסח...

ניין, איך וויל ניט לאָזן, אַז די וועלט זאָל פאַרגעסן אָן דעם, וואָס די סטאַלינצעס, די יעזשאָווצעס, די באָלשעוויסטישע סאָוועטן־מאַכט האָט געטאָן מיט יידן, מיט יידישע שרייבער מיט יידישע אַרבעטער און מיטן יידישן פאָלק.

די וועלט ווייסט וואָס היטלער האָט מיט יידן געטאָן. און וואָס האָט סטאַלין מיט יידן געטאָן ?

איך האָב געבלוטיקט און פאַר זיך אויסגעקעמפט די רעכט פון מיין פרייען וואָרט, פון מיין פרייען געדאַנק; דער וואָס שטיקט דאָס פרייע וואָרט, מעג זיך אַרויסגעבן פאַר אַ פּראָגרעסיוון פון היינט ביז מאָרגן, איז ער פאָרט ביי מיר אַ מין באַצווינגער, אַ קאָמוניסטישער פאַשיסט.

נעמט די „פּראַוודאַ", די „איזוועסטיאַ", דעם „עמעס", דעם „שטערן" און אַלע צייטונגען, וואָס זיינען צווילינגען, ענלעכע איינער אויף דער אַנדערער, נעמט די צייטונגען פון יאָר 1937 און לייענט און שטוינט, איר וועט דאָך מיט אייערע אייגענע אויגן ניט גלויבן איצט

אין דעם אַלעם, וואָס איר וועט לייענען (ניט אומזיסט קענט איר זיך ניט גראָבן אין די אַרכיוון פון די צייטונגען אָן אַ ספּעציעלע דער־לויבעניש פון דער נ. ק. וו. ד.'ען).

די מורא און שרעק פאַר שפּיאָנען, טראָצקיסטן, נאַציאָנאַליסטן, שונאים פון פאָלק, איז געווען אַזוי גרויס, אַז מ'האָט אָנגעהויבן פירן אין די צייטונגען אַ ברייטע אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע צווישן דער אַרבעטער, קאָלכאָזנער און אינטעליגענטנער יוגנט, צווישן דעם עלטערן נאַאיוור־איבערגעגעבענעם דור. די צייטונגען האָבן אָנגעהויבן ריידן צו זייער פילבאַרערער נשמה מערער ווי צו זייער פאַרשטאַנד, די צייטונגען האָבן גערעדט דאַן לפּי ערך מיט אַזוינע ווערטער ;

יעדער סאָוועטישער בירגער, יעדער פּאַטריאָט פון זיין סאָוועטישן פאָטערלאַנד, יעדער אַרבעטער און אינטעליגענט, ווען ער האָט עפּעס אַ חשד אויף אַ מענטשן, מוז ער גיין און דערציילן אין די געהעריקע זיכער־הייטס־אָרגאַנען.

צו די מיידלעך :

ווען דו זעסט, אַז דיין חתן האָט עפּעס געהיימנישן פון דיר, פאַר־באָרגענע גענג, קום און דערצייל, דאָס איז דיין חוב.

צו די יוגנטלעכע :

ווען דו זעסט, אַז דיין כלה פירט זיך אויף פאַרדעכטיקט, ווען דו פאַר־שטייסט ניט די אויפפירונג פון דיין פאָטער, דיין ברודער, דיין חבר, ווען דו הערסט עפּעס אַזוינע רייד, וואָס דוכטן זיך דיר פאַרדעכטיקטע, קום און דערצייל.

צו אַלע סאָוועטישע בירגער :

העלפט אונז אויסכאַפּן די שונאים פון פאָלק, די טראָצקיסטן און שפּיאָנען, וואָס שטערן אונזער גליקלעך לעבן, וואָס שטערן אונז בויען דעם סאָציאַליזם אין אונזער לאַנד. קומט און דערציילט וועגן יעדן אייגעם, אויף וועלכן ביי אייך איז דאָ אַ חשד, אַז ער איז אַ שפּיאָן, אַ טראָצקיסט, אַ נאַציאָנאַליסט, אַ שונא פון פאָלק. דאָס איז דער חוב פון יעדן ערלעכן, איבערגעגעבענעם געטרייען דער סאָוועטן־מאַכט בירגער.

און אַזוי ווייטער און ווייטער לפּי ערך אין דעם נוסח...

אָט אַזוי האָבן דאַן געשריבן די צייטונגען און טויזנטער נאַאיווע, בירגער פון דעם סאָוועטן־לאַנד זיינען געגאַנגען אין דער ג. פּ. או. און אין אַנדערע אַנשטאַלטן און דערציילט אַלץ, וואָס זיי האָט זיך געדוכט פאַר־דעכטיקט. טויזנטער נאַאיווע, און שוין צופיל געטרייע צוליב זייער נאַ־איוויטעט, מענטשן און צווישן זיי אַפילו אינטעליגענטנע און געבילדעטע מענטשן, האָבן זיך געכאַפּט אויף דער ווענטקע, זיינען אַריינגעפאַלן אין דער נעץ...

און נאָך דעם, ווען מען האָט טויזנטער און טויזנטער אומשולדיקע מענשן אַרעסטירט, אַריינגעזעצט אין די תפיסות אַלס שונאים פון פאָלק, האָט מען זיך גענומען צו די געטרייע פּאַטריאָטן, צו די נאַאיווע סאָוועטישע בירגער, וועמען מ׳האָט פריער אַגיטירט, אַז זייער חוב איז צו דערציילן וועגן יעדער פאַרדאַכט און מ׳האָט זיי געמאַכט פאַר רכילות־טרייבער, „קלעוועטניקעס" און מ׳האָט זיי אַליין אויך אַריינגעזעצט אין די תפיסות „זאַ קלעוועטניטשעסטוואַ"...

נו, וויל איך פרעגן ביי די מענשן און זייערע פּאַרטייען, וואָס האַלטן זיך פאַר פּראָגרעסיווע : — אָט דער אמת, אָט די פאַקטן, וואָס איך גיב דאָ אָן, דאָס איז דער פּראָגרעס, פאַר וועלכן איר קעמפט ?...

איך ווייס, אַז איר וועט מיר מאַכן פאַר אַ סאָוועטן־פיינט. עס וועט אייך אָבער ניט העלפן. איך שרייב איצט די ווערטער, ניט ווייל איך בין אַ פיינט די סאָוועטן, נאָר ווייל איך בין אַ פריינט פון אמת, פון פרייען וואָרט, פרייען געדאַנק און פון פרייען מענשן און איך וויל, אַז ניט נאָר ביי די סאָוועטן, נאָר אין קיין שום לאַנד, זאָל זיך אָט די אויבנדערמאָנטע „פּראַקטיק" ניט איבערחזרן.

יאָ, איך האָב געבלוטיקט און זיך אויסגעקעמפט די רעכט צו ריידן פריי. און איך דערצייל ווייטער אַלץ וואָס איך ווייס :

18.

איך בין געפאָרן פון מאָסקווע מיט איזי כאַריק׳ן קיין מינסק. די שטאָט וועגן וועלכע איך האָב פיל געהערט האָט טאַקע אויף מיר געמאַכט אַ קאָלאָסאַלן איינדרוק מיט דעם יידישלעכן געמיט. נאָך מאָסקווע, אַז מען פאַלט אַריין קיין מינסק דערפילט מען זיך, ווי מ׳איז פון אַ גויש דאָרף געקומען אין אַ יידיש שטעטל.

מאָסקווע איז דאָך שיין און גרויס, מאָסקווע מיט דעם מעכטיקן קרעמל, מיט די וואונדער־שיינע מעטראָ־סטאַנציעס, מיט די אייראָפּעאישע גאַסן און אַלט־סלאַווישע קלויסטערס, מיט די מוזעאומס און ביבליאָטעקן האָט אָבער ניט דעם חן פאַרן יידישן יונגענמאַן מיט אַ ריין יידישער נשמה, ווי מינסק, מיט איר דורך און דורך יידישקייט טראָץ אַלע רעפאָרמען, ענדערונגען און נייַ־בויאונגען. אַ יידישער שרייבער אין מינסק, (פאַרשטייט זיך צוריק מיט 15־10 יאָר. איצט איז מינסק מער ניט יידיש). האָט זיך געפילט בעסער ווי אין אַדעס, בעסער ווי אין מאָסקווע און אודאי בעסער ווי אין קיעוו. אַ מינסקער יידישער

שרייבער האָט ליב אַלע שרייבער. אַ מאָסקווער, בפרט, אַ קיעווער זיי האָבן ליב נאָר זיך...

עטלעכע טעג האָב איך געלעבט ביי כאַריק'ן אין אַן אַלטער צוויי־צימערדיקע דירה, אויף דער ראַקאָווער גאַס. ער האָט ערשט ניט לאַנג חתונה געהאַט און האָט זיך געקליבן איבערגיין אין אַ גרויסער דירה פון די נײַ־בויאונגען אויף דער סאָוועטישער גאַס, אין דעם הויז פון די ספּעציאַליסטן. כאַריק'ס אַלטע דירה, האָט דערנאָך, ווען כאַריק האָט זיך שוין איבערגעצויגן אין זײַן נײַע דירה, באַקומען דער יינגער דיכטער ה. שווערדיק, וועלכער איז אומגעקומען אויפן פראָנט אין קאַמף מיט די היטלעראָווצעס, ביים פּאַרטיידיקן ווײַס־רוסלאַנד.

אַזוי איז שוין געווען איינגעפירט אין מינסק, אַז איין יידישער שרייבער האָט געהאָלפן אַ צווייטן מיט וואָס נאָר ער האָט געקאָנט, מיט אַ דירה, מיט געלט און מיט אַרויסלאָזן אַ בוך.

דער נאָענסטער חבר כאַריק'ס איז געווען זעליג אַקסעלראָד, ביז גאָר אַ טאַלאַנטירטער דיכטער. אין אָנהויב פון קריג (מיט עטלעכע חדשים פאַרן קריג איז ער געוואָרן אַרעסטירט) האָט אים די מינסקער נ. ק. וו. ד. דערשאָסן.

— פאַרוואָס ?...

ווייל ער האָט אין אַ פּריוואַטן שמועס, אין ווילנע, דערקלערט, אַז עס איז ניט רעכט וואָס מע קלייבט זיך פאַרמאַכן אַ יידישע שול און אַ יידישע צייטונג.

יאָ, טאַקע בלויז נאָר פאַר דעם האָט מען אים געשאָסן.

און איך וויל, אַז אַלע יידן, אַלע פרייהייטסליביקע מענשן זאָלן פרעגן : — פאַרוואָס ?...

— ניטאָ קיין פאַרוואָס !

אין זײַן שאַפן איז זעליג אַקסעלראָד ניט געווען אַזוי ווי אַנדערע, נאַציאָנאַליסטיש געשטימט. ער האָט געשריבן נאַטור־לידער, ליבע־לידער און שטימונג־לידער. ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ ביכל אונטערן נאָמען „לידער" און אַ צווייט ביכל אונטערן נאָמען „ווידער לידער". צו קיין פּאַרטיי האָט ער קיינמאָל ניט געהערט. מיט קיין פּאָליטיק האָט ער זיך ניט אינטערעסירט. אין אַ פרייער צייט פלעגט ער ליב האָבן שפּילן אין שאַך... און ווען ער האָט געוואוסט, אַז אַ חבר נויטיקט זיך אין עפּעס האָט ער ניט גערוט ביז וואַנען ער האָט אים ניט געהאָלפן אין זײַן נויט. נאָך איזי כאַריק'ן איז זעליג אַקסעלראָד געווען דער ליבלינג אין מינסק. און ווען די נ. ק. וו. ד. האָט נאָכן אַרעסט פון איזי כאַריק'ן אַרעסטירט אַלע זײַנע נאָענטסטע פרײַנט, האָט מען זעליג אַקסעלראָד'ן ניט געטשעפּעט, ווייל עס איז באַקאַנט געווען, אַז כאָטש זעליג איז כאַריק'ס נאָענטער

חבר, האָט כּאַריק אויף אים קיין גרויסע ווירקונג ניט געקענט האָבן... — ער, אַן אַלטער בחור ביי וועמען שפּילן אין שאַך שטייט העכער ווי פּאַר־ברענגען מיט אַ מיידל און ווי אַפילו צו שרייבן לידער... און זיין אַראָפּ־ברענגען פון ביאַליסטאָק, דאָס שיינע מיידל, פּערעלע, דעם פאַרשטאָרבענעם מ. ווייסענבערג׳ס טאָכטער, מיט וועלכער ער האָט חתונה געהאַט, האָט מען אויך באַטראַכט ווי איינע פון זיינע פּלוצלונגדיקע געננ אין שאַך־שפּיל. ניט אַזוי אָן דער שיינער פּערעלע איז דאָ געגאַנגען, ווי אין כּבוד האָבן דעם קלאַסיקער ווייסענבערג׳ס טאָכטער פאַר אַ ווייב. באמת האָט ער פּערעלע׳ן שטאַרק ליב געהאַט, ווי מ׳האָט זיך דערנאָך דערוואוסט. —

איך פּערזענלעך האָב זיך מיט זעליג אָקסעלראָד׳ן באַפריינדעט אין 1930 יאָר. ווען איך האָב געלעבט אין ביאַליסטאָק, האָט אָקסעלראָד אַ פּאָר מאָל געגעבעטיקט ביי מיר אין דער היים. און דאָס וואָס ער האָט חתונה געהאַט מיט פּערעל׳ן, איז דאָס אין אַ געוויסער מאָס אויך געווען אַ דאַנק מיין פּערזענלעכער „פאַרמיטלונג״. איך פּלעג אָפט צורעדן אָקסעלראָד׳ן ווי אויך פּערעלע׳ן, אַז זיי זאָלן חתונה האָבן. איז אָט דעם אַ באַשיידענעם, טאַלאַנטירטן דיכטער און אומשעדלעכן מענטשן האָט מען געשאָסן...

אַ דריטער מענש, וועלכער איז גאָר נאָענט צו כּאַריק׳ן געווען דאָס איז דער באַגאַבטער פּראָזע־שרייבער און הומאָריסט עלי כּהן. איך וויל דאָ דערמאָנען זיין ליכטיקן נאָמען. עפּעס איז געווען ענלעכעס אין זיין גורל צו מיין פּערזענלעכן גורל. אַזוי ווי איך, אַזוי האָט אויך ער קינדווייז געהערט צו אַ קינדער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אַזוי ווי איך האָט ער אויך געציטערט און דאָס אויסבאַהאַלטן פון אַלעמען. באַשיידן און פאַר־חלומט פלעגט ער זיצן אין רעדאַקציע פון דעם מינסקער ליטעראַרישן חודש־זשורנאַל „שטערן״, באַטראַכטן די וועלט מיט די מענשן מיט זיינע גרויסע, טרויעריקע, שוואַרצע אויגן און מילד־שעמעוודיק אונטערשמייכלען און דערנאָך שרייבן פריילעכע געשיכטן. אויך אים האָט מען ערב דעם אָנהויב פון היטלערס אָנפאַל אויף רוסלאַנד אַרעסטירט. אוי, וויפל טרויער און וויפל ליבע איז אין זיינע קאַרשן־אויגן געווען... ער האָט ליב געהאַט מענשן, אַלעמען, אַלעמען אָן אויסנאַם.

נאָכן באַפרייען זיך פון תפיסה, שפּעטער אין דעם 1943, האָב איך אים צופעליק באַגעגנט אויפן פראָנט. אין יאָר 1944, האָט ער מיך באַזוכט אין דעם מיליטער־שפּיטאַל, וואו איך בין געלעגן אַ קראַנקער פון מיינע צעיאַטערטע וואונדן. איך בין אויף אַ שטיק צייט געבליבן אין מאָסקווע און ער איז צוריק אַוועק אויפן פראָנט. מער האָב איך אים שוין ניט געזען. ווי אַ העלד איז ער געפאַלן אין קאַמף מיט די דייטשישע מענשן־פרעסער, אין קאַמף קעגן פאַשיזם פאַר זיין יידנטום.

איך וויל דאָ דערציילן און דערמאָנען מיין פאַרשטאָרבענעם חבר

פון מינסק, דעם ייִנגן דיכטער חיים לאַסקער. אויך ער איז געווען ביים אָנהויב פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אין אַ ציוניסטישער קינדער־אָרגאַניזאַציע. וועגן דעם האָבן אַלע געוואוסט און ער האָט דאָס פאַר קיינעם ניט לייקענען געקענט. אים איז שטענדיק אַ געשפּענסט אונטער די פּלייצעס נאָכגעגאַנגען. ער האָט מורא געהאַט, אַז מען וועט אים אַרעסטירן, ער פלעגט ריידן שטיל אפילו פון אַזעלכע זאַכן, וואָס מען מעג ריידן, ער פלעגט מיר אָפט פרעגן:

— הערשל האָסט ניט מורא, אַז טאָמער דערוואוסט מען זיך, אַז דו ביסט אַמאָל געווען אַ ציוניסט.

— ניין חיים'קע, איך האָב ניט קיין מורא און דו דאַרפסט ניט קיין מורא האָבן — האָב איך אים געטרייסט — מיר זיינען דאָך דאַן קינדער געווען, 10 און 11 יאָריקע קינדער, וואָס האָבן מיר דען פאַרשטאַנען?... אונז מיינט מען ניט. אַ סימן, אָט בין איך דאָך אין יאָר 1922 געזעסן אַרעסטירט פאַר אַ בריוו צו מיין טאַטן קיין אַמעריקע — און איך דער־צייל אים דאָ די גאַנצע געשיכטע — נאָר וועגן דעם, אַז אין די יאָרן 1917—1918, בין איך געווען אַ ציוניסט, וועגן דעם האָט מען מיר ניט דערמאָנט... איז דאָך נאַריש...

— אוי וועט מען אונז דאָס נאָך דערמאָנען! — האָט לאַסקער אַ זיפץ־געטאָן.

איך האָב דאָס צוגעשריבן צו זיין קרענקלעכן צושטאַנד. ער איז געשטאָרבן פון אַ בלוט־שטורץ. ער האָט אפילו ניט באַוויזן צו זען זיין ערשט ביכל גלענצנדע לידער. אויפן טויטן בעט האָב איך מיט אים צוזאַמען די ערשטע קאָרעקטור געמאַכט. אוי האָט ער געוואָלט דערציען זיין לעבן כאָטש נאָך אַ חודש צייט, ביז דאָס ביכל וועט פון דרוק אַרויס. די שרעק, די מורא, אַז מען וועט אים קומען נעמען אין תפיסה איינזעצן האָט זיין ייִנג טאַלאַנטירט לעבן צוגערויבט. אויף זיין פרישן קבר האָט איזי כאַריק שטאַרק געוויינט. טאַקע באַלד נאָך חיים לאַסקער'ס טויט האָבן זיך אָנגעהויבן די ערשטע אַרעסטן צווישן די שרייבער.

אין מינסק האָט זיך צו יענער צייט געפונען אַ ייִדישער ליטעראַטור־קריטיקער און הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער ייִדישער צייטונג „אָקטאָבער", וועלכער איז צום סוף געוואָרן געהילף פון דעם פאָלקס־קאָמיסאַר (געהילף מיניסטער) פון בילדונג אין ווייס־רוסלאַנד ה. דוניעץ. נאָך דוניעץ'ן איז רעדאַקטאָר פון מינסקער „אָקטאָבער" געווען ש. אָשעראָוויטש. נאָך אים איז רעדאַקטאָר געווען איינער מיטן נאָמען בער, נאָך בער'ן איז רעדאַקטאָר געווען קאַבאַקאָוו. די אַלע דערמאָנטע נעמען עקזיסטירן שוין מער ניט אויף דער וועלט. מען האָט זיי אַלעמען — צוליב נאָר דער נ. ק. וו. ד. פאַרשטענדלעכע סיבות — אַרעסטירט און ליקווידירט.

אויך דעם שרייבער, ראָמאַניסט און דראַמאַטורג צ. דאַלגאָפּאָלסקי האָט מען איינעם פון די ערשטע אַרעסטירט. אָבער אָנגעהויבן האָט זיך, ווי מיר דוכט זיך, די אַרעסטן פון דעם שרייבער זוסקין־לעוו, אַ מענטש, וועלכן מען האָט אין מינסק אויפגענומען מיט גרויס פּאַראַד און פּאָמפּע אַלס אַ יידישן שרייבער, וואָס איז געקומען פון דייטשלאַנד, וואָס האָט איבער־געריסן מיט דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט און האָט זיך געראַטעוועט אין רוסלאַנד, אין דעם לאַנד פון סאָציאַליזם. ער האָט זיך געראַטעוועט פון דער בערלינער נעסט, וואו עס האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען דער פאַשיזם. משה קולבאַק׳ן האָט מען צוזאַמען מיט איזי כאַריק׳ן פאַרנומען.

אין מינסק האָט דאַן געוויילט מאַקס עריק. ער האָט דאָרטן געלייענט אַ ציקל לעקציעס אויף ליטעראַריש וויסנשאַפטלעכע טעמען און האָט אויך פאַרעפנטלעכט זיין בוך וועגן שלום־עליכם. דאָס אינטעליגענטישקייט פון מאַקס עריק׳ן, זיין גרינדלעך וויסן, די פראַגן וועלכע ער האָט באַהאַנדלט און דאָס טיפע אינערלעכע מענשלעכע, וואָס האָט פון אים געשטראַמט האָט אונז אַלעמען פאַרשיכורט. און אויך אים האָט שפּעטער „דער זיכערהייטס־אָרגאַן" אַרעסטירט. נאָר דאָ האָט מען זיך ניט אַזוי געוואונדערט, ווייל אַלע האָבן געוואוסט, אַז מאַקס עריק קומט פון פּוילן און ווי מען האָט דערציילט איז ער אַמאָל געווען אַ פּוילישער אָפיצער.

— נו, איז וואָס ? קומט אים דערפאַר אַרעסטירן און פאַרניכטן ?...

איך בין געפאָרן זיך לערנען צוריק קיין אָדעס, וואו איך בין אָנגעקומען אויפן צווייטן קורס פון אינסטיטוט. אין יאָר 1932 ביים ענדיקן דעם אינסטי־טוט איז אין מאָסקווע דערשינען מיין ערשטער בוך „אין אויפקום" און איך האָב זיך געלאָזט פאָרן קיין בירא־בידזשאַן.

פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס איך האָב געלעבט אין בירא־בידזשאַן, פון 1932־טן ביז 1938־טן יאָר, בין איך נאָר צוויי מאָל אויף אַ קורצער צייט אַרויסגעפאָרן פון דאָרט צוליב מיין געזונט־צושטאַנד און צוליב ליטעראַרישע ענינים. אין 1933־טן יאָר, האָב איך אָנגעשריבן אַ בוך וועגן בירא־בידזשאַן „טייגע־בערג". כדי אָפּדרוקן דאָס בוך, ווייל אין בירא־בידזשאַן איז קיין פּאָליגראַפישע באַזע ניט געווען, האָב איך געמוזט פאָרן קיין מאָסקווע אָדער מינסק. איך האָב באַשטימט פאָרן קיין מינסק, וואו איך האָב געהאַט די אונטערשטיצונג פון איזי כאַריק׳ן. אַזוי זיינען טאָקע אין מינסק דערשינען מיינע ביכער אויף בירא - בידזשאַנער מאָטיוון : אין 1935־טן יאָר „טייגע־בערג". אין 1936־טן יאָר „אַ בריק איבער דער בירע". אין 1939־טן יאָר „דער ערשטער יעגער".

אין דעם 1935־טן יאָר, האָב איך זיך אין מינסק דאָס לעצטע מאָל באַגעגנט מיט מיינע פריינט איזי כאַריק, משה קולבאַק און משה ליטוואַ־קאָוו, כאַריק האָט דאַן געוואוינט ביי זיך אין דער נייער דירה אין דעם

הויז פון די „ספעציאַליסטן". אומגעריכט איז אַראָפּגעקומען פון מאָסקווע משה ליטוואַקאָוו און מען האָט צונויפגערופן אַן עקסטרא זיצונג פון „אייניקײט" שרייבער ביי כאַריק'ן אין שטוב. דער טיש איז געווען שיין געדעקט מיט גוטע וויינען און געשמאַקע עסנס. גערעדט האָט ליטוואַקאָוו. ער איז עפּעס געווען זער אויפגערעגט... נאָך ליטוואַקאָוו'ן האָט גערעדט קולבאַק. נאָך קולבאַק'ן האָט גערעדט איזי כאַריק. פון די יינגע שרייבער זיינען אויסער מיר, דעם שרייבער פון די שורות, געווען נאָך צוויי דיכטער. (זייערע נעמען, ווי די נעמען פון די איבעריקע שרייבער וויל איך צוליב געוויסע סיבות דאָ ניט דערמאָנען). אויפן אַנדערן טאָג איז ליטוואַקאָוו באַלד צוריקגעפאָרן קיין מאָסקווע.

אין 1937־טן יאָר, האָב איך באַקומען די ידיעה, אַז איזי כאַריק און משה קולבאַק אין מינסק, ווי אויך משה ליטוואַקאָוו אין מאָסקווע זיינען אַרעסטירט. איך האָב באַלד מיין רייכע און ווערטפולע קאָרעספּאָנדענץ און פאָטאָ־בילדער פאַרניכטעט, אַזוי, אַז עס זאָל קיין שפּור פון מיין פאַרבינדונג מיט זיי ניט בלייבן. אין יענער צייט איז אין רוסלאַנד געווען אַזוי, אַז מען האָט געפונען ביי אַ מענטשן בריוו פון אַרעסטירטע האָט מען אויף אים געהאַט אַ חשד, ווי אַ פאַרבינדעטער פון איין גרופּירונג מיט דעם אַרעסטירטן.

.19

איידער איך הויב אָן דערציילן וועגן ביראָ־בידזשאַן, וואו איך האָב געלעבט פון 1932 יאָר ביז 1938, וויל איך דערציילן וועגן אייניקע שטעט און שטעטלעך, וואָס איך האָב באַזוכט, נעמלעך: די שטאָט אומאַן, וואו עס האָט געלעבט מיין מוטער, מיינע צוויי שטיף־ברידער און שוועסטער און פיל אַנדערע מיינע קרובים, ווי אויך די שטעטלעך אכרימאָווע, מאָנאַסטריזשטש, טאַלנע, כריסטינאָווקע, וואַפּניאַרקע, גאַלטע און באַלטע, וואו פיל פון מיינע קרובים האָבן דאַן דאָרט געלעבט. איך בין געפאָרן זיך זען און זיך געזעגענען מיט מיין אַלטער מוטער, וועלכע האָט איצט פיל נחת געהאַט פון מיר, נחת, וואָס איר עלנטער זון, דער „לעבעדיקער יתום" איז דאָך, ניט געקוקט אויף אַלע נסיונות, אַ „גרויסער" מענטש געוואָרן, אַ יידישער שרייבער.

מיין מאַמע האָט זינט יאָר 1919, ווען איר צווייטער מאַן, דער פריילעכער קירזשנער און גרויסער קבצן איז געשטאָרבן, געלעבט אין אומאַן מיט אירע קינדער. זיי, אירע קינדער, מיינע שטיף־ברידער און שטיף־שוועסטער זיינען שוין איצט געווען חתונה־געהאַטע, זיי האָבן געלעבט

אָן אָרים, אָבער פרייליך לעבן און האָבן מיט גרויס כבוד געהאַלטן די מאַמען ביי זיך. איך האָב אויך צוגעשיקט פון צייט צו צייט דער מאַמען וויפל איך האָב געקענט. און איצט, פאַר מיין פאָרן קיין בירא־בידזשאַן בין איך געקומען זיך געזעגענען מיט איר. עפּעס האָב איך געפילט, אַז מער וועל איך זי ניט זען. מען האָט שוין דאַן געשמועסט וועגן פאַשיזם, וועגן היטלערן, נאָר קיינער האָט ניט פאָראויסגעזען די האַס, וואָס העגקט איבער אונזערע יידישע קעפּ, דעם חלף, וואָס איז שוין ביי אונזערע יידישע העלזער.

האָב איך זיך דען געקענט פאָרשטעלן, אַז מיין מאַמע, מיין פיל געפּלאָגטע, קליינע, שיינינקע מאַמע, וועט געשאָכטן ווערן דורך איינעם פון די אוקראַינישע שקצים, וואָס האָבן די סאָוועטן ־ מאַכט פאַרקויפט צו דייטשלאַנד פאַר אַ פעקל פּאַפּיראָסן מיט אַ גלאָז בראָנפן ?... אוי, מאַמע, מיין מאַמע, געשאָכטענע יידישע מאַמע. איך וויל דאָ דערמאָנען דיין ליכטיקן נאָמען און דיין נשמה, וואָס רוט איצט געוויס אין גן־עדן צוזאַמען מיט דיין געליבטן מאַן, מיין שטיף־טאַטן, דעם פרייליכע ווערטל־זאָגער, וועלכער איז פון הונגער געשטאָרבן. איך געדענק אַלע זיינע ווערטלעך, איך געדענק אַפילו פאַרן טויט, ווען ער האָט אויסגעשריגן :

— מען זאָל גאָרניט דערלעבן צו שטאַרבן !

אומאַן פון יאָר 1932, עס איז חודש יול. איך געדענק די אַלטע יידישע היסטאָרישע שטאָט אומאַן פון מיינע קינדער־יאָרן, ווען איך פלעג קומען צו גאַסט צו מיינע קרובים. איך ווייס אומאַן, די שטאָט פון דער יידישער און אוקראַינישער געשיכטע. אומאַן איז פאַרבונדן מיט די יידישע שחיטות, פון די אוקראַינישע רוצחים, גאָנטע, זשעליעז־גיאַק און באָגדאַן כמעלניצקי. אומאַן איז דאָס וויגעלע פון דעם חסי־דיזם, וואו רב נחמן בראַסלאַווער האָט געהאַט אַזאַ גרויסע השפעה אויף די יידן. דאָרט אין אומאַן איז דער „ציון", דער קבר פון דעם גרויסן רבי נחמן בראַסלאַווער, אָבער איצט רוט ער שוין מער ניט דער גאון אין זיין קבר, דעם „ציון" האָבן די שוואַרצע בלוטיקע שטיוול פון די דייטשן צוזאַמען מיט די אוקראַינער פאַרניכטעט... אויך די שול, די בראַסלאַווער שול, אויפן אַלטן מאַרק, דאָרט וואו די פרייליכע קבצנים, די בראַסלאַווער חסידים, וועלכע מען פלעגט אויך רופן טויטע חסידים, פלעגן פאָרן דאַווע־נען און אין מיטן דאַווענען און נאָכן דאַווענען גייען אַ טאַנץ, אָט די שול איז חרוב... און גראָד ניט די דייטשן האָבן די בראַסלאַווער שול חרוב געמאַכט. עס איז געווען אַ צייט, ווען מען האָט אין רוסלאַנד פאַרמאַכט און פאַרניכטעט די קלויסטערס. נו, האָט מען שוין אויך פאַר־מאַכט און פאַרניכטעט אַנדערע רעליגיעזע אַנשטאַלטן פון אַנדערע

פעלקער און צווישן די פיל יידישע בתי־מדרשים, וואָס מען האָט אין רוסלאַנד ליקווידירט איז אויך די שיינע בראַסלאַווער שול אַ קרבן געפאַלן.

מיט וואָס האָבן זיך פאַרנומען יידן אין די שטעטלעך פון רוסלאַנד, אוקראַינע ווייס־רוסלאַנד? איך וויל דאָ באַטאָנען, אַז ביי דער „ייד־סעקציע" איז געווען אַ פּאָזיטיווע פּראָגראַם בנוגע אַנטוויקלען די יידישע קולטור און באַשעפטיקן די יידן מיט פּראָדוקטיווער אַרבעט. עס מעגן זיך זיין פאַרשיידענע מיינונגען וועגן דער נעגאַטיווער פּראָגראַם, וועגן דער נעגאַטיווער טעטיקייט פון די „ייד־סעקציעס" ביי דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און ביי די סאָוועטישע רעגירונג־אַנשטאַלטן. אָבער איך פון מיין זייט, ווי אַ איניווייניקסטער מענש, אַזאַ וואָס האָט אויף זיך קיין שום השפעה און טראַדיציע פון אַנדערע פּאַרטייען ניט געהאַט, ווען איך דערמאָן זיך אין דער טעטיקייט פון די „ייד־סעקציעס", זע איך פיל פּאָזיטיוועס, ווייל אַ פאַקט בלייבט אַ פאַקט און קעגן אַ פאַקט העלפט ניט קיין שום דעמאַגאָגישע דערווידערונגען. אָט צום ביישפּיל, כל זמן עס האָבן עקזיסטירט די „ייד־סעקציעס", איז אָנגעגאַנגען אַ גרויסע קולטור־אַרבעט אין דער יידישער שפּראַך צווישן די יידישע מאַסן און די ניט־פּראָדוקטיווע יידן, די אַזוי־גערופענע דעקלאַסירטע עלעמענטן זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אינדוסטריע און האָבן זיך באַזעצט אויף ערד. אָבער באַלד ווי מען האָט ליקווידירט די „ייד־סעקציעס" און מע האָט כמעט אַלע פירער פון די „ייד־סעקציעס" אַרעסטירט, אַזוי האָט זיך אויפגעהערט די יידישע קולטור־באַוועגונג און עס איז געטאָן געוואָרן אַלס, ווי מיט אַ כיוון, אַז יידן זאָלן זיך אַסימילירן.

יעדנפאַלס אין יענער צייט, ד. ה. אין יאָר 1932, איז שוין אין רוסלאַנד מער ניט געווען דאָס ספּעציפישע יידישע שטעטל, אַזוי ווי מיר געדענקען עס צוריק מיט 30—40 יאָר. עס איז שוין ניט געווען קיין איין קראָם, מאַגאַזין און קלייט — גרעסערע אָדער קלענערע — וואָס זאָלן געהערן צו עפּעס אַ יידן אַלס אַ פּריוואַט־אייגנטום. אויב מען האָט נאָך געזען אַ יידן האַנדלען איז דער ייד געווען ניט מער ווי אַן אָנגעשטעלטער פון אַ סאָוועטישן האַנדל־אַנשטאַלט. אויך קיין פּריוואַטע יידישע וואַרשטאַטן האָט מען שוין אין די שטעטלעך ניט געזען. די שניידער, שוסטער, קירזשנער, סטאָלערס, זייגערמאַכער און אַפילו די פריזירער האָבן געאַרבעט אין אַרטעלן, און זיי האָבן באַקומען אַ באַשטימטע חודשלעכע פּענסיע. אין די שטעטלעך זיינען געווען מלוכה־פאַבריקן, זאַוואָדן, מילן און גוראַלנעס, וואו יידן האָבן געאַרבעט אַלס לוין־אַרבעטער. אָבער צום מערסטנטייל האָבן זיך די יידן באַמיט אַריינצודרינגען אין האַנדלס־אַנשטאַלטן אַלס אָנגעשטעלטע. אין אַזוינע קליינינקע שטעטלעך

ווי אכרימאווע, מאנאסטריזשט, טאלנע א. א. האָבן יידן אויך געאַרבעט אין די „קאָלכאָזן" אַלס פּשוטע ערד־אַרבעטער. פּיל קליינינקע יידישע שטעטעלעך זיינען פּשוט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דערפער. מיינע פעטערס און קוזינען זיינען געווען „קאָלכאָזניקעס"; ערד־אַרבעטער און סאַדאָוו־ניקעס, זיי האָבן געאַרבעט האַנט ביי האַנט מיט די אוקראַינער פּויערים און דאָס האָט דאָך ניט געשטערט אייניקע פּויערים העלפן די דייטשן זיי אויסצושעכטן.

יאָ, עס האָט זיך געענדערט די יידישע שטאָט, דאָס יידישע שטעטל און דער יידישער מענטש. עס האָט זיך אָנגעהויבן איינפירן אַ נייער לעבנס־שטייגער ביי די יידן. מען האָט אויפגעהערט מל־זיין קינדער. עס האָבן זיך אָנגעהויבן געמישטע חתונות. מיר האָבן דאָן געקוקט אויף דעם ווי אויף אַ פּאָזיטיווע דערשיינונג. אַפילו אונזערע עלטערן, די אַלטע לייט, די באָבעס און די זיידעס האָבן אויף דעם שוין ניט שלעכט געקוקט. איך פערזענלעך האָב דאָך דאָן אויך געמיינט, אַז אויב מען אַרבעט מיט די גויים צוזאַמען, מען לעבט איין לעבן, אַ לעבן פון „פעלקערלעכער ליבשאַפט", פון „פעלקערלעכער פריינטשאַפט" און „ברידערלעכקייט", אויב קיין אַנטיסעמיטיזם עקזיסטירט שוין ניט און מיר שטרעבן אַלע צו איין ציל, צו סאָציאַליזם, איז פאַרוואָס זאָלן מיר טאַקע ניט ווערן איין גרויס סאָוועטיש פאָלק, פאַרוואָס זאָלן מיר זיך ניט משדך זיין מיט די גויים ?... כאָטש איך אַליין בין אַ יידישיסט, אַ נאַ־ציאָנאַלער ייד פון קאָפּ ביז די פּיס, נאָר דאָס פרידלעכע צוזאַמענלעבן פון יידן און גויים אויף דער אַרבעט, אין די לערן־אַנשטאַלטן, אין שטאַט און אין דאָרף האָט מיר געצוואונגען אַנערקענען דאָס געשעענע אַלס פאַקט, וואָס מיין יידישע נשמה מוז מיט דעם שלום מאַכן...

אָבער ניין, מיין יידישע נשמה האָט סוף־כל־סוף מיט דעם שלום־מאַכן ניט געקענט, ווייל אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה, ווען נאָר היטלערס ברוינע בעסטיעס האָבן באַטראָטן די סאָוועטישע ערד, אַזוי האָבן אונזערע „ברידער", אוקראַינער און ווייס־רוסן אַרויסגעוויזן ניט נאָר פיינטשאַפט צו אונז יידן, נאָר זאָגאָר זיי האָבן אַקטיוו געהאָלפן דעם דייטש אונז אויסראָטן. און מיר איז איצט קלאָר געוואָרן, אַז די רוסישע „רויע מאַסע" האָט אַלע יאָרן פון דער סאָוועטן־מאַכט ביז דעם אויסברוך פון דער מלחמה געטראָגן שטיל אין זיך, פאַרטייעט אין זיך, די שנאה צו אונז יידן. מיר איז קלאָר געוואָרן, אַז די סאָוועטישע לערע וועגן ליבע, פריינדשאַפט און ברידערלעכקייט פון פעלקער איז זייער אַ שיינע און זייער אַ גוטע, אָבער אַן אויבערפלעכלעכע. ניין, דער גוי האָט ניט געענדערט זיין כאַראַקטער. זיין פּסיכיק, זיין נשמה, און ער איז ניט געוואָרן אויס אַנטיסעמיט. אַריינזעצן אַ נייע נשמה דעם רוסישן,

אוקראינישן פויער, אַרבעטער און אַפילו אינטעליגענט, דאָס איז אונמעגלעך.

בעת דער מלחמה האָבן אין רוסלאַנד געפונען אַ שוץ און רעטונג ביי אַ מיליאָן יידן פון פוילן, רומעניע, טשעכן און אַפילו פון דייטשלאַנד. נאָך דער מלחמה, ווען מען האָט געגעבן די יידן אַ מעגלעכקייט זיך צו רעפּאַטריאירן, זיך אום צו קערן אַ היים איז דאָס געטאָן געוואָרן אויף אַ פּריוויליקן אופן. פאַרקערט, מען האָט געגעבן די דערמאָנטע יידן אַלע מעגלעכקייטן צו בלייבן אין רוסלאַנד אַלס שטענדיקע סאָוועטישע בירגער, אָבער די יידן האָבן דאָס ניט געוואָלט, די יידן האָבן באַשלאָסן צוריק צו פאָרן צו זיך אין די קאַפּיטאַליסטישע און געוועזענע פאַשיסטישע לענדער. פאַרוואָס איז דאָס ? דאָ זיינען דאָ דריי סיבות פאַרוואָס די יידן פון פוילן, רומעניע, טשעכן און אַנדערע לענדער, וואָס האָבן זיך „געראַטעוועט" אין רוסלאַנד האָבן פאַרלאָזן דאָס סאָוועטישע לאַנד. זיי זיינען אַנטלאָפן פון רוסלאַנד פונקט אַזוי ווי זיי זיינען אַנטלאָפן ביי אַ מעגלעכקייט פון יעדער לאַנד, וואו דייטשלאַנד האָט געהערשט.

90 פּראָצענט פון די יידן, וואָס האָבן נאָך פאַרזוכט כאָטש איין יאָר זיין „סאָוועטישע בירגער", זיינען איצט אַנטי־סאָוועטיש געשטימט און פאַרזאָגן זיך אויף דור דורות אין „קאָמונע" זיך ניט צו שפּילן... און אויב עמיצער וויל קאָמוניזם פאַרבינדן מיט יידנטום איז דער „עמיצער" אַן אַנטיסעמיט !

דער פּראָצענט קאָמוניסטן ביי די יידן איז פונקט אַזאַ ווי ביי די ענגלענדער, פראַנצויזן און דייטשן. מיר זיינען דאַנקן גאָט אַ נאָרמאַל פאָלק און האָבן אונזער לאַנד און מיר האָבן פונקט ווי אַלע פעלקער פאַרשיידענע מענשן מיט פאַרשיידענע וועלט־אַנשויאונגען. מיר האָבן אַ יידישע בורזשואַזיע, וועלכע קען בשום אופן ניט זיין קיין קאָמוניסטישע. מיר האָבן יידישע קלעריקאַלן, פאַרשטייט זיך, אַז אויך זיי זיינען ניט קיין קאָמוניסטן. מיר האָבן יידישע אַרבעטער, אָנגעשטעלטע און אַ יידישן מיטל־קלאַס, וועלכע זיינען סאָציאַליסטן, ציוניסטן און אַממערסטן אומפּאַרטייאישע. זיי אַלע זיינען גאָר־גאָר ווייט פון דעם רוסישן קאָמו־ניזם, בעסער געזאָגט דער גרעסטער טייל פון די יידישע אַרבעטנדיקע זיינען אַנטי־קאָמוניסטן.

און איצט וועל איך דערקלערן די סיבות פאַרוואָס די יידן, וואָס האָבן זיך „געראַטעוועט" בעת דער מלחמה פון היטלערן, ווי אויך אייניקע סאָוועטישע יידן האָבן פאַרלאָזט רוסלאַנד ווי אויך יעדער אַנדער לאַנד, וואו די סאָוועטן האָבן אַ ווירקונג :

1. דער סאָוועטישער רעזשים, דאָס איז אַ רעזשים פון אַ דיקטאַטור און דאָרט וואו דיקטאַטור איז אויך דאָ צוואַנג, פאַלשקייט, דערנידעריקונג

פון מענשנס ווירדע, געגייטע ליבע צום פאָטערלאַנד, געצוואונגענע ליבע צום הערשנדיקן רעזשים א. א. וו. און דער ייד מיט זיין פרייען גייסט, מיט זיין דעמאָקראַטישער נאַטור קען אַזוינס ניט דולדן. דער ייד אַנטלויפט פון אַזאַ רעזשים.

2. דער פּרינציפּ פון סאָוועטן־רוסלאַנד און פון דער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע איז „ווער עס אַרבעט ניט דער עסט ניט". אַ ייד איז אין סאָוועטן־רוסלאַנד אַזוי צו זאָגן אַ גלייך־בארעכטיקטער בירגער. ער מוז אַרבעטן גלייך מיטן ניט־יידן. אָבער וואָס האָט ער פון דער אַרבעט? לעבן אין האַלב־הונגער ווילט זיך אים ניט. לעבט ער בעסער — פרעגט מען אים פון וואַנען ער נעמט?... שטענדיק דאַרף דער ייד, ווי אויך דער ניט־ייד לעבן אין מורא און אין שרעק, אַז מען קען אים נאָך קומען און אַרויסשלעפּן פון בעט, אַרעסטירן, פאַרשפּאַרן אין תפיסה אָן אַ גרונט־לעבן פאַרוואָס און פאַרוועז. און דער ייד מיט זיין פרייען גייסט, מיט זיין דעמאָקראַטישער נאַטור קען אַזוינס ניט דולדן. דער ייד אַנטלויפט פון אַזאַ רעזשים.

3. אַנטיסעמיטיזם הערשט אין סאָוועטן־רוסלאַנד פּונקט אַזוי ווי אין גאַנץ אייראָפּע. מען קען דעם פאָלק לויט אַ באַפעל קיין ליבע צום יידנטום ניט אַריינבלאָזן. דער אַנטיסעמיטיזם נעמט אָן אין רוסלאַנד גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער. קיינער הרגעט דאָרטן קיין יידן איבער די גאַסן און מען שרייט ניט קיין „זשיד". אָבער: „אַבראַשקע" און „שרה" פאַרבייטן דאָס וואָרט „זשיד" און דער ייד קען הערן די אויסגעשרייען ניט נאָר אין די פּאַראוואָרפנסטע אוקראַינישע און ווייס־רוסישע פּראָווינצן, נאָר אויך אין סיביר, אין מיטל־אַזיע און אַפילו אין צענטער פון דער הויפּט־שטאָט מאָסקווע. און דער ייד, מיט זיין פרייען גייסט, מיט זיין דעמאָקראַטישער נאַטור קען אַזוינס ניט דולדן, דער ייד אַנטלויפט פון אַזאַ רעזשים.

דער ייד וויל פריי לעבן, פריי זיך באַוועגן, דער ייד וויל רו און פרידן.

ניט נאָר אין אומאַן בין איך געווען, נאָר אין בערדיטשעוו, אין טאַלנע, אין וואַפּניאַרקע און אין פיל, פיל אַנדערע שטעט און שטעט־לעך. די שטעטעלעך האָבן געענדערט זייער אויסזען און דער ייד איז געוואָרן אַן אַנדערער, אַ „סאָוועטישער ייד", אַזאַ ייד, וואָס טיילט זיך אויס פון אַלע יידן אין דער וועלט, אַ געצוואונגענער ייד־„קאָמוניסט".

איצט, נאָך דער צווייטער וועלט־קריג, זיינען שוין מער קיין יידישע שטעטלעך ניטאָ. היטלער און די גויים אויפן אָרט האָבן זיי אָפּגעמעקט. יידישע קברים זיינען דאָרטן מיט די בלוטיקע דייטשישע שטיוול צוטראָטן. און דאָס ביסל לעבן־געבליבענע יידן האָבן זיך באַזעצט כמעט אויס־

שליסלעך. נאָר, אין די צענטערס פון די רעפּובליקן, און די גרעסערע שטעט, אין מאָסקווע, קיעוו, מינסק, טאַשקענט א. א. לעצטנס האָט מען אָבער פיל סאָוועטישע יידן אַרעסטירט, פון די שטעט פאַרטריבן און קיין סיביר פאַרשיקט.

20

ביראָ־בידזשאַן, ווען עס האָט זיך געדוכט, אַז אָט אָט שטעלט זיך אָפּ דאָס גאַנצע יידישע קולטורעלע לעבן און די אַסימילאַציע פאַרפלייצונג מאַכט טיל און טעל פון אַלע דערגרייכונגען אויפן געביט פון יידישער שפּראַך, ליטעראַטור און קונסט איז אונטערגעקומען דאָס, וואָס טראָגט דעם נאָמען יידישע אַווטאָנאָמע געגנט — „ביראָ־בידזשאַן".

מען דאַרף ניט מיינען, אַז ביראָ־בידזשאַן איז פון דער העלער הויט אַרויס. די אידיי האָט פיל לעבנס אָפּגעקאָסט, די בעסערע מענשן, יידן וואָס האָבן געזוכט אַ תיקון, אַן אָנהאַלט פאַרן יידישן קיום אין דער סאָוועטישער ווירקלעכקייט. עס זיינען דאָך שוין געווען אַזוינע יידישע „נאַציאָנאַלע ראַיאָנען": ווי קאַלינין־דאָרף, קרים און ניי־זלאַטאָפּל. אָבער דאָס האָט די יידישע פּראָבלעם ניט געלייזט.

ביראָ־בידזשאַן, אַ זעלבסטשטענדיק לאַנד אין די ראַמען פון דער סיסטעם פון סאָוועטישע רעפּובליקן, אַן אַווטאָנאָמע געגנטן, אָט דאָס נאָר וואָלט געקאָנט לייזן די יידן־פראַגע אין רוסלאַנד. אַזוי האָבן געטראַכט און געטרוימט די „יידישיסטן" אין סאָוועטן־רוסלאַנד און אַזוי האָב איך אויך געדענקט.

דער שרייבער, וואָס איז געפאָרן מיט די ערשטע עשאַלאָנען יידן, איבערוואַנדערער קיין ביראָ־בידזשאַן און האָט פאַרעפנטלעכט זיינע רייזע־רעפּאָרטאַזשן אין מאָסקווער צייטונג „דער עמעס" און דערנאָך אין אַ בוך־פאָרם, איז געווען מ. אַלבערטאָן. זיין בוך האָט געמאַכט אַ גוטן איינדרוק אויף אַלעמען. נאָר באַזעצן זיך אין ביראָ־בידזשאַן צוזאַמען מיט די יידן־איבערוואַנדערער האָט אַלבערטאָן ניט געוואָלט, פּונקט ווי עס האָט ניט געוואָלט זיך באַזעצן אין ביראָ־בידזשאַן דוד בערגעלסאָן און אַנדערע שרייבער, וואָס זיינען געקומען אַ קוק טאָן און אָנגעשריבן אַ ביכל. חוץ אַ פּאָר קליינע, ניט קיין אָנגעזעענע און ניט קיין באַדייטנדע שרייבער, האָט זיך אויף קיין לענגערע צייט אין ביראָ־בידזשאַן קיין איין סאָוועטיש־יידישער שרייבער ניט באַזעצט. דער שרייבער, וואָס איז געפאָרן קיין ביראָ־בידזשאַן אויף אַ צוויי־דריי וואָכן, האָט באַטראַכט זיין אויפטו אַלס אַ העלדנטאַט און האָט זיך געהייסן גוט אָפּצאָלן פאַר דער רייזע...

איך בין געקומען קיין בירא־בידזשאן אין חודש אויגוסט 1932. דאס איז געווען דער סאמער ברען און אויפשטייג פון דער יידישער איינוואנ־דערונג. ס׳איז באמת געווען א פרייד צו זען ווי ס׳קומען אן צענדליקער עשאלאנען מיט יידן. עס זיינען געווען זייער גרויסע שוועריקייטן מיטן איינ־ארדנען יידן, אבער מ׳איז בייגעקומען די אלע שוועריקייטן. א ביסל יידן זיינען זיך צולאפן, צוריקגעפארן. אייניקע יידן האבן זיך באזעצט אין די שכנותדיקע שטעט ארום בירא־בידזשאן : אין כאבאראווסק, וואראשי־לאווסק, קאמסאמאלסק און וולאדיוואסטאק. אייניקע יידן האבן זיך באזעצט אין סיביר : אין אירקוטסק, אולאן־אודע, אמסק און סווערד־לאווסק. אבער די מערהייט יידן זיינען דאך פארבליבן אין בירא־בידזשאן.

פון אנהויב אן איז בירא־בידזשאן געווען נאר א יידישער ראיאן. דער סעקרעטאר פון דעם ראיאנען פארטיי־קאמיטעט איז געווען יאנקל לעווין, א געוועזענער ארבעטער, א געוועזענער אקטיוועד בונדאוויעץ, א ייד, וואס האט ליב געהאט יידישקייט אין אלע הינזיכטן. יאנקל לעווין האט געהאלפן בויען בירא־בידזשאן קולטורעל און ווירטשאפטלעך.

עס איז אין בירא־בידזשאן דערשינען א יידישע טעגלעכע צייטונג „בירא־בידזשאנער שטערן״, אונטער דער רעדאקציע פון זער א באגאבטן און פילבארן יידן הענעך קאזאקעוויטש. איך בין געווען באשטימט מיט־צוארבעטן אין צייטונג אלס ליטעראַרישער טוער, נאר יאנקל לעווין האט מיר באפוילן, אז איך זאל ארגאניזירן א פעדאגאגישן טעכניקום און ערשט דערנאך זיך פארנעמען מיט ליטעראַרישע טעטיקייט. איך האב אין משך פון צוויי חדשים ארגאניזירט דעם פעדאגאגישן טעכניקום אין בירא־בידזשאן און דערביי דאס ערשטע מאל אנטפלעקט אין זיך ארגאניזא־טארישע פעיקייטן. דערנאך איז אריבערגעקומען פון קיעווער יידישן וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט דער אספיראנט ראבינאוויטש וועמען איך האב איבערגעגעבן די אנפירונג מיט דעם טעכניקום און איך האב אזוי ארום באקומען א מעגלעכקייט ווייטער זיך פארנעמען בלויז מיט ליטערא־רישער ארבעט.

איך וויל דא דערציילן דעם גורל פון די דריי איבערגעגעבענע מענשן, די בירא־בידזשאנער פאטריאטן : יאנקל לעווין, הענעך קאזאקעוויטש און דעם דירעקטאר פון פעד־טעכניקום, ראבינאוויטש.

יאנקל לעווין איז אין א יאר ארום געשיקט געווארן קיין כאבאראווסק אויף א העכערע שטעלע, אלס פארוואלטער פון „טראנספארט־אפטייל״ ביים פארטיי־קאמיטעט פון גאנצן ווייטן מזרח. אויף זיין ארט, אלס סעקרע־טאר פון בירא־בידזשאנער פארטיי־קאמיטעט האט מען געשיקט עפעס איינעם א כאווקי׳ן, א יידן א קאמוניסט, וואס איז אין האמעל אדער סמאלענסק געווען א נאטשאלניק פון מיליץ (שעף פון דער פאליציי). דער

א כאווקי׳ן האָט געהאַט אַזאַ אָנזונג אין יידישע קולטור ווי אַ האָן אין בני אדם. נאָר מילא, אַז מע הייסט פון „אויבן" ווערן סעקרעטאַר, פאַר־בייט מען די שווערד מיטן פּיסטאָלעט אויף אַ אויטאָמאַטישע שרייב־פּען און מ׳הויבט אָן פּראַווען מיט בירא־בידזשאַן. אין יאָר 1937, ווען מען האָט ביוניק׳ן אַרעסטירט אַלס טראָצקיסט, האָט מען פון כאַבאַראָווסק צוריק אַראָפּגעבראַכט יאַנקל לעווין און אים ווידער געהייסן זיין סעקרעטאַר פון בירא־בידזשאַנער פּאַרטיי־קאָמיטעט. איצט איז שוין בירא־בידזשאַן פון אַ יידישן נאַציאָנאַלן ראַיאָן אַרויף אויף אַ שטאַפּל העכער און איז געוואָרן אַ יידישע אויטאָנאָמע געגנט און מ׳האָט געהאַפּט, אַז אָט אָט וועט שוין בירא־בידזשאַן ווערן אַ יידישע סאָוועטישע רעפּובליק. דאָס מאָל האָט יאַנקל לעווין געפּראַוועט זיין סעקרעטאַרסטווע, ביי אַ 4—5 חדשים. פּלוצלונג האָט מען אויך אים אַרעסטירט. אין די ציטונגען, „בירא־בידזשאַ־נער שטערן" און אין דער רוסישער „בירא־בידזשאַנסקאַיאַ זוויעזדאַ" האָט מען דאָן וועגן אים געשריבן, אַז ער, יאַנקל לעווין, דער פּאַרטיי־סעקרעטאַר פון דער יידישער געגנט האָט גאָר אַליין קיין פּאַרטיי־בילעט ניט געהאַט, ער, וועלכער האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט אַנדערע ־אַרויס־געבן בילעטן האָט אַליין גאָר אַזאַ ניט געהאַט ?... אויסער דעם האָט מען אים באַשולדיקט, אַז בעת ער האָט פאַרנומען אין כאַבאַראָווסק דעם פּאָסטן פון פאַרוואַלטער פון „טראַנספּאָרט־אָפּטייל", האָט ער זיך פאַרבונדן מיט די יאַפּאַנער און איז געוואָרן אַ שפּיאָן... יעדנפאַלס, האָט מען יאַנקל לעווינען געשאָסן אין דער בירא־בידזשאַנער שטאָטישער תפיסה. וועגן דעם איז געווען אָן אָפיציעלע מיטטיילונג אין דער בירא־בידזשאַנער פּרעסע. אַזוי אַז קיינער קען מיר ניט חושד זיין אין טרייבן רכילות. ווי זאָגט מען אַ רוסיש ווערטל: „אָט פאַקטאָוו ניקודאַ ניע אוידאָש" (פון פאַקטן קען מען ניט אַנטלויפן).

הענעך קאַזאַקעוויטש, דער רעדאַקטאָר פון „בירא־בידזשאַנער שטערן" איז געשטאָרבן אין שטאָט בירא־בידזשאַן נאָך אַ לענגערע קרענק, מיר דוכט, אין יאָר 1935. זיינע אויפטועז אויפן געביט פון אַנטוויקלען די יידישע קולטור אין בירא־בידזשאַן איז געווען אַזוי גרויס, אַז די מאַכט האָט דאָס אָפּגעשאַצט און איינע פון די בירא־בידזשאַנער גאַסן האָט באַקו־מען זיין נאָמען : „קאַזאַקעוויטש גאַס". אין יאָר 1937, ווען די יעזשאָוו־שטינע האָט געהערשט אין בירא־בידזשאַן פּונקט אַזוי ווי אין גאַנץ רוס־לאַנד, האָט מען פאַרשוועכט קאַזאַקעוויטשעס ליכטיקן אָנדענק, ד. ה. מ׳האָט פּשוט אַראָפּגענומען זיין נאָמען פון דער גאַס. עפּעס האָט, ווייזט אויס, הענעך קאַזאַקעוויטש, ביים לעבן געהאַט אויף זיך אַ „חטא", אָבער אַזוי ווי אַ טויטן קען מען ניט שיסן און ניט איינזעצן אין תפיסה, האָט

מען כאַטש נקמה גענומען אין אים. מיט דעם וואָס מ'האָט די גאַס, וואָס האָט געטראָגן זיין נאָמען, פאַרביטן אויף אַן אַנדערן נאָמען.

דער דירעקטאָר פון פעד־טעכניקום — ראַבינאָווישט איז גלאַט געווען אַ קליינשטעטלדיקער יינגערמאַן, כאַטש זער אַ קלוגער און אַ געבילדעטער. ער איז זער אַ קורצע צייט געווען דירעקטאָר. אין מיטן דערינען האָט ער ניט געסטאַיעט, מען האָט אים אַרעסטירט און ביז איצט ווייסט קיינער ניט פאַרוואָס און פאַר ווען. אויף זיין אָרט איז דערנאָך געוואָרן דירעקטאָר פון פעד־טעכניקום, לעוויטאַן (מיר דוכט, אַז מיכל לעוויטאַן, זיי זיינען געווען צוויי ברידער) און אויך אים האָט מען פאַרשיקט...

אויסער יידן, סאָוועטישע בירגער, זיינען קיין בירא־בידזשאַן געקו־מען אויך יידן פון אַנדערע לענדער, פון אַמעריקע, אַרגענטינע, פוילן, ליטע און ארץ ישראל. אייניקע פון די אויסלענדישע יידן זענען גאָר גיך צוריקצעפאָרן. איך געדענק אפילו, אַז אַ פרוי פון ארץ ישראל, האָט זיך געקלאָגט, אַז זי קען ניט בלייבן אין בירא־בידזשאַן, ווייל זי האָט דאָ ניט קיין באַנאַנען צו געבן איר קינד. אין ארץ ישראל, האָט זי געזאָגט, פלעג איר קינד אַלע טאָג עסן באַנאַנען מיט אַראַנזשן. זי האָט פּלוצלונג ניט געסטאַיעט פון בירא־בידזשאַן, די פרוי, און איך ווייס ניט צי זי איז צוריקגעפאָרן קיין ארץ ישראל נאָך באַנאַנען, צי זי איז ערגעץ „אַנ־דערשוואו" אוועק...

צווישן די אויסלענדישע יידן, ווי אויך צווישן די סאָוועטישע יידן זיינען אָבער אויך געווען אמתע ענטוזיאַסטן, איך וואָלט זיי אפילו אָנגע־רופן בירא־בידזשאַנער חלוצים, אַזוינע יידן, וואָס האָבן זיך איינגע־עקשנט און האָבן מיט מסירות נפש געאַרבעט און געבויט בירא־בידזשאַן. צווישן זיי איז געווען דער גרעסטער בירא־בידזשאַנער ענטוזיאַסט, אַ יינגערמאַן פון אַרגענטינע, יאָסל פייער. ער איז געווען געטריי און איבערגעגעבן. ער איז געווען אַ גוטער שלאָסער־מעכאַניקער און האָט פיל אויפגעטאָן פאַר בירא־בידזשאַן, ער איז געווען דער בעסטער סטאַכאַ־נאָוויעץ און זיין נאָמען איז באַרימט געוואָרן אפילו אויסער די גרענעצן פון בירא־בידזשאַן. אָבער פאַר וואָס מ'האָט אים, דעם גרויסן בירא־בידזשאַנער פּאַטריאָט יאָסל פייער, איינגעזעצט אין תפיסה אַזוי, אַז זיין נאָמען זאָל שוין אויף אייביק אויסגעמעקט ווערן, אָט דאָס ווייס איך ניט.

21.

פאָרזיצער פון בירא־בידזשאַנער „ראַי־אויספּירקאָם" (רעגירונג) איז דאַן געווען חבר ראַשקעס, אַ רויט־גרוילעכער ייד, מיט קורץ־אונטערגע־

שווירענע רויט־גרויעלעכע וואָנצעס, מיט גוטע גרויע אויגן און מיט אַ גוט יידיש האַרץ. ראַשקעס האָט אָרגאַניזירט אין ביראָ־בידזשאַן פיל אונטערנעמונגען. ער האָט געהאָלפן אַנטוויקלען אַ קולטורעל יידיש לעבן. ער האָט ליב געהאַט ביראָ־בידזשאַן און ער האָט געלעבט מיט די אילוז־יעס פון דער ביראָ־בידזשאַנער צוקונפט. ער האָט געוויטיקט פאַר דעם, וואָס יידישע שרייבער ווילן זיך ניט באַזעצן אין ביראָ־בידזשאַן און וויזן אַ ביישפיל פאַר די איבעריקע יידן. ווען עס איז אַראָפּגעקומען קיין ביראָ־בידזשאַן אַ יידישער שרייבער, איז ער גרייט געווען טאָן דאָס מעגלעכסטע און אפילו אוממעגלעכע, אבי דער שרייבער זאָל זיך באַזעצן אין ביראָ־בידזשאַן. ווען מען האָט דערקלערט ביראָ־בידזשאַן אַלס יידישע אויטאָנאָמע געגנט, איז אַלס פאָרזיצער פון דעם „געגנט־אויספירקאָם" (רעגירונג) באַשטימט געוואָרן, נאָך אַ מער־פאַסיקע פיגור ווי ראַשקעס. דאָס איז געווען דער פרעזידענט פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, ביי דער אוקראַינישער וויסנשאַפטלעכע אַקאַדעמיע אין קיעוו, פּראָפע־סאָר ליבערבערג.

פּראָפעסאָר ליבערבערג איז געווען אַ הויכער שיינער מענש. זיינע יידישע רעדעס זיינען געווען האַרציקע און צוגענגלעכע פאַר די ברייטסטע יידישע מאַסן. ביראָ־בידזשאַן איז פאַר פּראָפעסאָר ליבערבערג געווען אַ פראַגע פון לעבן און טויט. חבר ראַשקעס איז צוריקגעפאָרן קיין מאָס־קווע און האָט דאָרט אָנגעפירט מיטן „געזערד" ביזן 1938־טן יאָר, ווען די ג. פּ. או האָט אים צוזאַמען מיט נאָך כמעט אַלע מיטגלידער פון דעם צענטראַלן געזערד אַרעסטירט.

פּראָפעסאָר ליבערבערג האָט געבויט די יידישע אויטאָנאָמע געגנט ביראָ־בידזשאַן. פאַר אים האָט ביראָ־בידזשאַן דערגרייכט דעם קולמינאַ־ציאָנס־פּונקט פון אַנטוויקלונג סיי אין קולטורעלן אַזוי אויך איןווירט־שאַפטלעכן און אַדמיניסטראַטיוון הינזיכט. צום אָנהויב פון 1937־טן יאָר איז שוין אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט געווען אַרום 40 טויזנט יידן מיט 5 יידישע ראַיאָנען, וואָס זיינען אַריין אין באַשטאַנד פון דער יידישער געגנט : ביראָ־בידזשאַנער ראַיאָן, בירער ראַיאָן, סמידאָוויטשער ראַיאָן, וואָלאָטשאַיעווקער ראַיאָן און אַמורזעטער ראַיאָן. די שטאָט גופא, ביראָ־בידזשאַן האָט זיך צעוואַקסן מיט פיל צוויי און דריי־שטאָקיגע הייזער. עס האָט זיך אויסגעבויט אַ גרויסע מעבל־פאַבריק, אַ וואַגענער־פאַבריק, שניידער און שוסטער־פאַבריקן א. א. וו. אַרום דער שטאָט ביראָ־בידזשאַן זיינען אויסגעוואַקסן יידישע קאָלכאָזן: היימוואַלד, סאָצ־שטעטל און אַנד. אויך אויפן ברעג פון טייך אַמור, אויפן סאַמע גרענעץ פון מאַנדזשוריע איבער וועלכער עס האָבן געהערשט די יאַפּאַנער, איז אויס־געוואַקסן אַ גרויסער קאָלווירטנער ישוב: אַמורזעט. אין שטאָט ביראָ־בידזשאַן

איז אויסער דעם פּעדאַגאָגישן טעכניקום געווען אויך אַ מעדיצי־נישער און לאַנדווירטשאַפטלעכער טעכניקום, עטלעכע יידישע אָנפאַנג און מיטל־שולן, אַ יידישער טעאַטער, אַ יינגע שרייבער־גרופּע, אַ ליטע־ראַרישער חודש־זשורנאַל און אַ יידישע ראַדיאָ־סטאַנציע. אָבער פּראָ־פעסאָר ליבערבערג׳ן דעם גרויסן בירא־בידזשאַנער פּאַטריאָט, פאַר וועמען בירא־בידזשאַן איז געווען אַ פראַגע פון לעבן און טויט, איז אויסגע־קומען צו אַרבעטן האַנט ביי האַנט מיט דעם קליינלעכן מענשן, דעם געוועזענעם מיליציע־שעף און איצטיקן פּאַרטיי־סעקרעטאַר כאַווקין, פאַר וועמען בירא־בידזשאַן איז געווען אַ קאַריערע־זאַך און ניט מער.

איך בין איינמאָל בייגעווען ווען פּראָפעסאָר ליבערבערג האָט זיך געקריגט מיט כאַווקינען:

— ביי אייך איז יידיש און בירא־בידזשאַן אַ פּערזענלעכע קאַריערע, און ביי מיר איז יידיש מיין מוטער־שפּראַך, די שפּראַך פון יידישע פאָלק, און בירא־בידזשאַן איז די צוקונפט פון יידישן פאָלק. אָן בירא־בידזשאַן האָט דאָס יידנטום קיין קיום ניט אין רוסלאַנד.

כאַווקין האָט אָבער ווייניק וואָס געטראַכט וועגן יידן. אים האָט ניט געאַרט, אַז יידן זאָלן זיך אַסימילירן און אַז פון בירא־בידזשאַן זאָל זיך גאָרניט ניט באַקומען. ער האָט אויטאָמאַטיש אויסגעפילט אַלע באַ־פעלן, וואָס זיינען געקומען פון אויבן. דאָס האָט ניט געשאַדט, אַז ווען דער שרייבער דוד בערגעלסאָן איז אַ פאַר מאָל אַראָפּגעקומען קיין בירא־בידזשאַן, זאָל ער נאָך גיין פיס־טראָט כאַווקינען און אים קוקן אין מויל אַריין און וועגן אים שרייבן, אַז „פריער גאָט און דערנאָך כאַווקין האָבן יידן באַקומען בירא־בידזשאַן פאַר אַ לאַנד״.

די מעשה, אַז בערגעלסאָן האָט געלעבט אין בירא־בידזשאַן, און האָט דאָרט געהאַט אַן אייגן הויז מיט אַן אייגענעם אויטאָמאָביל איז אַ ליגן פון אָנהויב ביזן סוף. בערגעלסאָן איז נאָר אַ צוויי־דריי מאָל אַראָפּגע־קומען אַ קוק טאָן אויף דעם „מין״, וואָס מ׳האָט גערופט בירא־בידזשאַן.

דער הויך־געבילדעטער און ביז־גאָר אינטעליגענטער מענש, פּראָפע־סאָר ליבערבערג האָט געקענט אָפּשאַצן דוד בערגעלסאָנ׳ס ווערק אַלס הויך־קינסטלערישע און מייסטערהאַפטע. ער האָט אָבער אויך גוט גע־קענט אָפּשאַצן דוד בערגעלסאָנ׳ען אַלס „מענש״ מיט זיינע עגאָאיסטישע דריידלעך — און פאַלשע רעקלאַמעס פאַר דער וועלט, אַז ער לעבט אין בירא־בידזשאַן, אין דער צייט, ווען ער האָט גאָר געלעבט אין מאָסקווע און האָט אפילו ניט געטראַכט זיך צו באַזעצן אין בירא־בידזשאַן. אָבער פאַר דעם באַגרענעצטן כאַווקי׳ן, וועלכער האָט גאָר קיינמאָל ניט געלייענט בערגעלסאָנ׳ס ווערק און האָט בכלל ניט געקענט די יידישע ליטעראַטור, פאַר אים, ווען מען האָט אים פאַרגעשטעלט בערגעלסאָנ׳ען,

אז ער איז ביי די יידן פּונקט דער זעלבער ווי מאַקסים גאָרקי פאַר די רוסן און פאַר דער גאַנצער וועלט. און אַזוי ווי מאַקסים גאָרקי איז געווען באַליבט ניט נאָר ביים גרויסן רוסישן פאָלק, נאָר ביי אַלע פעלקער, און פּערזענלעך לענין און פּערזענלעך סטאַלין האָבן גאָרקי'ן הויך געשעצט,— און ער כּאַווקי'ן, וויל דאָך טאָן אַלץ וואָס די גרויסע טאָן, האָט ער בערגעלסאָנ'ען פאַרוואַנדלט פאַר „זיינס אַן אייגענעם שריפטשטעלער". און אַזוי האָט זיך באַקומען, אַז כּאַווקי'ן האָט זיך געהאַנדלט צו בערגעלסאָנ'ען און בערגעלסאָן איז אים קיין בעל־חוב ניט געבליבן.

דער סוף פון די צוויי ביראָ־בידזשאַנער פירער, פון דעם געליבטן און אמת יידישן ביראָ־בידזשאַנער פּאַטריאָט פּראָפעסאָר ליבערבערג, און פון דעם באַגרענעצטן ביראָ־בידזשאַנער קאַריעריסט כּאַווקי'ן, איז געווען איינער און דער זעלבער : מ'האָט זיי ביידע כמעט אין דער זעלבער צייט אַרעסטירט און קיינער ווייסט וועגן זיי גאָרניט ביזן היינטיקן טאָג.

22.

איך האָב דאָן געאַרבעט אין „ביראָ־בידזשאַנער שטערן" און אין דער ביראָ־בידזשאַנער ראַדיאָ אַלס ליטעראַרישער לייטער. צו דער צייט איז קיין ביראָ־בידזשאַן אָראָפּגעקומען אַ קליינע גרופּע ניט קיין באַדייטנדע סאָוועטישע יידישע שרייבער. און אויך די „שרייבער" האָבן ניט געהאַלטן פאַר זייער חוב זיך צו באַזעצן אויף שטענדיק אין ביראָ־בידזשאַן. ביראָ־בידזשאַן איז פאַר זיי געוואָרן אַ מין „דזשאָב" פון וואַנען מ'קען צאַפּן ליטעראַרישן, פּאָליטישן און ממש טאַקע געלטלעכן קאַפּיטאַל. עס איז ניט כדי צו דערמאָנען זייערע נעמען ווייל פאַר די פאָר יאָר צייט, וואָס זיי האָבן געלעבט אין ביראָ־בידזשאַן, האָבן זיי אויף ביראָ־בידזשאַנער טעמעס גאָרניט געשאַפן, די געגנט ניט געזען, אויף יאַגד און פיש־פאַנג ניט געגאַנגען, מיט קיין אַרבעטער און פּויערים ניט גערעדט און האָבן ניט פאַרגינענען דאָס לעבן די יידישע פאַר שרייבער, וואָס האָבן געלעבט מיט די ביראָ־בידזשאַנער טרוימען, וואָס האָבן געאָטעמט מיט ביראָ־בידזשאַנער לופט, באַזוכט די ביראָ־בידזשאַנער פאַבריקן און קאָלכאָזן, געגאַנגען מיט די יעגער אין טייגע אויף יאַגד, מיט די פישער אויף פיש־פאַנג און דערנאָך געשריבן צענדליקער דערציילונגען אויף די טעמעס. קיינער פון יענער גרופּע האָט ביזן היינטיקן טאָג גאָרניט אָנגעשריבן וועגן ביראָ־בידזשאַן. די פאָר קינסטלערישע ביכער, פּראָזע און לידער, וועגן ביראָ־בידזשאַן זיינען — אויסער פון אַ

פֿאַר שרייבער, וואָס האָבן דאָרטן געלעבט, — געשריבן געוואָרן נאָר פֿון אַזוינע וואָס זײַנען געקומען אויף „גאַסטראָלן", באַזוכנדיק ביראָ־בידזשאַן און זײַנען באַלד אַוועקגעפֿאָרן.

אין ביראָ־בידזשאַן האָט דאָן געלעבט איינער אַ רוסישער שרײַבער און מאָוווי־דראַמאַטורג ג ר י ג אָ ר י ק אָ ב ע ץ. ווער עס האָט געזען דעם שיינעם באַגייסטערטן פֿילם וועגן ביראָ־בידזשאַן „גליק־זוכער", זאָל וויסן, אַז די מאָוווי־דראַמע האָט געשאַפֿן ניט קיין ייִד, נאָר אַ גוי, אַ ווײַס־רוס, דער שרײַבער ג. קאָבעץ. אמת, קאָבעץ איז געווען ניט נאָר אַ גוטער שרײַבער, נאָר אויך אַ גוטער שיכור. אָבער דאָס איז געווען זײַנס אַ פּערזענלעכע זאַך.

קאָבעץ האָט זיך מיט מיר פּערזענלעך באַפֿרײַנדעט, ווײַל איך בין ניט געווען ווי די איבעריקע, „קאַבינעט־שרײַבער", וואָס זיצן אין שטוב און זויגן פֿון די פֿינגער. איך האָב ליב געהאַט ביראָ־בידזשאַן און איך האָב געלעבט מיט ביראָ־בידזשאַן. ווי אַ געוואַגטער מענטש און מיט אַן אומרואיקן כאַראַקטער פֿלעג איך זער אָפֿט אַוועק אין טייגע מיט דער ביקס אין האַנט אויף עטלעכע טעג. אָפֿט פֿלעג איך אויך גיין כאַפּן פֿיש. דאָס איז קאָבעצ׳ן געפֿעלן געווען און זײַן ברייטע רוסישע נאַטור האָט זיך זער געפּאַסט צו מײַנע זיטן. מיר האָבן אָנגעהויבן ביידע גיין צוזאַמען אויף יאַגד און פֿיש־פֿאַנג און מאַכן רייזעס איבער דער גאַנצער געגנט. מיר האָבן באַזוכט די קאָריערן וואו מ׳האָט געהאַקט דעם מאַרמאָר, מיר זײַנען געווען אויף דער וואָלאָטשאַיעווקער סאָפּקע פֿון וואַנען די רוסישע פּאַרטיזאַנער האָבן פֿאַרטריבן די יאַפּאַנער, מיר האָבן געמאַכט אַ רייזע אויף אַ שיפֿל איבערן אַמור און באַטראַכט די כינעזישע דערפֿלעך פֿון דער צווייטער זײַט גרענעץ, מיר האָבן באַזוכט די גאָלד־גרובן און אַלע ייִדישע קאָלכאָזן פֿון ביראָ־בידזשאַן. דער רעזולטאַט פֿון דעם איז געווען: צענדליקער קינסטלערישע רעפּאָרטאַזשן וועגן ביראָ־בידזשאַן, צענדליקער קינסטלערישע דערציילונגען וועגן ביראָ־בידזשאַן אין מאָסקווער צײַטונג „דער עמעס", אין קיעווער צײַטונג „שטערן" און אין מינסקער צײַטונג „אָקטיאַבר", חוץ דעם דריי ביכלעך וועגן ביראָ־בידזשאַן. אויך קאָבעץ האָט פֿיל געשריבן אין דער רוסישער שפּראַך וועגן ביראָ־בידזשאַן און האָט געשאַפֿן זײַן גלענצנדע מאָוווי־דראַמע „גליק־זוכער", וועלכע איז געגאַנגען מיט גרויס דערפֿאָלג אין אַלע קינאָ־טעאַטערס פֿון רוסלאַנד און אויסלאַנד.

דאָס אַלץ האָבן די שרײַבער, וואָס זײַנען אָפּגעזעסן כמעט צוויי יאָר אין ביראָ־בידזשאַן און האָבן גאָרניט געשאַפֿן אויף ביראָ־בידזשאַנער טעמעס, ניט געקענט פֿאַרלײַדן און מ׳האָט אָנגעהויבן זיך זוכן צו מיר און צו קאָבעצן, עפּעס אונטערגראָבן אונטער אונז. אָבער ווי זאָגט מען דאָס אַ ווערטל: „אַז מ׳גראָבט אויף יענעם אַ גרוב פֿאַלט מען אַליין אַרײַן". ווײַל גראָד זיי, ווי

עס איז שפּעטער קלאָר געוואָרן, זיינען ניט געווען קיין „כשרע", אַ פּאָר פון זיי זיינען צוריק מיט עטלעכע יאָר געקומען אומלעגאַל פון פּוילן קיין רוס־לאַנד, געוואָרן דאָ „הייסע קאָמוניסטן" און גראָד אויף אַזוינע האָט די ג. פּ. או. אין 1937־טן יאָר געוואָרפן אַן אויג. איינער האָט אַמאָל געהערט צו אַ ציוניסטישער פּאַרטיי, ווענע דעם האָבן אויך אַלע געוואוסט, ער האָט דאָס ניט געקענט אויסבאַהאַלטן, און די ג. פּ. או. האָט אַזאַ איינעם אין יענער צייט אויך איבערן קעפּל ניט געגלעט. אויסער דעם זיינען אין אַ פּאָר צייטונגען, אין קיעווער „שטערן" און אין אַנדערע צייטונגען געווען ווענן זיי געדרוקט פּאַסקווילן, אַז זיי זיינען טראָצקיסטן...
איז אָט אַ די אַ „שרייבער", זיינען געוואָרן ערלעכער פונם פּויפּסט און האָבן אַנגעהויבן שרייען, אַז איך און קאַבעץ שענדן דעם נאָמען פון סאָוועטישע בירגער מיט אונזער אויפפירונג, מיר זיינען אַנטי־געזעלשאַפטלעכע עלעמענטן און אונזער שרייבן איז אַנטי־פּאַרטייאיש. דאָס איז אָבער פּאַר זיי געווען ווייניק האָבן זיי אַנגענומען אַ באַשלוס אונז אַרויסצוואַרפן פון די דירות אין דעם ערשט ניט־לאַנג־אויסגעבויטן שרייבער־הויז. זייער פיינטשאַפט צו דעם איינציקן ביראָ־בידזשאַנער שרייבער ניט־יידן איז געווען אַזוי גרויס, אַז איך פלעג זיך ביי זיי בעטן:
— מיר האָבן איין און איינציקן גוי אין אונזער שרייבער־משפּחה, לאָזט אים צורו. אייך געפעלט ניט זיין שרייבן, שרייבט אַליין בעסער, אייך געפעלט ניט זיין מוּאַווי, שאַפט אַליין אַ מוּאַווי!

עס האָט אָבער ניט געהאָלפן. די מאַכט איז געווען אין די הענט ביי דער גרופּע און זיי האָבן געקענט מיט אונז טאָן, וואָס זיי האָבן געוואָלט. האָבן זיי טאַקע פאַרעפנטלעכט אין דער יידישער צייטונג „ביראָ־בידזשאַנער שטערן" און אין דער רוסישער צייטונג „ביראָ־בידזשאַנסקאַיאַ זוויעזדאַ", אַ באַשלוס, אַז איך און קאַבעץ ווערן אויסגעשלאָסן פון שרייבער־פאַרבאַנד פאַר אַנטי־סאָוועטישע און אַנטי־פּאַרטייאישע טעטיקייט אין דער ליטעראַטור.
דאָס איז אַ פאַקט. מיט שוואַרץ אויף ווייס איז דאָס אין דעם שרעקלעכן 1937־טן יאָר געווען געדרוקט אין דער ביראָ־בידזשאַנער פּרעסע. דאָס האָט געהייסן צו יענער צייט, פּשוט, אַז מ'וויל מיך און קאַבעץ'ן פיזיש פאַרניכטן.

אוי, מיין לעבן. מיין שלימזל־מזלדיק לעבן. איך האָב עס אויסגעקעמפּט ביים מלך־המות אין אַ וועלכער אוניפאָרם ער איז נאָר געווען אַנגעטאָן. איך האָב אויסגעקעמפט מיין לעבן, עס אַרויסגעריסן פון „זייערע" הענט און עס גענומען פעסט צו זיך אין די הענט און עס אַריבערגעוואָרפן איבער אַלע שטרויכלונגען, תּפיסות, געטאָס, פראָנטן און מלוכה־גרענעצן...

— גאָט, פיר מיך ווייטער אין דיינע גערעכטע וועגן. ראַטעווע מיך פון מיינע „גוטע פריינט", ווייל פון מיינע שונאים וועל איך זיך אַליין אויס־היטן...

.23

איך וויל אונטערפירן אַ סך־הכל פון ביראָ־בידזשאַן אַלס אָביעקט פון יידישער מלוכה'שקייט. איך האָב דאָך דערציילט זער פיל „גאָלדענע גליקן" וועגן ביראָ־בידזשאַן, אין מיין צייט זיינען שוין דאָרט געווען אַרום 40 טויזנט יידן. עס איז געווען אַ יידישע קולטור און מ'האָט פאָראויסגעזען אַ יידישע צוקונפט...

און איצט וואָס איז דאָרט ?

— גאָרניט !

— אַ בלאָף !...

איצט איז ביראָ־בידזשאַן בלויז אַ „זיסער" חלום.

ווי מיר שיינט זיינען איצט דאָרט ניטאָ מערער ווי אַ 12—15 טויזנט יידן.

אָבער אַזוי צי אַנדערש: ביראָ־בידזשאַן איז ניט קיין יידיש לאַנד, ניטאָ דאָרט קיין יידיש לעבן. עס מעגן זיין אין אַמעריקע „ביראָ־בידזשאַנער הילפס־קאָמיטעטן", זיי העלפן, אָבער ניט קיין יידן, נאָר די גויים, וואָס לעבן אין ביראָ־בידזשאַן. און ווער ווייסט, צו זייער הילף דערגייט גאָר בכלל אַהין. איך האָב שוין געזען פיל אָפּנאַרערייען און ליגנס, אָבער אַזאַ בלאָף, ווי ביראָ־בידזשאַן איז ניט געהערט געוואָרן: אויף אַ באַן־סטאַנציע, אַ וואָקזאַל, ערגעץ אין דער טייגע, אויפן וואָקזאַל, וועלכן עס האָבן געבויט אַרעסטאַנטן פון די פאַרשיקונגס־לאַגערן „באַם" (בייקאַל־אַמורער לאַגערן), אויף דעם וואָקזאַל שטייט מיט יידישע און רוסישע אותיות אָנגע־שריבן אַ נאָמען „ביראָ־בידזשאַן" און אויף דער געאָגראַפישער מאַפּע פון סאָוועטן־פאַרבאַנד איז פאַרצייכנט „יידישע אווטאָנאָמע געגנט" און קיין יידן זיינען דאָרט ניטאָ און קיין ביראָ־בידזשאַן איז ניטאָ.

און דעם צווייטן טייל פון בוך: „בלוט אויף דער זון", גיב איך אַן אויספירלעכן און אויסשעפנדיקן ענטפער אויף דער פראַגע: פאַרוואָס עס האָט זיך פון ביראָ־בידזשאַן גאָרניט באַקומען...

אין יאָר 1938, בין איך אַוועק פון ביראָ־בידזשאַן און בין געקומען קיין מינסק.

מיטן וועג פון ביראָ־בידזשאַן קיין מינסק, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אין מאָסקווע. נאָך מיינע שרעקלעכע איבערלעבונגען די לעצטע חדשים, ווען איך האָב זיך באַדאַרפט פאַרטיידיקן פאַר דער ג. פּ. או., אַז דאָס אַלץ

וואָס די פאָר „ביראָ־בידזשאַנער שרייבער” מיט זייער „פּאָרזיצער” בראש האָבן געשריבן וועגן מיר אין „ביראָ־בידזשאַנער שטערן” און אין „ביראָ־בידזשאַנסקאַיאַ זוויעזדא”, אַז איך בין אַן אַנטי־סאָוועטישער עלעמענט און אַז מיינע ביכער זיינען אַנטי־פּאַרטייאישע זיינען אויף גאָר ניט ניט באַגרינדעט, איך האָב געפּאָדערט, אַז עקספּערטן זאָלן איבערזעצן מיינע ווערק פון יידיש אין רוסיש און דערווייזן פאַר אַ געריכט די שטעלן, וואָס זיינען אַנטי־סאָוועטישע און אַנטי־פּאַרטייאישע. אויך איז מיר אויסגעקומען דאָס מאָל זיך צו פאַרטיידיקן פאַר דער באַשולדיקונג, אַז איך האָב עפּעס אַ שייכות מיט ציוניזם. איך ווייס ניט ווי אַזוי דאָס איז דערגאַנגען צו דער ג. פּ. או., אַז אין יאָר 1918, האָב איך געהערט צו אַ ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. איך האָב פעסטגעשטעלט, אַז איך בין דעמאָלט געווען אַ קינד פון 12 יאָר און פאַר מיינע קינדישע „זינד” דאַרף מען מיך איצט ניט שטראָפן. — פאַרשטייט זיך, אַז נאָך דעם אַלעם איבערגעלעבטן בין איך געווען קראַנק, צובראָכן און נערוועז. קיין מאָסקווע בין איך אָנגעקומען אין גאַנצן אַ קראַנקער.

דער ליטעראַרישער פאָנד („ליטפאָנד”) פון די מאָסקוער שרייבער האָט מיך באַלד געשיקט אויף אַ מעדיצינישע קאָמיסיע, וועלכע האָט באַשטעטיקט מיין צושטאַנד און באַשטימט מיך תיכף שיקן אויף אַ חודש צייט אין אַ סאַנאַטאָריום זיך אָפּרוען און באַרואיקן מיינע צעפּאָרענע נערוון.

אויף מאָרגן האָב איך באַדאַרפט באַקומען די „פּוטיאָווקע”, די באַשטימונג אויף צו פאָרן אין די סאַנאַטאָריע. נאָר אויף מאָרגן האָט מיט מיר אין מאָסקווע פּאַסירט אַזאַ פאַל, וועלכער קען באַצייכנט ווערן אין דער ליטעראַטור און קונסט אַלס „טראַגיש־קאָמישער”, אָבער קיין שום פריינט מיינעם ווינש איך ניט איבערצולעבן אַזוינע „טראַגיש־קאָמישע” מאָמענטן.

איך בין אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי און בין אַרויס אין גאַס. איך האָב באַדאַרפט צוועלף אַ זייגער אין דער פרי קומען אין „ליטפאָנד” נאָך מיינע פּאַפּירן, דער „פּוטיאָווקע”, כדי איך זאָל פאָרן אין סאַנאַטאָריע. איצט איז געווען אַכט אין דער פרי. וואו טוט מען אַהין די פאָר פרייע שעה? איך האָב באַשטימט צו גיין צום קרעמל. מ'האָט אויף די שפּיצן פון די אַלט־סלאַווישע קלויסטערס פון קרעמל מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אויפגעשטעלט אַנשטאַט די פריערדיקע גאָלדענע ציילעמס — רויטע, רובינאָווע שטערנס. איניווייניק אין די רובינאָווע פינף־עקיקע שטערנס זיינען דאָ עלעקטרישע לאָמפּן און ביי נאַכט שיינען זיי הערלעך איבערן גאַנצן קרעמל און רויטן פּלאַץ... ביי טאָג, אַ קעגן דער זון וואַרפן די שטערנס אויך אָפּ אַ מין רויטלעך פאַרכשופטע שיין... בין איך אַוועק צום קרעמל, פאַריסן דעם קאָפּ און האָב באַטראַכט די שטערנס... פון דעם גרויסן קרעמלער טויער איז

ארויסגעפאָרן אַן אויטאָמאָביל, איך האָב אַ קוק געטאָן אויף אים און דערנאָך דורך דעם צעפראַלטן קרעמל־טויער האָב איך באַמערקט, אַז אינע־ווייניק איז דאָ אַ זייגער און איצט איז ערשט האַלב ניין. איך האָב זיך גע־לאָזט גיין פאַזע דער קרעמל־וואַנט צום מאָסקווער טייך, וואו מען האָט גע־בויט אַ נייע בריק. פון דעם מאָסקווער טייך בין איך צוריק צו צום קרעמל און האָב ווידער אַ קוק געטאָן אויף דעם זייגער און האָב זיך געלאָזט גיין צו דער מלוכה־ביבליאָטעק אויף לענינ׳ס נאָמען, וועלכע געפינט זיך טאַקע ניט ווייט פון קרעמל. אויף די טרעפּ, ביים אריינגאַנג אין ביבליאָ־טעק האָט מיך אַ מיליציאָנער פאַרהאַלטן.

— וואשי דאָקומענטי! אייערע פּאַפּירן!

— צוליב וואָס? — פרעג איך.

עס העלפט ניט קיין רייד, איך מוז ווייזן מיינע דאָקומענטן. דער מיליציאָנער באַפוילט מיר מיט אים מיטגיין. ער פירט מיך צו אויף לוב־יאַנקע ביים ווינקל פון מיאַסניצקע גאַס און דאָרט ערשט ביים אריינגאַנג אין אַ „געוויסער" טיר זע איך, אַז „איינער" אַ ציוויל־געקליידעטער, וועלכן איך האָב פריער באַמערקט „שפּאַצירן" אַרום קרעמל זאָגט דעם מיליציאָנער אין אַ וועלכן קאַמער מען זאָל מיך פירן.

— מזל־טוב, דיר הערשל — טראַכט איך זיך — ווידער אַרעסטירט... פאַרוואָס, פאַרוועו? און נאָך וואו, אין מאָסקווע!

מ׳האָט מיך אָנגעהויבן באַזוכן און אַז מען האָט ביי מיר גאָרניט געפונען אַזוינס, ס׳זאָל אַרויסרופן אַ חשד, האָט מען מיך אָנגעהויבן צו פרעגן, ווער איך בין, וואָס איך טו אין מאָסקווע און וואָס מיך אינטערעסירט דאָ...

איך האָב אַלץ דערציילט אַזוי ווי עס איז: איך בין אַ שרייבער, אין מאָ־סקווע בין איך צייטווייליק, פאַרבייפאָרנדיק, איך ווער געשיקט אין אַ סאַ־נאַטאָריום און היינט צוועלף אַ זייגער באַקום איך אַ „פּוטאַוועקע" פון דעם „ליטעראַטור־פאָנד" ביים פאַרבאַנד פון די סאָוועטישע שרייבער... און אויף דער פראַגע, וואָס מיך אינטערעסירט דאָ אין מאָסקווע, קען איך זאָגן, אַז מיך אינטערעסירט דאָ אַלץ, ווייל איך בין דאָך אַ סאָוועטישער בירגער, און מיך פרייט יעדע נייע סאָוועטישע דערשיינונג, איך האָב ליב דאָס לאַנד און מיך פרייט, וואָס אויפן קרעמל אַנשטאָט די ציילמנס הענגען איצט שטערנס!...

מיינע רייד האָבן ניט געהאָלפן, ביי מיינע אויספאָרשער האָט זיך באַקומען, אַז איך מאַך זיך פאַר אַ נאַר, „וואָס מיר שטערן, וועלכע ציילמס" מען האָט מיך פאַרשפּאַרט איינעם אַליין אין אַ קאַמער, יעדע פערטל שעה האָט מען מיך גערופן אויף אַ פאַרהער צו אַ נייעם אויספאָרשער אין אַן אַנדער צימער און יעדער איינער האָט מיר גע־

שטעלט די זעלבע פראגן און איך האָב געגעבן איינע און די זעלבע ענט־פערס: „איך ליב, איך פריי זיך און איך בין גליקלעך".

זיי, מיינע אויספאָרשער, וואָס בכלל איילן זיי זיך ניט מיטן אויס־פאָרשן א פארהאַלטענעם און קענען אָפּהאַלטן א מענשן א האַלב יאָר, א יאָר און אמאָל אפילו גאנצע פינף יאָר ביז זיי קומען צום אויספיר, אַז דעם פארהאַלטענעם דארף מען פריי לאָזן, האָבן עפּעס דאָס מאָל זיך געאיילט, וואָס שנעלער אויספאָרשן ווער איך בין. זיי האָבן געקלונ־גען אין אַלע רעדאקציעס, אין „ליטפאָנד" און אין שרייבער־פארבאנד לויט די אדרעסן, וואָס איך האָב זיי אָנגעגעבן און נאָך א דריי־שעהדיקן זיצן אין איינעם פון די געפערלעכסטע ערטער אויף ליוביאנקע אין ווינקל פון מיאסניצקע גאַס, אין א באַזונדערן קאַמער, האָט מען מיך באַפרייט, מ'האָט מיר אויפמערקזאַם געמאַכט אויף מיין נייעם גרויען אַנצוג, מיין נייעם גרויען מאַנטל, מיין נייעם גרויען הוט און די נייע גע̇לע שיך.

— איר האָט אַן אויסזען פון אַן אויסלענדער.

מ'האָט מיר אויפמערקזאַם געמאַכט אויף מיין באַקוקן דעם קרעמל.

— קוק ניט אויפן קרעמל. א קוק געטאָן און גיי ווייטער...

איך בין אַוועק אין „ליטפאָנד", באַקומען מיינע פאַפּירן, די „פּור־טיאַווקע" צו פאָרן אין א אונטער־מאָסקווער סאַנאַטאָריום, וואָס טראָגט דעם נאָמען „מצירי", דאָרט איז א פּאַלאַץ, וואָס האָט א מאָל געהערט דעם גרויסן רוסישן דיכטער י. לערמענטאָוו'ס א מומען. דאָ אין דעם פּאַלאַץ האָט לערמענטאָוו אָנגעשריבן די באַרימטע ליד זיינע „דער בע־טלער" און די אומשטערבלעכע פּאָעמע „מצירי". און איצט איז דער פּאַלאַץ פארוואַנדלט געוואָרן אין א סאַנאַטאָריום פאַר אינטעלעקטועלע טוער, פּראָפעסאָרן, שרייבער,ארטיסטן א. א. וו. כדי די אינטעלעקטועלע טוערס זאָלן דאָ אין „מצירי" אָפּרוען זיך, אויסהיילן זייערע געפּאַטערטע, צושרויפטע און צומישטע נערוון, כדי זיי זאָלן זיך באַרואיקן, געזונט ווערן און האָב ווידער כח נאָך א מאָל און נאָך א מאָל צו פּאַטערן ניט נאָר זייערע נערוון, נאָר זייער לעבן אין דעם טאָג־טעגלעכן קאַמף פאַר עקזיסטענץ, דורך דערקלערן זיך צו צען און צוואַנציק מאָל א טאָג אין זייער ליבע צום לאַנד, צו דער מאַכט, צו דער פּאַרטיי און צום פי־רער.

נאָך דעם חודש קורירן זיך אין דער סאַנאַטאָריע בין איך גלייך אַוועק קיין מינסק. איך האָב שוין אין מאָסקווע קיין איין טאָג מער ניט געוואָלט בלייבן... איך האָב גערעכנט זיך דאָ אין מינסק באַזעצן, פירן אַן אָרעם, רואיק לעבן. איך האָב אויסגעמעקט פון מיין לעבן דעם ביראָ־בידזשאַנער פּעריאָד. איך האָב נאָך פיל, פיל בלעטלעך פון מיין לעבנס־

געשיכטע געוואָלט אַרויסרייסן און זיצן שטיל פּאַרוקט ערגעץ אין אַ ווינקעלע מיט מיין ווייב און קינד, זיך ניט מישן ניט אין קיין פּאָליטיק, זיך ניט פאַרנעמען מיט קיין פּאַרטיי־זאַכן, ווערן אַ פּאַסיווער מענש, אַ קליין־בירגער, אַ מאַן פון זיין ווייב, אַ טאַטע פון זיין קינד, און אויב איך וועל פון מאָל צו מאָל אָפּדרוקן אַ דערציילונג זאָל דאָס זיין פון יוצא וועגן, גלאַט אַזוי זיך אַ דערציילונג, אויף אַן אויסגעדראָשענע סאָוועטישע טעמע, אַ דערציילונג ווי אַלע אמת סאָוועטישע דערציילונגען, וואָס זיינען אַגב געשריבן מיט אַ שיין בילדערישער שפּראַך און וואָס האָבן אַ פּנים פון אָפּגעשלאָגענע הושענות...

אַזוי האָב איך אָפּגעלעבט אין מינסק די יאָרן 1938, 1939.

אָבער ניט אַלץ טוט זיך, ווי דער מענש וויל, דייטשלאַנד איז אָנגע־פאַלן אויף פּוילן. רוסלאַנד איז אַוועק ראַטעווען די ברידער אוקראַינער און ווייס־רוסן, וואָס האָבן „געשמאַכט" אונטערן פּוילישן יאָך... די טייל פּוילן, וואו עס האָט געלעבט אַ גרויסע אוקראַאינישע באַפעלקערונג, בראש מיט דער שטאָט לעמבערג איז געוואָרן צוגעטיילט צו דער סאָוועטישער אוקראַאינע און די טיילן פון פּוילן, וואו עס האָט געלעבט אַ גרויסע ווייס־רוסישע באַפעלקערונג בראש מיט דער שטאָט ביאַליסטאָק איז געוואָרן צוגעטיילט צו דעם סאָוועטישן ווייס־רוסלאַנד. די נייע דעראָבערטע גע־ביטן האָט מען אָנגערופן „מערב־אוקראַינע" און „מערב־ווייס־רוסלאַנד", און כדי זיי זאָלן, וואָס גיכער ווערן סאָוועטיזירט איז געווען וויניק צו האַלטן דאָרט סאָוועטיש מיליטער, מ'האָט געמוזט אַריינבערענגען אַהין ציווילע סאָוועטישע טוער, שאַפן אַ סאָוועטישן אדמיניסטראַטיוון אַפּאַ־ראַט, איינפירן די סאָוועטישע קולטור מיטן סאָוועטישן לעבנס־שטייגער... צוליב דעם האָט מען באַדאַרפט געטרייע, איבערגעגעבענע און פּייאיקע סאָוועטישע מענשן, אַזוינע מענשן, וואָס זאָלן אין מערב־אוקראַינע און מערב־ווייס־רוסלאַנד, קענען פאַר אַ קורצער צייט שאַפן דאָס, וואָס אין גאַנץ סאָוועטן־רוסלאַנד איז שוין געשאַפן געוואָרן פון דעם יאָר 1917 ביז איצט, דעם יאָר 1939...

יעדער מענש, וועמען די קאָמוניסטישער פּאַרטיי, די סאָוועטישע אַנשטאַלטן און די באָלשעוויסטישע רעגירונג האָט באַשטימט „איבער־וואַרפן" אין די נייע געביטן אויף אַרבעט, איז אַלזייטיק קאָנטראָלירט געוואָרן. מ'האָט געשיקט נאָר די סאַמע געטרייעסטע, איבערגעגעבנסטע און ערלעכסטע סאָוועטישע מענשן, אַזוינע אויף וועמען מען קען זיך פאַרלאָזן.

.24

ב י אַ ל י ס ט אָ ק. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן בין איך כמעט ווי אין אויסלאַנד, כמעט ווי אין אַן אויסלענדישער שטאָט. איך זאָג כמעט, ווייל צוריק מיט דריי וואָכן האָט נאָך די שטאָט געהערט צו דעם האַלב־פאַשיסטישן פּוילן, צו דעם בלאָק פון די מערב־מלוכות, צו דער קולטור און ציוויליזאַציע פון מערב־אייראָפּע... וואָס האָב איך אַ סאָ־וועטיש דערצויגענער יונגערמאַן, ווי אויך מיליאָנען אַזוינע ווי איך, געוואוסט וועגן אייראָפּע, אַמעריקע און בכלל אויסלאַנד, — גאָרניט!

און אפשר האָב איך געוואוסט זייער אַ סך?... ווייל אַלץ, וואָס איך האָב געוואוסט, ביז מיין קומען קיין ביאַליסטאָק איז דאָס געווען נאָר פון די סאָוועטישע צייטונגען און פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור. קיין אויסלענדישע, ניט־סאָוועטישע צייטונגען און ניט סאָוועטישע ליטעראַטור דרינגט אין רוסלאַנד ניט אַריין. קיינער פון אונז האָט קיינמאָל ניט געלייענט קיין אויסלענדיש געדרוקט וואָרט. און די סאָוועטישע פּרעסע און די סאָווע־טישע ליטעראַטור האָט אונז וועגן אויסלאַנד געשריבן, אַז דאָרט הונ־גערט מען, דאָרט איז אַרבעטסלאָזיקייט, מענטשן גייען אָפּגעריסן, קינדער באַקומען ניט קיין בילדונג און די עקספּלאָאַטאַציע פון דער בורזשואַזיע איבער דעם האָרעפּאַשניק איז ממש ניט אויסצוהאַלטן. און איך האָב אין אַלץ, וואָס די סאָוועטישע פּרעסע האָט געשריבן וועגן אויסלאַנד געגלויבט, געגלויבט אַזוי ווי אַ פרומער ייד גלויבט אין אַלץ, וואָס עס שטייט געשריבן אין דער הייליקער תורה...

און דאָ האָב איך דערזען ביאַליסטאָק, אַ שיינע מאָדערנע שטאָט, מיט ניי־געבויטע אייראָפּעאישע הייזער, מיט פיל טעקסטיל־פאַבריקן און ברויט און פּוטער און צוקער און פלייש איז דאָ וויפל מען וויל, ס'איז אויף פינף־הונדערט פּראָצענט ביליקער ווי אין סאָוועטן־רוסלאַנד און מען שטייט גאָרניט אין די רייען נאָך פּוטער און נאָך צוקער... די אַרבע־טער און די אינטעליגענץ לעבט אין שיינע באַקוועמע דירות מיט מאָדער־נע שיינע מעבל און אין די מאַגאַזינען פאַרקויפט מען אַלץ כמעט אומזיסט; פיינע אַנצוגן, מאַנטלען און שיך — אַזעלכעס זעט מען גאָר אין רוסלאַנד ניט. היינט די זייגערלעך, גייט און קויפט וויפל איר ווילט.

האָבן זיך טאַקע אַ לאָז געטאָן, די „איבערגעוואָרפענע" פון רוס־לאַנד סאָוועטישע מענטשן איבער די מאַגאַזינען און קראָמען איינקויפן ווייס מעל, צוקער, פּוטער, אַנצוגן, מאַנטלען, שיך, קאַפּעלושן און זייגערלעך אָן אַ שיעור...

לויט אונזער זשעדניקייט און דעם אָנוואַרפן זיך און כאַפּן און קויפן

אלץ, וואָס עס מאַכט זיך האָבן די ביאַליסטאָקער אײנוואױנער, שוין גוט פאַרשטאַנען ווי „גוט" עס לעבט זיך אין סאָוועטן־רוסלאַנד...

איך מײן, אַז דער גרעסטער אומגליק פאַר דער סאָוועטן־מאַכט איז אויך דאָס, וואָס פון 1939 ביז נאָך דעם קריג פון 1945 יאָר, האָבן טויזנטער און טויזנטער סאָוועטישע ייִנגעלײט, ווילנדיק ניט־ווילנדיק, דערזען אויסלאַנד, און מאַכן איצט אַ פאַרגלײך צווישן דעם „פאַרגעשריטענעם" רוסלאַנד און דער „אָפּגעשטאַנענער" אײראָפּע.

איך וועל איצט דערצײלן, ווי אַזוי עס איז אײנגעפירט געוואָרן סאָוועטן־מאַכט אין ביאַליסטאָק. מ'האָט געשיקט די סאָוועטישע מענשן קײן מערב ווײס־רוסלאַנד אויסשטרעקן אַ ברידערלעכע האַנט צו די ברידער ווײס־רוסן, וואָס האָבן עטלעכע און צוואַנציק יאָר „געשמאַכט" אונטער דער פּױלישער הערשאַפט. פון קײן ייִדן איז גאָר קײן רייד ניט געווען.

מיט די סאָוועטישע מענשן אין מינסק איז קײן ביאַליסטאָק געשיקט געוואָרן אײנער אַ ייִד, אַן אַלטער קאָמוניסט ב. שולמאַן. דער אָ שולמאַן האָט אַמאָל באַקומען אַ רעליגיעז ייִדישע טראַדיציאָנעלע דערציאונג. ער האָט געקענט אין די קלײנע אויתיותלעך אַרײנקוקן און האָט ליב געהאַט אַלץ וואָס האָט אַ שײכות געהאַט מיט ייִדישע ליטעראַטור.

אין די ייִנגע יאָרן, נאָך פאַר דער סאָוועטישער מאַכט, איז שולמאַן געווען אַ זעצער אין אַ דרוקערײ. בײ דער סאָוועטן־מאַכט האָט ער געענדיקט אַ פינאַנץ־אָפּטײל בײ אַן אוניווערזיטעט און איז אַ שטיק צײט געווען אין מינסק געהילפס־דירעקטאָר פון אַ מלוכה־באַנק. נאָר שפּעטער ווען מ'האָט אײנגעפירט ספּעציעלע פרעסע און ליטעראַטור צענזורס „גלאַווליטן" האָט מען אים באַשטימט אויף דער פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט. די ייִדישע שרײבער פון ווײס־רוסלאַנד האָבן זײער געשעצט און ליב געהאַט דעם קלוגן, פּראָסטן און אין תלמוד אײנגעטונקענעם קאָמוניסט. קען זײן אַז נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס ב. שולמאַן איז געווען „גלאַווליט" אין מינסק, האָבן געקענט דערשײנען אַזעלכע ווערק, ווי איזי כאַריק'ס „אויף אַ פרעמדער חתונה", משה קולבאַק'ס „זעמעליאַנער" און אַ רײ אַנדערע פּראָזע ווערק און לידער אין וועלכע מ'איז זיך באַגאַנגען אָן לויבן דער סאָוועטן־מאַכט, די פּאַרטײ און דעם פירער...

ב. שולמאַן האָט ליב געהאַט ייִדישע ליטעראַטור און די שעפער פון די ליטעראַטור און האָט זיך באַמיט צו העלפן אַ שרײבער מיט אַלץ וואָס נאָר אין זײנע מעגלעכקײטן איז געווען.

אָט אַזוי אַ שטײגער איז מיט מיר געווען אַזאַ קוריאָזער פאַל: אויף מײן מזל, איז אין מאָסקווע געווען אַ רוסישער שרײבער, אַ ליטעראַטור און שפּראַך־פאָרשער, וואָס האָט געהײסן מיט דעם זעלבן נאָמען און פאַמיליע־נאָמען ווי איך; אין כאַרקאָוו איז געווען אַן אוקראַיני־

שער שרייבער און האָט אויך געהאַט דעם זעלבן נאָמען און פאַמיליע־נאָמען ווי איך; אין איינער אַ שטאָט איז געווען אַ דירעגענט און קאָמפּאָזיטאָר און אויך ער האָט געהאַט דעם זעלבן נאָמען און פאַמיליע־נאָמען ווי איך; אין אַ צווייטער שטאָט האָט געלעבט אַן אַרטיסט און דראַמען־שרייבער און אויך ער האָט געהאַט דעם זעלבן נאָמען און פאַמיליען־נאָמען ווי איך.

די צייטן זיינען דאַן געווען אומרואיקע, ניט זיכערע, יעדער מענש איז פאַרדעכטיקט געווען, און דאָ אַרעסטירט מען איינעם וואָס האָט דעם זעלבן נאָמען און פאַמיליע־נאָמען וואָס איך, דערנאָך אַ צווייטן און אַ דריטן, און אַלע די האָבן געהאַט צו טאָן מיט ליטעראַטור און קונסט, אַזוי ווי איך. און אַז מען אַרעסטירט אַזאַ איינעם אַזוי באַקומען אַלע „גלאַוואליטן" פון גאַנץ רוסלאַנד, אוקראַינע, ווייס־רוסלאַנד א. א. וו. סאָוועטישע רעפּובליקן, דירעקטיווס, אַז די ווערק פון „דעם און דעם" זאָל מען אַרויסנעמען פון געברויך, פון פאַרקויף און פון די ביבליאָטעקן. אַזוי אַרום האָט מען עטלעכע מאָל אַרויסגענומען פון געברויך און פאַרווערט צו לייענען מיינע ביכער, אין רוסלאַנד, אַפילו דאַן ווען איך האָב גאָר געאַרבעט און האָב פאַרנומען הויכע פּאָסטנס, בכבוד גדול.

שולמאַן האָט זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט, ער האָט געקלאַפּט טעלעגראַמעס און געשריבן פּראָטעסט בריוו צום הויפּט פון אַלע „גלאַוואליטן", ער האָט דערוויזן, אַז עס זיינען דאָ עטלעכע שרייבער מיט דעם זעלבן נאָמען און פאַמיליע־נאָמען, יענע זיינען רוסישע, אוקראַינישע און אַנדערע שרייבער און איך בין אַ יידישער שרייבער, יענע „זיצן" און איך ניט. — נאָך פיל מי האָט זיך שולמאַנ'ען איינגעגעבן צו באַקומען אַ דערלויבניש, אַז מען זאָל מיינע ביכער קענען פאַרקויפן און זיי באַנוצן אין די ביבליאָטעקן.

יאָ, ניט איינמאָל פלעגט מען מיך טאַקע אָננעמען פאַר דעם רוסישן שרייבער פון מאָסקווע, אַמאָל פאַר דעם אוקראַינישן שרייבער פון כאַרקאָוו און אַמאָל גאָר פאַר אַן אַרטיסט אָדער קאָמפּאָזיטאָר.

איצט, ווען איך האָב מיין פאַמיליע־נאָמען „געיידישט" ד. ה. איך האָב פון רוסיש געמאַכט אַ יידישע איבערזעצונג בין איך שוין זיכער, אַז אַזוינע קוריאָזע פאַלן וועלן שוין מער ניט פאָרקומען... און דאָך האָב איך דאָ ניט לאַנג אין איינער אַ שטאָט, וואָס איך האָב באַזוכט, ווידער געהאַט אַן ענלעכן פאַל. איינער אַ ייד האָט צו מיר געזאָגט מיט פרייד:

— אודאי, איך קען דאָך אייך, איר זייט דאָך געווען אין ווילנע דער דירעקטאָר פון „ייוואָ", דאָס הייסט ניט פון דעם „ייוואָ", וואָס מען טייטשט „יידן ווילן אַזוי", נאָר פון דעם „ייוואָ, וואָס הייסט „יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט".

איך האָב באַרואיקט מיין פיל ריידעוודיקן ניי באַקאַנטן, וועלכער האָט ליב זיך צו ווערטלען פונקט ווי מיין שטיף־טאַטע, אים צו לענגערע יאָרן, און איך האָב אים דערקלערט:

— איך הייס אָבער הערשל, און יענער פון „ייווא" הייסט מאַקס. איך שרייב זיך ווײַנרויך ס'איז אַ פּינקטלעכע איבערזעצונג פון „ווינאַקור" און יענער פון „ייווא" שרייבט זיך וויינרייך...

נאָר לאָמיר זיך צוריק אומקערן צו ב. שולמאַן.

צוזאַמען מיט סאָוועטישע טוער, כדי איינשטעלן סאָוועטן־מאַכט אין ביאַליסטאָק איז אויך שולמאַן געשיקט געוואָרן. ער איז קיין ביאַלי־סטאָק געשיקט געוואָרן ניט ווי אַ „גלאַווליט", נאָר ווי אַ פינאַנץ־קענער, כדי צו נאַציאָנאַליזירן די געוועזענע פּוילישע רעגירונגס, געזעלשאַפטלעכע און פּריוואַטע בענק און זיי פאַרוואַנדלען אין סאָוועטישע בענק... אָבער דער אַ אַלטער קאָמוניסט, וועלכער האָט אַזוי ליב געהאַט אַלטע יידישע ספרים און נייע יידישע ליטעראַטור האָט דען געקענט רואיק איינזיצן אין „זיינע" בענק און זיך פאַרנעמען מיט פינאַנצן, געלט און וואַלוטע, אַז דאָ אין ביאַליסטאָק איז דאָ אַזאַ ליטעראַטור, אַזוינע ספרים, וואָס מינסק האָט גאָר אַזוינס ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו זען?

קורץ, שולמאַן האָט זיך אַריינגעכאַפּט צו פּסח קאַפּלאַנ'ען אין רעדאַקציע פון דעם פאַרבאָטענעם ביאַליסטאָקער „דאָס נייע לעבן" אַ קוק געטאָן אויף דער רייכער דרוקעריי און נאָך אַ קורצן שמועס מיט פּסח קאַפּלאַנ'ען און זיינע מיטאַרבעטער האָט שולמאַן ביי זיך באַשלאָסן אַליין פאָרצוזעצן אַרויסלאָזן די יידישע צייטונג. ער האָט גענומען אויף זיך די איניציאַטיוו און פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו שטעלן די פּאַרטיי פאַר אַ פאַקט, אַז עס דערשיינט אין ביאַליסטאָק אַ סאָוועטישע יידישע צייטונג... ער האָט אַ נאָמען געגעבן די צייטונג „ביאַליסטאָקער שטערן". איינער אַליין — און אין דער שטיל מיט דער הילף פון דעם געוועזענעם רעדאַקטאָר פּסח קאַפּלאַן און זיינע מיטאַרבעטער — האָט שולמאַן אַרויס־געגעבן אַן ערשטן, אַ צווייטן און אַ דריטן נומער „ביאַליסטאָקער שטערן". מיט די אָפּגעדרוקטע צייטונגען איז ער געקומען אין פּאַרטיי־קאָמיטעט און געמאָלדן:

— איר מוזט אַנערקענען די יידישע סאָוועטישע צייטונג „ביאַלי־סטאָקער שטערן". דאָס וואָס מען האָט פאַרמאַכט די אַלטע יידישע צייטונג, וועלכע איז ביז אונזער קומען דאָ אין שטאָט דערשינען און קיין נייע גיט מען ניט די יידן, קען נאָך אויסגעטייטש ווערן שלעכט פון די שונאים פון דער סאָוועטן־מאַכט, וועלכע זיינען דאָ פאַראַן אין אַ גענוגנדער צאָל!...

דער ביאַליסטאָקער געגנטלעכער פּאַרטיי־קאָמיטעט, האָט געמוזט אַנערקענען די נייע יידישע צייטונג און אָננעמען אַ באַשלוס וועגן איר.

שולמאַן איז באַלד באַשטעטיקט געוואָרן אַלס פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג. מ'האָט אים געהייסן צוקלייבן זיך אַ שטאַב מיטאַרבעטער פון די ניי־געקומענע פּויליש־יידישע שרייבער, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון דער טייל פּוילן (וואַרשע, לאָדזש), וואָס היטלער האָט פאַרכאַפּט, צוקלייבן אַזוינע וואָס שטייען נאָענט צו דער סאָוועטן־מאַכט. אויסערדעם האָט מען באַשטימט אַראָפּברענגען פון מינסק צוהילף שולמאַנ'ען נאָך אַ פּאָר סאָוועטישע מענטשן. אָט אַזוי אַרום, אויף דער פאָדערונג פון שולמאַנ'ען אים אַרויסשיקן דרינגנדע הילף, אין קאַדרען, האָט דער ווייס־רוסישער צענטראַל־קאָמיטעט צוזאַמען מיטן פאַרבאַנד פון די סאָוועטישע שרייבער אין ווייס־רוסלאַנד, באַשטימט מיך צו שיקן קיין ביאַליסטאָק, אַלס פאַרוואַלטער (רעדאַקטאָר) פון קולטור און שטייגער אָפּטייל ביי דער צייטונג „ביאַליסטאָקער שטערן". דאָס האָט אייגנטלעך געהייסן, אַז איך פאַרטרעט שולמאַנ'ען אין די פונקציעס פון יידישער קולטור, ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט־ און שטייגער־פראַגן. שולמאַן פערזענלעך האָט אָנגעפירט מיט דער פּאָליטישער און פּאַרטייאישער טייל פון דער צייטונג.

איך האָב כמעט צוויי יאָר געאַרבעט צוזאַמען מיט שולמאַנ'ען, ביז מיט מיר האָט ווידער עפּעס פּאַסירט... און פון דאַן אָן, האָב איך שוין מער שולמאַנ'ען, זיין פרוי און קינדער, ווי אויך אַנדערע מיינע פריינט פון ביאַליסטאָק און מיינע אייגענע פרוי און קינד, מער ניט געזען. אין יאָר 42־1941־טן, זיינען אַלע אומגעקומען אין דער ביאַליסטאָקער געטאָ על קידוש השם ועל קידוש העם. זאָל דאָ דערמאָנט ווערן מיט ערע און כבוד זייערע ליכטיקע נעמען.

25.

ווען איך בין געקומען קיין ביאַליסטאָק אין דריי וואָכן אַרום, נאָך דעם ווי ס'האָט זיך איינגעשטעלט דאָרט די סאָוועטן־מאַכט און ס'זיינען שוין דערשינען עטלעכע נומערן „ביאַליסטאָקער שטערן", האָב איך אין דער רעדאַקציע שוין געטראָפן אַ גאַנצן שטאַב מיטאַרבעטער און אַלע, אויסער דעם רעדאַקטאָר ב. שולמאַן, זיינען זיי געווען פרעמדע, ניט קיין סאָוועטישע, געקומענע פון וואַרשע און לאָדזש און געשטימט זיינען זיי אַלע געווען נאָך מער סאָוועטיש, ווי ס'איז אַ סאָוועטישער בירגער. איך וויל דאָ ניט ריידן וועגן דעם, ווי אַזוי שולמאַן האָט זיך מיט מיר דערפרייט. ער האָט שוין אַ חבר צו זיך, נאָך איין סאָוועטישן מענטשן. און באמת האָב איך מיט שולמאַנ'ען געלעבט ניט נאָר ווי אַ

חבר, נאָר ווי אַ ברודער. כ׳האָב אויף זיך קיינמאָל ניט געפּילט, אַז ער איז שעף־רעדאַקטאָר, גלייך אויף גלייך האָבן מיר צוזאַמענגעאַרבעט און אויף זיך געטראָגן די שווערע לאַסט, די פאַראַנטוואָרטלעכקייט און די גרויסע אחריות אין די אומנאָרמאַלע און שווערע באַדינגונגען פון יענער צייט, אַרויסלאָזן אַ יידישע סאָוועטישע צייטונג, וואָס זאָל דאָך האָבן אַ יידישן טעם...

אַלס סעקרעטאַר פון דער רעדאַקציע האָט געאַרבעט הערשל סמאָליאַר, וועלכן מ׳האָט אויך געהאַלטן, און ער אַליין האָט זיך נאָך מער געהאַלטן, פאַר אַ סאָוועטישן מענשן. הערשל סמאָליאַר איז שוין אַ מאָל געווען אין סאָוועטן־רוסלאַנד, ער האָט מיטגעאַרבעט אין סאָוועטישע צייטונגען, צי מ׳האָט אים געשיקט פון רוסלאַנד קיין פּוילן, צי ער איז אַליין אוועק פון רוסלאַנד קיין פּוילן, דאָס ווייס איך ניט, איך ווייס נאָר, אַז קיין ביאַ־ליסטאָק איז ער געקומען צוזאַמען מיט די איבעריקע יידישע שרייבער פון וואַרשע און לאָדזש. אַליין האָט ער סמאָליאַר ווייניק געשריבן. — דאָס מוז מען דאָך קענען, — ער האָט נאָר צוגעגרייט די צייטונג צום דרוק, און ניט שלעכט צוגעגרייט.

פון די אַנדערע מיטאַרבעטער וויל איך דאָ באַצייכענען בערל מאַרק׳ן, ביז־גאָר אַ פּייאיקער זשורנאַליסט, פּובליציסט און ליטעראַטור און געשיכטע־פאָרשער, אַ הויך־געבילדעטער מענש; ד״ר דוד ספּאַרד אַ דיכטער, עסיי־איסט און קריטיקער; בונים העלער, אַ „פּראָלעטאַרישער״ דיכטער; דוד מיצמאַכער, אַ ביז־גאָר טאַלאַנטירטער פּראָזאַאיקער (אומגעקומען אין אַ לאַגער ביי די דייטשן).

מיר דוכט, אַז די צייטונג „ביאַליסטאָקער שטערן״, איז געווען די איינציקע יידישע סאָוועטישע צייטונג, וואָס איז לויט איר אינהאַלט געווען נעענטער צו די יידישע צייטונגען פון אויסלאַנד, און ס׳איז קיין וואונדער ניט. קיין ביאַליסטאָק האָבן זיך צונויפגעזאַמלט די בעסטע יידישע ליטע־ראַרישע כוחות פון פּוילן. עס זיינען דאַן געווען ביי אַ פערציק יידישע שרייבער און דיכטער, וואָס האָבן זיך באַוויזן אַרויסראַטעווען פון היט־לערס נעגל.

פאַרשטייט זיך, אַז אַלעמען דרוקן און יעדער איינער זאָל האָבן פרנסה פון דעם קליינעם צייטונגעל, וועלכע האָט געהאַט אַ מער פּאָליטישע ווי ליטעראַרישע פונקציע, — דאָס איז געווען אוממעגלעך...

מיר האָבן געזוכט פאַרשיידענע געלעגנהייטן ווי אַזוי צו געבן די שרייבער צו פאַרדינען. מיר האָבן ביי זיי באַשטעלט פאַרשיידענע אַרטיק־לען און זיי אָנגעוואָרפן פאַרשיידענע טעמעס צו שרייבן.

איינמאָל איז געווען אַזאַ פאַל : אין רעדאַקציע איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז אין די קיך, וואו עס עסן די אינטעליגנטן: אינזשיניערן,

דאָקטוירים, פּעדאַגאָגן, שרייבער, אַרטיסטן א.א.וו. וועלכע געהערט אויך איצט, ביי דער סאָוועטישער אָרדנונג, פּונקט אַזוי ווי ביי די פּאָלאַקן, צו אַ קאַטוילישן פּרויען־מאָנאַסטיר, אין דער קיך קאָכט מען מאָנטיק און דאָנערשטיק ניט קיין פלײשיקס און אינגאַנצן ניט קיין געזאַלצענע געקעכצן. ווען מען בעט ביי די דינערינס, די מאַנאַשקעס, אַביסל זאָלץ, ענטפערן זיי: „היינט איז פאָסט"... עס וואָלט געווען גוט, האָבן מיר באַשטימט, אַז עמיצער פון די שרייבער זאָל אויף דער טעמע אָנשרייבן אַ בייסיקן קליינעם פעליעטאָן. מיר האָבן זיך געווענדעט צו אַלע שרייבער, זיי צוגעוואָרפן אַ פּאַרדינסטל... נאָר דאָס מאָל האָט קיינער פון די שרייבער, וואָס האָבן אַזוי געוואָלט פאַרדינען עטלעכע רובל, ניט געמאַכט די פּאָרגעשלאָגענע אַרבעט. דאַן האָט שולמאַן מיר אַליין געהייסן אָנשרייבן אַ קליינעם פעליעטאָן, אַ פּרוּאוו טאָן אָט דעם זשאַנער.

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט ביי מיין טיש און האָב אויף אַ בויגן פּאַפּיר אָנגעשריבן אַ קעפּל: „זאַלץ אייך אין די אויגן". הערשל סמאָליאַר האָט באַמערקט דעם ליידיקן בויגן פּאַפּיר מיט דעם אָנגעשריבענעם קעפּל און האָט אויסגעשריגן:

— גוט, מיר האָבן שוין אַ קליינעם פעליעטאָן. „זאַלץ אייך אין די אויגן"! אַז מ'קען אָנשרייבן אַזאַ קעפּל קען מען שוין אָנשרייבן אַ פעליעטאָן אויך.

דאָס האָט מיר צוגעגעבן קוראַזש, איך האָב לאַנג ניט געטראַכט און אָנגעהויבן שרייבן. און באמת האָט זיך באַקומען אַ געלונגענער קליינער פעליעטאָן.

דאָס ערשטע האַלבע יאָר, האָבן מיר געהאַט פיל פרייד און נחת פון אונזער צייטונג „ביאַליסטאָקער שטערן", דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן צרות... דער פאָרמאַט פון דער צייטונג איז געווען זער אַ קליינער, דער טיראַזש אַ באַגרענעצטער און די נאָכפראַגע אויף דער צייטונג איז געווען זער און זער אַ גרויסע. עס פלעגן קומען מענשן, יידישע אַרבעטער, יידישע בעלי־מלאכות און יידישע אינטעליגענץ זיך בעטן ביי אונז און ממש וויינען פאַר אונז, אַז זיי ווילן אויסשרייבן די צייטונג. נאָר מיר האָבן זיי מיט גאָרניט ניט געקענט העלפן. זיי האָבן געשריגן:

— ס'טייטש, אין דעם פאַשיסטישן פּוילן האָבן מיר זיך געקענט אַבאָנירן אויף אַ יידישער צייטונג. אויסער דער טעגלעכער ביאַליסטאָקער יידישער צייטונג, וועלכע פלעגט דערשיינען אין אַ גרויסן פאָרמאַט און אין אַ גענוגנדע צאָל, פלעגן מיר נאָך באַקומען יידישע צייטונגען פון וואַרשע, ווילנע, פראַנקרייך, אַמעריקע און ארץ ישראל. און איצט, זינט די סאָוועטן־מאַכט איז צו אונז געקומען, קענען מיר ניט קויפן און זיך ניט אַבאָנירן

אויף אַ יידישער צייטונג. ס׳טייטש פאַר אונזער געלט, ווען מיר ווילן צאָלן, ווילט איר אונז קיין צייטונג ניט געבן ! ?

די נאַאיווע ביאַליסטאָקער יידן האָבן געמיינט, אַז שולמאַן אָדער איך זיינען שולדיק אין דעם, וואָס „ביאַליסטאָקער שטערן" דערשיינט אין אַ קליי־נעם פאָרמאַט און אין אַ נישטיקער צאָל... וואָס האָבן מיר געקענט ענטפערן די יידן אויף זייערע ריכטיקע פאָדערונגען און טענות?... אפשר האָבן מיר זיי געדאַרפט זאָגן דעם אמת, אַז ניט מיר זיינען די בעלי בתים איבער דער צייטונג, נאָר די פּאַרטיי, און די פּאַרטיי האָט באַשטימט אַ לימיט אויף אַריבער 40 טויזנט יידישע לייענער, נאָר 5 טויזנט עקזעמפּליאַרן. און עס העלפט ניט אונזער שרייען און קריגן זיך. אַזוי וויל די פּאַרטיי, אַזוי וויל די רעגירונג, אַזוי האָט באַפוילן די סאָוועטן־מאַכט... צי אפשר האָבן מיר געזאָלט זאָגן די יידן נאָך אַ צווייטן אמת, אַז אין די „הויכע" פענצטער פּלאַנעוועט מען שוין, אַז די יידישע צייטונג זאָל גאָר ווערן אַ וואָכן־צייטונג און מיט דער צייט זאָל מען זי אינגאַנצן ליקווידירן...

מיר דוכט, אַז דאָס ערשטע מאָל האָב איך דאַן אַ צווייפל געטאָן אין דער ריכטיקייט פון דער פּאַרטייאישער איינשטעלונג בנוגע יידישער קולטור, ליטעראַטור און פּרעסע.

שולמאַן איז אויך אַרומגעגאַנגען אַ דערשלאָגענער. ער איז געווען בלאַס ווי די וואַנט און האָט ניט געוואָלט ריידן מיט קיינעם. די מיטאַרבעטער אונזערע, די שרייבער, דיכטער און זשורנאַליסטן פון פּוילן, האָבן ניט פאַר־שטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר.

— ס׳טייטש, ס׳טייטש, ביי די סאָוועטן ניט דערלויבן אַ יידישע צייטונג, ביי די סאָוועטן ?

דאָס איז אָבער אַלץ געווען אַ קינדער־שפּילעכל קעגן דעם אַלעמען, וואָס האָט זיך מיט דער צייט אָנגעהויבן אָפּשפּילן נאַכט אויס, נאַכט איין...

די מיליץ מיט דער ג. פּ. או. האָבן אָנגעהויבן יעדע נאַכט צו שלעפּן פון די בעטן יידן און ניט־יידן (מער יידן, ווייל ביאַליסטאָק איז געווען אַ יידישע שטאָט) מ׳האָט די מענשן אַריינגעשטופּט אין פאַרמאַכטע אויטאָ־מאָבילן און מ׳האָט זיי געפירט אין תפיסה און פון דאָרט האָט מען זיי געשיקט קיין סיביר.

— פאַרוואָס ?

אָ, „זינד" זיינען ביי די יידן געווען זער און זער פיל קעגן דער סאָוועטן־מאַכט :

איין ייד האָט אַ שטייגער געהאַט אַן אייגענע פאַבריק. אמת, די פאַבריק האָט מען ביי אים צוגענומען. אָבער וואָס דאַרף אַזאַ איינער זיך אַרומ־

דרייען אין ביאַליסטאָק און טראָגן אַ שנאה אויף די באָלשעוויקעס ? — קיין סיביר אים שיקן !

אַ צווייטער ייד, האָט געהאַט אַן אייגן הויז, אַ גרויס הויז, אַ גאַנצן מויער. דאָס הויז האָט מען ביי אים צוגענומען. און מיט אַזאַ יידן וואָס טוט מען ? — קיין סיביר !

אַ דריטער ייד, איז געווען אַ בונדאָוויעץ, אַ פערטער ייד, איז געווען אַ ציוניסט, אַ פינפטער ייד, איז גלאַט געווען אַ שלים־מזל. וואָס דאַרף מען אַזוינע אין ביאַליסטאָק ? — קיין סיביר !

אַ זעקסטער ייד, וואָס איז געקומען צולויפן פון וואַרשע אָדער פון לאָדזש און האָט געפונען דאָ אין ביאַליסטאָק, ביי די סאָוועטן אַ רעטונג, אַ באַהאַלטונג פון דעם בלוטיקן היטלער, ער, דער פּראָסטער ייד, האָט עפּעס געהערט, אַז אין וואַרשע און אין לאָדזש איז שטיל. די דייטשן הרגענען שוין מער ניט. יידן לעבן דאָרט, מ׳אַרבעט און מ׳האַנדלט, און זיין ווייב, זיינע קינדער, וועלכע זיינען דאָרט געבליבן לעבן און זיינען געזונט. ווער ווייסט, אפשר וועט שוין טאַקע זיין שטיל, אפשר וועט שוין טאַקע היטלער מער ניט מאַכן קיין פּאָגראָמען אויף יידן, אפשר מעג מען זיך צוריק אומ־קערן אַ היים ?... און וויבאַלד אַזוי, איז צוליב וואָס זיך איילן און נעמען אַ סאָוועטישן פּאַספּאָרט ?... — פאַרשטייט זיך, אַז אַזוינע יידן דאַרף די סאָוועטן־מאַכט אודאי ניט ! קיין סיביר !

מיר און שולמאַנ׳ען און נאָך אייניקע סאָוועטישע יידן, וואָס האָבן דאָן געלעבט אין ביאַליסטאָק, אונז האָט זיך דאָס בלוט געטריפט, צוקו־קנדיק זיך ווי מ׳שלעפּט יידן, אונזערע ברידער און שוועסטער מיט זייערע קינדער, ביינאַכט פון די געלעגערס, מ׳שיקט זיי אין די תפיסות און דערנאָך קיין סיביר.

וואָס האָבן מיר געקענט טאָן, מיר סאָוועטישע יידן, מענשן מיט שלע־סער אויף די ליפּן, מענשן וואָס האָבן אַ באַפעל צו הערן, זען און שווייגן, מענשן וואָס מעגן שרייען נאָר ווען איין זאַך, אַז זיי ליבן, ליבן און ליבן די מאַכט, דאָס לאַנד, די פּאַרטיי, די רעגירונג און דעם פירער.

איי, די „ליבע”, משוגע קען זי מאַכן דעם מענשן, וואָס וויל האָבן אַ האַרץ אנשטאָט אַ שטיין, און אַ נשמה אנשטאָט אַ פּאַרטייד־בילעט.

.26

אין ביאַליסטאָק האָט דאַן עקזיסטירט אַ יידישער טעאַטער אונטער דער לייטונג פון דעם באַוואוסטן רעזשיסער און פּובליציסט אברהם מאָרעווסקי... דאָס איז געווען אַ טייערער ייד און אַ גוטער חבר. אַ געוויסע

צייט איז מיר אויסגעקומען מיטצוארבעטן אין דעם טעאַטער. עס האָבן דאָרטן געשפּילט די אַרטיסטן־משפּחה ליטמאַן, יצחק גרודבערג, דער יינגסטער ברודער פון די באַרימטע שוישפּילער און רעזשיסאָרן יאָנאַס און זיגמונט טורקאָוו, ראובן זיגעלבוים, הארט און נאָך אַנדערע. ווען היטלער האָט איבערגעריסן דעם סאָוועטיש־דייטשן אָפּמאַך און איז אָנגעפאַלן אויף רוסלאַנד, האָט זיך דאַן דער ביאַליסטאָקער טעאַטער געפונען אויף גאַסטראָלן און איז עוואַקואירט געוואָרן קיין מיטל־אַזיע און דאָרט איז ער זיך צעפאַלן. איצט ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די רעפּאַטריאַציע צוריק קיין פּוילן, האָט קיינער פון די אַרטיסטן ניט געוואָלט בלייבן אין רוסלאַנד. כמעט אַלע האָבן זיי זיך אומגעקערט קיין פּוילן און פון פּוילן איז מען זיך צעפאָרן ווייטער.

אָבער וואָס יידישע אַרטיסטן פון געוועזענעם פּוילן האָבן ניט געוואָלט בלייבן אין סאָוועט־רוסלאַנד איז ווייניק. עס האָבן ניט געוואָלט בלייבן אין סאָוועט־רוסלאַנד אויך סאָוועטישע יידן, סאָוועטישע אַרטיסטן, קינסטלער, דאָקטוירים, אינזשיניערן און אפילו מיליטער־לייט. איך וואָלט דאָ געקענט ברענגען אַ צעטל פון אַריבער הונדערט סאָוועטישע יידן, נאָר וואָס איך זעלבסט קען, וואָס זיינען אַנטלאָפן ביי אַ געוויסער געלעגנהייט פון רוסלאַנד. צוליב געוויסע סיבות, טאָר איך אָבער דאָ ניט דערמאָנען זייערע נעמען.

מיר איז אויסגעקומען אין ביאַליסטאָק צו קאָנטראָלירן די ביבליאָטעקן און זיי זויבער מאַכן פון די ציוניסטישע און בונדישע ליטעראַטור. כדי צו וויסן וואָס מען מעג לאָזן פאַרן לייענער און וואָס מען טאָר ניט, האָב איך זעלבסט גענומען לייענען די ביכער און אַזוי אַרום האָב איך דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן באַקומען אַ מעגלעכקייט צו לייענען ווירקלעך ציוניסטישע און בונדישע ליטעראַטור. ביז דאַן האָב איך פון ציוניזם און בונד געוואוסט נאָר דאָס, וואָס די סאָוועטישע ליטעראַטור האָט געשריבן און וואָס איך האָב פאַרגעדענקט ווי דורך אַ חלום פון מיינע קינדעריאָרן...

אין דעם זעלבן יאָר איז מיר אויסגעקומען איינצייטיק, צוזאַמען מיט דער אַרבעט אין „ביאַליסטאָקער שטערן" אויך זיין דירעקטאָר פון איינער פון די ביאַליסטאָקער יידישע שולן, ווייל עס האָבן אָנגעהויבן אויספעלן קאַדרען. די היגע, די ביאַליסטאָקער אינטעליגענץ האָט מען ניט געקענט אָנפאַרטרויען קיין פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס. פיל פון זיי „פּאָליטיש ניט שטאַנדהאַפטיקטע", געוועזענע ציוניסטן און בונדאָווצעס, האָט מען אַרעסטירט. פון סאָוועט־רוסלאַנד האָט מען קיין נייע סאָוועטישע טוער ניט צוגעשיקט, אַזוי אַז דאָס ביסל סאָוועטישע מענשן, וואָס זיינען געווען אין ביאַליסטאָק האָבן געמוזט אַרבעטן איבער די כוחות.

אזוי אַ, האָב איך געלעבט אין ביאַליסטאָק ביז דעם 16־טן יאַנואַר 1941, ווען אַן אומגעלומפּערטער, באַנאַלער צופאַל האָט מיך איצט, שוין אַ פערט מאָל אַריינגעשליידערט אין תפיסה. געהייסן האָט עס, אַז פאַר ניט צאָלן אַ געלט־חוב, האָט מען מיך איינגעזעצט אויף זעקס חדשים, נאָר אַבי מען האָט מיך איינגעזעצט אין תפיסה, האָט מען מיר שוין צוגעטשעפּעט אויך אַנדערע „זינד”...

איך רייד וועגן באַנאַלע צופאַלן. יאָ, אין סאָוועט־רוסלאַנד זיינען אַזוינע באַנאַלע צופאַלן און צופעליקייטן פאַראַן גענוג. די הויפּט־זאַך דאַרף זיין דאָס האַטשיקל פאַרוואָס זיך צו צוטשעפּען צו דיר און דיר אַריינ־כאַפּן אין תפיסה, דאָרט וועט מען צו דיר שוין צוטשעפּן אַזאַ ענין, צו קלעפּן אַזאַ „יאַרליקל” און צונייען אַזאַ „דיעלע”, אַז דו וועסט זיצן און זיצן...

יידן זאָגן אַ ווערטל: „אויף אַריין איז די טיר אין תפיסה ברייט, אויף אַרויס איז זי שמאָל”... סאָוועטישע מענשן זאָגן אַ ווערטל: „אַבי געזונט, יאָרן צום זיצן וועסטו שוין באַקומען”...

אין רוסלאַנד זיצט מען יאָרן־ווייז פאַר אַזוינע קלייניקייטן פאַר וועלכע אין אַנדערע לענדער גיט מען נאָר אַ פאָר מאָנאַטן אָדער געלט־שטראָף. אַ שטייגער;

האָסט זיך צופּאַטש מיט אַ חבר, זיך מיט אים צוקריגט, אים באַליי־דיקט מיט אַ זידל־וואָרט. — ביסטו אַ כוליגאַן. און פאַר כוליגאַנעריי באַקומסטו אַ יאָר תפיסה.

האָסט ניט באַצאָלט צו דער צייט קיין חוב, קיין שטייער, קיין אַלי־מענטן. — כאָטש דו בעטסט זיך ביים געריכט, אַז איצט ווילסטו אָפּצאָלן פאַר דער גאַנצער צייט. אָבער מע וויל דיך ניט אויסהערן. — גיי אין תפיסה.

האָסט פאַרשפּעטיקט אַ פּאָר מאָל צו דער אַרבעט, ביסט ניט אַרויס צו דער אַרבעט, ביסט אַנטלאָפן פון איין אַרבעטס־פּלאַץ אויף אַ צווייטן, — ביסט אַ „פּראָגולשטשיק”, אַ „ליטון”. און דערפאַר באַקומסטו פון דריי חדשים ביז צוויי יאָר תפיסה.

האָסט עפּעס געזאָגט, דיינס אַ געדאַנק, אַזאַ געדאַנק, וואָס איז ניט צום האַרצן דער הערשנדיקע מאַכט. — ביסטו אַן אַנטי־סאָוועטישער אַגיטאַטאָר און דיר קומט פון 5 יאָר תפיסה ביז...

האָסט ניט קיין אַרבעט, צי דו ווילסט ניט אַרבעטן, ביסט אַן עלע־מענט אָן אַ שטענדיקער פּראָפעסיע: תפיסות, סיביר, פאַרשיקונג.

האָסט ניט קיין באַשטימטן וואוין־אָרט. פאָרסט אום פון איין שטאָט אין דער אַנדערער, (אין רוסלאַנד קענען פאָרן פון איין שטאָט אין דער אַנדערער, מענשן וועלכע מען שיקט אין אַ קאָמאַנדיראָווקע, וועלכע באַקומען אַ ספּעציעלן פּראָפּוסק און וועלכע מען רופט עקסטרא אַרויס. גלאַט אַזוי זיך

ארומפאָרן דערלויבט מען ניט) ביסטו אַן עלעמענט אַן אַ שטענדיקן וואוין־אָרט: — תפיסות, סיביר, פאַרשיקונג.

עמיצער האָט אויף דיר געזאָגט, אַז דו ביסט אַ טראָצקיסט, אַ נאַציאָ־נאַליסט, אַ שפּיאָן, אַ קאָנטר־רעוואָלוציאָנער, גלויבט מען דעם „זאָגער" אויפן וואָרט, מען פאָרשט ניט אויס, מען קאָנטראָלירט ניט פריער צי דאָס, וואָס יענער האָט אויף דיר געזאָגט איז ריכטיק, צי עס האָט עפּעס אַ גרונט... מ'אַרעסטירט דיך, מ'זעצט דיך איין אין תפיסה. שפּעטער זעצט מען איין אין תפיסה אויך דעם „זאָגער".

אַט די אַלע אויסגערעכנטע צופאַלן און צופעליקייטן זיינען באַנאַלע, טאָג־טעגלעכע דערשיינונגען אין רוסלאַנד.

ניין, מיינע פריינט, רעדט מיט מיר ניט וועגן קיין שיינע אידייען, אַלע אידייען זיינען שיינע ווען מען לייענט זיי אין ביכל און אין צייטונג, ווען מען זיצט אין אַ קאַפע, אין אַ סאַלאָן און מען שמועסט וועגן זיי... איך ווייס גאַנץ גוט, אַז קאָמוניזם איז אַ שיינע אידיי, איך ווייס אָבער, אַז קריסטנטום איז אויך אַ שיינע אידיי. די וואַנגעליע הויבט זיך אָן מיט ליבע און ענדיקט זיך מיט ליבע... אָבער ביים דורכפירן אין לעבן די אָ קריסטלעכע, עוואַנ־געלישע אידיי, וואָס באַקומט זיך?... — מיר יידן פילן דאָס שוין אויף זיך באַלד צוויי טויזנט יאָר.

אַזוי איז אויך מיטן קאָמוניזם. שיין איז דאָס טאַקע שיין, נאָר אַלס אַ חלום. ווען עס הויבט נאָר אָן ווערן וואָר, ווען מען הויבט אָן דעם קאָמו־ניזם דורכפירן אין לעבן (איך גלויב ניט, אַז נאָר ווייל דאָס איז אין רוס־לאַנד, באַקומט זיך אַזוי) דאַן דערפילן מיר אויף זיך דעם ביטערן טעם פון דער דעמאַגאָגיע, ביוראָקראַטיע און גוואַלדטאַט.

.27

מ'האָט מיך אַריינגעשטופּט אין קאַמער פון דער ביאַליסטאָקער תפיסה און פאַרמאַכט נאָך מיר די טיר. איך בין געבליבן שטיין ביי דער טיר, ווייטער גיין האָב איך ניט געקענט. מענשן זיינען געזעסן, געלעגן, געשטאַ־נען איינס אויפן אַנדערן, צונויפגעדריקט און צונויפגעקוועטשט ווי הערינג אין אַ פעסל. קיינער האָט זיך אויף מיר ניט אומגעקוקט... איך האָב זיך ביסלעכווייז אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד, זיך אַריינגעשטופּט צווישן צוויי מענשן און פאַר זיך געמאַכט פּלאַץ.

איך בין איינגעשלאָפן זיצנדיק אין ענגשאַפט, אין דער שטיקעניש, ביי דער טיר, נעבן פאַראַש... אין מיטן דער נאַכט, האָב איך זיך אויפ־געכאַפּט. מיר האָט געביסן דאָס גאַנצע לייב. איך האָב זיך אָנגעהויבן

קראַצן און אָנגעטאַפּט אויף מיין לייב און אויף מיינע קליידער גאַנצע הויפנס מיט לייז...

די איבעריקע אַרעסטירטע זיינען געשמאַק געשלאָפן און זיך געקראַצט און געריסן פון זיך שטיקער.

און דערוויי̆ל איז יעדער טאָג צוגעקומען אַלץ פרישע מענשן. אויף קיין פאַרהער האָט מען קיינעם ניט גערופן און קיין אַנדערע תפיסות האָט מען קיינעם ניט איבערגעפירט. די ביאַליסטאָקער תפיסה־אַדמיניסטראַציע איז ביי זיך געווען געפאַלן, דעפּרימירט און איז אומגעלאָפן איבערן גרויסן תפיסה־הויף פאַרשמייעט און פאַרזאָרגט. דער רעזשים אין תפיסה איז ניט געווען קיין שטרענגער. מען האָט אפילו געקענט קוקן אויף דער גאַס דורך די פאַרפאַווירענע פענצטערלעך, וועלכע זיינען געווען מיט אייזערנע גראַטעס באַשלאָגן.

צווישן זיך האָבן די אַרעסטירטע גערעדט, אַז אַלע תפיסות אין רוס־לאַנד זיינען איבערפולט, דאָ אין ביאַליסטאָקער תפיסה דראָט אַן עפּידעמיע. מ׳זוכט מיטלען ווי אַזוי צו פאַרניכטן די פּאַראַזיטן, וואָס קריכן אַן מיליאָ־נען־ווייז אויף די אַרעסטירטע. מ׳וואַרט אויף די דירעקטיוון פון אויבן...

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען די דירעקטיוון באַקומען. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף קעגן דעם שמוץ און דער דראָענדיקער עפּידעמיע...

יעדען טאָג האָט מען צו צוואַנציק־דרייסיק מענשן אַרויסגענומען פון אונזער קאַמער אין וועלכן ס׳האָבן זיך געפונען אַ פּאָר הונדערט אַרעס־טירטע, מ׳האָט זיי געפירט אין באָד, די זאַכן זייערע מיטן אָנטון האָט מען דורך טרוקענעם דאַמף „זויבער״־געמאַכט, אייניקע זאַכן און דאָס אָנטון פון די אַרעסטירטע האָט מען בכלל פאַרברענט. נאָך דער באָד, האָט מען די אַרעסטירטע אַריינגעזעצט אין פאַרמאַכטע אויטאָמאָבילן און זיי ערגעץ פאַרשיקט...

ס׳איז ביי אונז אין דער גרויסער אַלגעמיינער קאַמער געוואָרן פרייער. אויך אונז די פאַרבליבענע האָט מען פון קאַמער אַרויסגעטריבן אין באָד און מיר זיינען געקומען צוריק פון באָד אויסגעוואַשענע און אונזערע אָפּגעשוירענע קעפּ האָבן געגלאַנצט פון ווייסקייט און די קליידער אויף אונז זיינען געווען צוקנייטש פון דעם דאַמפן זיי. מיר האָבן געטראָפן אונזער קאַמער אַ „ריינע״, אַ באַשפּריצטע מיט ווייסן קאַלך, קאַרבאָלקע און נאַפט. דער שאַרפער ריח און די נעץ, פון דער דיזנפעקציע, האָט זיך איינגעגעסן אין די לייבער, געדרייט אין די נעזער, געוואָרגן אין די העלזער, און מיר אַלע אַרעסטירטע האָבן געהאַלטן אין איין ניסן. מיר זיינען אָבער געווען צופרידן פון דעם, וואָס מ׳האָט „ליקווידירט״ די לייז און עס דראָט שוין מער ניט קיין געפאַר פון עפּידעמיע־קראַנקהייטן.

איצט בין איך שוין געזעסן ניט ביי דער טיר, נאָר אויבן־אָן. אַ גאַנצן

חודש צייט בין איך אָפּגעזעסן אין דער אַלגעמיינער קאַמער, וואו עס האָבן זיך איצט געפונען ארום 60 מענשן, מיט פאַרשיידנאַרטיקע „פאַרברעכנס". דאָ זיינען געווען: גנבים און ניט־צאָלערס פון אַלימענטן; פאַרביסענע שונאים פון סאָוועטן־מאַכט און ניט־צאָלערס פון שטייערן; כוליגאַנעס און פּראָגולשטשיקעס; פּויערים, וואָס האָבן זיך פאַרזינדיקט אין די קאָלכאָזן און יידן, געוועזענע בורזשויען; געלט־צעטרענצלער און געלט־פעלשער; אַנטי־סאָוועטישע אַגיטאַטאָרס און מיליציאָנערן, וואָס האָבן גענומען כאַבאַר; — פאַרשטייט זיך, אַז דעם אויבן־אָן האָבן אין דער קאַמער פאַרנומען די גנבים.

איך האָב נושא חן געווען ביי איינעם אַ גרויסן גנב פון ביאַליסטאָק, מיר דאַכט זיך, אַז מען האָט אים גערופן שלומקע דער שוואַרצער. דער גנב האָט ליב געהאַט מ'זאָל אים דערציילן מעשיות און ער פלעגט מיר צווינגען דריי מאָל אַ טאָג אים דערציילן איין און די זעלבע מעשה פון גיו דע מאָפּאַסאַנ'ס „ליבער פריינט". אַ גאַנצן טאָג האָט מען געשפּילט אין קאָרטן אויף די „פּרייערס" קליידער. מיך, כאָטש איך בין אויך געווען אַ „פּרייער", ניט קיין גנב, מיך האָבן די גנבים געשאָנעוועט, ווייל איך דערצייל זיי שיינע מעשיות. ביי מיר האָבן זיי ניט אַראָפּגענומען די שיך און דאָס רעקל כדי דאָס צו פאַרשפּילן אין קאָרטן. דאָך האָט זיך איינער פון זיי צו מיר צוגעטשעפּעט, אַז איך זאָל מיט אים שפּילן אין קאָרטן. אים איז אַזוי שטאַרק געפעלן געווען מיין וועסטל, האָט ער עס געוואָלט ביי מיר אין קאָרטן געוואונען... ווען איך האָב קאַטעגאָריש זיך אָפּגעזאָגט צו שפּילן מיט אים אין קאָרטן, האָט ער אויסגעשריגן מיט פאַרדרוס :

— צוליב וואָס־זשע זיצסטו אין תפיסה ?...

זיין אויסגעשריי און זידלעריי האָט אין מיינע אויערן געקלונגען קאָמיש און טרויעריק. דער גנב האָט געהאַט צו מיר טענות, גלייך ווי מ'האָט מיך איינגעזעצט אין תפיסה, נאָר צוליב דעם, אַז איך זאָל מיט אים שפּילן אין קאָרטן.

אין אונזער קאַמער זיינען אויך געווען אַ פּאָר אינטעליגענטנע מענשן, אַ דאָקטאָר מעדיצין, אַן אינזשיניער, און אַן אַגראָנאָם. דער אַגראָנאָם איז געווען אַ שוואַרצער, אַ קאַווקאַזישער טיפּ. ער האָט געהייסן גריגאָרי קריוואַשאַפּקאַ און געזאָגט האָט ער, אַז ער איז אַן אוקראַאינער, נאָר גערעדט האָט ער פּויליש, יידיש, רוסיש, גרוזיניש און דייטש.

אין איינעם אַ פאַרטאָג, האָט מען מיך מיט נאָך אַ צענדליק אַרעסטירטע אַרויסגערופן און מען האָט אונז מיטן עטאַפּ אָפּגעשיקט קיין מינסק.

— דאָרט קען מען אייך, דאָרט וועט מען שוין זיך פונאַנדערקלייבן.

אין מינסק איז די תפיסה אויך געווען איבערפולט, אַזוי ווי אין ביאַליסטאָק. ס'איז אָבער דאָ געווען ריינער און מער אָרדענונג. דאָ האָב

איך זיך דערוואוסט, אז עס זיצן פיל שרייבער, ארטיסטן, מוזיקער און פעדאגאגן.

ערב דעם ערשטן מאי 1941־יאר, האט מען מיך צוזאמען מיט נאך א גרופע ארעסטירטע אריבערגעפירט אין א צווייטער תפיסה, ערגעץ אין סאמע העק פון דער סאוועטן־גאס, צווישן דעם פרעסע־הויז און דער אויסשטעלונג. די תפיסה איז געווען ענלעך צו א קאנצענטראציע־לאגער, ארומגערינגלט ארום און ארום מיט שטעכיקע דראטן. אויסער די תפיסה־קאמערן זיינען אויך דארט געווען פיל לייוונטענע פאלאטקעס. מען האט די ארעסטירטע אלע פארטאג געשיקט אונטער דער שטאט אויף פארשיידענע שווארצע ארבעטן. די אלע, וואס זיינען געווען אין דעם תפיסה־לאגער, האבן שוין געוואוסט זייער גורל. איך האב שוין אויך געוואוסט מ׳וועט אונז פארשיקן, ווייט, ווייט, אהין צו די ווייסע בערן, אדער אהין וואו 6 חדשים איז טאג און 6 חדשים איז נאכט...

דעם 1־טן מאי איז געווען א גרויסער יום־טוב אין מינסק. אונז, די ארעסטאנטן, האט מען דערלויבט צו קוקן דורך די פענצטער פון די קאמערן און אויך דורך די דראט־פארצוימונגען אויף די גאסן ארויס. מיר האבן געזען די קאלאנען, ארבעטער און אנגעשטעלטע, סאוועטישע מענשן מיט רויטע פאנען, וואס גייען איבער די גאסן מיט געזאנג און פרייד און מיר, ארעסטירטע, „פארברעכערס", זיינען פאראורטיילט אויף יארן לאנג און אפשר אויף אייביק צו זיין אויסגעשלאסן פון די, וואס זינגען די מאי־לידער, לויבן דעם פרילינג און דעם פירער...

— פארוואס, פארוואס ?...

נאר קיינער האט ניט געענטפערט אויף די שטומע פראגן. צוליב וואס פרעגן, ווען מיר ווייסן אליין, אלץ; עס זיינען איינגעווארצלטע אינם סאוועטישן שטייגער־לעבן „פארברעכנס" און לויט דעם פאטאלן שיקזאל טרעפט אן אומגליק, היינט מיר און מארגן דיר... ווער ווייסט, וויפל פון די וואס גייען איצט אזוינע „גליקלעכע", אין די רייען, אונטער די רויטע, פלאטערנדיקע פאנען, וועלן מארגן זיצן פארשפארט אין תפיסה ?...

מיינע שווערע מחשבות זיינען איבערגעריסן געווארן דורך א ברום און זשומען פון הונדערטער און הונדערטער שטאלענע פויגל, סאוועטישע עראפלאנען, וואס האבן זיך באוויזן אין הימל...

— דער פאראד פון ערשטן מאי האט זיך אנגעהויבן.

אין מאסקווע אויפן רויטן פלאץ, אין קיעוו איבערן קרישטשאטיק און דא אין מינסק פארביי דעם פרעכטיקן רעגירונגס־הויז, גייען איצט דורך רויטע ארמייאישע פאלקן מיט טויזנטער טאנקן און שווערע ארטילעריע...
— אט זעט אונזער גבורה, זאל נאר פרואוון און וואגן דער שונא זיך זאטשעפן מיט אונז !...

דער שונא האָט געוואַגט, ער האָט זיך זאַטשעפּעט...

מינסק האָט געברענט. די שטאָט איז געווען אין פלאַמען. אונז, די אַרעסטירטע האָט מען געהאַלטן אין די קאַמערן און אין די פּאַלאַטקעס פאַרשפּאַרט.

מלחמה. דייטשלאַנד איז אומגעריכט אָנגעפאַלן אויף רוסלאַנד.

יוני־חודש, 1941־טן יאָר.

די שטאַטישע באַפעלקערונג עוואַקואירט זיך. מיר זען, פון תפיסה אַרוים ווי מענשן לויפן מיט פּעק און קלימאַקעס. די ערד ציטערט אויף פון יעדער אויפריים. דער הימל איז שוואַרץ פון די דייטשע רויב־פויגל, די „מעסער־שמיטן" און די „פאָקסן". און וואו זיינען אונזערע, די סאָוועטישע עראָפּלאַנען, וואָס זיינען אין די הונדערטער געפלויגן איבער מינסק דעם ערשטן מאַי?... וואו זיינען די טויזנטער טאַנקן, וואָס האָבן זיך באַוויזן אויפן ערשטן מאַי־פּאַראַד?... וואו זיינען די רומפולע און דרייסטע רויטע אַרמייאישע פּאָלקן ?...

אַלץ לויפט, אַלץ ראַטעוועט זיך. און מיר די אַרעסטירטע, אויף וואָס וואַרטן מיר ? שוין־זשע וועט מען אונז איבערלאָזן אַלס „מתנה" דעם דייטש ?...

— מ'דאַרף צו וואַרטן אויף אַ באַפעל, אויף דירעקטיוון ! — האָבן די תפיסה־באַדינער צווישן זיך, נערוועז, גערעדט.

דער אַגראָנאָם מיטן קאַווקאַזישן אויסזען, וואָס זאָגט, אַז ער איז אַן אוקראַינער און הייסן הייסט ער קריוואַשאַפּקע און ריידן רעדט ער אויף פאַרשיידענע שפּראַכן, ער איז געווען פריילעך און יום־טובדיק אויפגעלעבט.

— וואָוינאַ ! מלחמה !...

— איז וואָס איז אויף דיר די פרייד, קריוואַשאַפּקע? — פרעג איך אים

— מיר איז גאָרניט פריילעך — זאָג איך אים מיט טרערן אין די אויגן — איך בין אַ ייד, יידן לעקן ניט קיין האָניק ביי די דייטשן. די ערשטע גרענעץ־שטעט און אויך ביאַליסטאָק האָבן שוין די דייטשן פאַרנומען און דאָרט געפינט זיך מיין פרוי, מיין קינד...

קריוואַשאַפּקע פּרוּווט מיך טרייסטן, אָבער דער קלוגער אַגראָנאָם פילט דאָך אַליין, אַז זיין טרייסט איז אַן אומזיסטיקע... ער גיט מיר אַ חברישע עצה :

— קיינער דאַרף ניט וויסן ,אַז דו ביסט אַ ייד.

יאָ, מיך האָט ער שוין „באַוואָרנט", אָבער זיך האָט ער באַוואָרנט?... ווער איז ער, דער אָ, גריגאָרי קריוואַשאַפּקע, וואָס זאָגט, אַז ער איז אַן אוקראַינער און זעט אויס ווי אַ קאַווקאַזער און רעדט אויף צענדליקער

שפּראַכן... אפשר איז ער אַ שפּיאָן, אַ סאָוועטישער שונא, אַ דייטשישער פּריינט ?... וואָס פרייט ער זיך אַזוי מיט דער מלחמה, ווען אַ שטאָט ברענט און בלוט גיסט זיך ?...

און איך האָב אים פלוצלונג פיינט באַקומען, דעם אַ, קריוואַשאַפּקאַ.

פאַרטאָג האָט אַ פליגל פון אונזער תפיסה געברענט. מיר האָבן זיך געשלאָגן מיט די קעפּ אין די ווענט און געשריגן און זיך געבעטן רחמים:

— עפנט, מיר ברענען !...

סוף־כל־סוף איז אָנגעקומען אַ באַפעל... מ'האָט צעעפנט די אייזערנע טירן און מ'האָט אונז אַרויסגעלאָזט אויפן הויף. העכער טויזנט אַרעסטירטע זיינען מיר געווען. מ'האָט אָנגעהויבן סאָרטירן, גרופּירן און אויסשטעלן אין באַזונדערע קאָלאָנעס :

— קרימינעלע פאַרברעכערס, לינקס.

— פּאָליטישע פאַרברעכערס, רעכטס.

— אַלע איבעריקע, בלייבן אויפן אָרט.

די שעפן פון דער תפיסה און פון דער נ. ק. וו. ד. זיינען געווען נערוועז, זיי האָבן זיך געאיילט, וואָס שנעלער אונז אַרויספירן פון שטאָט און זיך זעלבסט ראַטעווען פון די פאַשיסטישע דייטשן, וואָס שטייען שוין ביי די טויערן פון מינסק. קיין דאָקומענטן אויף אונז אין די הענט, האָבן זיי ניט געהאַט. יעדער איינער פון די אַרעסטאַנטן האָט געקענט זיך מעלדן אָדער אַליין איבערגיין אין איינע פון די דריי אויסגעבילדעטע קאָלאָנעס.

ווי מיר האָט שפּעטער דערציילט עלי קאַהאַן, איז ביי זיי אין תפיסה אויך דאָס זעלבע געווען. אָבער דער קלוגער דיכטער און שאַך־מאַט־שפּילער, זעליג אַקסלראָד האָט זיך געשטעלט אין דער רעכטער זייט, אין דער קאָלאָנע פון די „פּאָליטישע פאַרברעכער". ס'איז דאָך דאָ אַ מאָמענט, ווען צוליב ראַטעווען דאָס אייגענע לעבן מעג מען אָפּנאַרן. אָפּנאַרן אַ תפיסה־וואַך, אַ תפיסה־אַדמיניסטראַציע און אַ תפיסה־זשאַנדאַמעריע איז אַ מצווה און אַ הייליקער חוב פון יעדן אַרע־סטירטן, ווען ער קען מיט דעם ראַטעווען זיין לעבן... — סיידן, זעליג אַקסלראָד האָט פאַרשטאַנען, אַז אים וועט זיך ניט איינגעבן אָפּנאַרן, ווייל די תפיסה־אַדמיניסטראַציע קען אים פּערזענלעך צו גוט... אָדער ער האָט ניט געוואוסט, אַז אַ „פּאָליטישער" איז ביי די סאָוועטן ערגער פון אַ „קרימינעלער."...

מ'האָט פון תפיסה־הויף אַרויסגעפירט איין קאָלאָנע און דערנאָך אַ צווייטע קאָלאָנע. אָבער די פּאָליטישע זיינען געבליבן אין הויף... און מיר זיינען אַוועק אַביסל ווייטער פון תפיסה, אַראָפּצו צום וואַלד, וואָס ציט זיך פון עק סאָוועטן גאַס, אַנטקעגן איבער דער אויסשטעלונג ביז די פּאַר־

שטאָט און די דערפער אויפן וועג קיין סמאָליוויטשי, און דאַן האָבן מיר דערהערט אַ שיסעריי... מיר האָבן אַלע אויפגעציטערט, זיך אָפּגעשטעלט. די רויטע אַרמייער פון דער נ. ק. וו. ד., האָבן אונז ניט אונטערגעטריבן. זיי אַליין האָבן אויך נערוועז געשאָקלט מיט די קעפּ און טרויעריק איבערגעחזרט:

— צעשאָסן!...

נו, און אונז, די „קרימינעלע" פאַרברעכערס, וועט מען ניט צושיסן?... מ'האָט ניט קיין מורא, אַז טאָמער וועלן מיר אַריין צו די דייטשן אין די הענט און מיר וועלן זיי אָנהויבן דינען?... און ווי אַלס אַן ענטפער אויף מיינע שווערע געדאַנקען זיינען אָנגעפלויגן דייטשע עראָפּלאַנען און האָבן אָנגעהויבן צו שיסן אויף אונז.

— לאָזשיס! לייגט זיך!

מ'איז זיך צולאָפן און מ'האָט זיך געלייגט אויף דער ערד, ווער ווי ס'האָט נאָר געפונען פאַר זיך אַ באַהעלטעניש אין אַ גרוב, אונטער אַ שטיין, לעבן אַ בוים... ווען די עראָפּלאַנען זיינען אַוועקגעפלויגן און ס'איז צוריק רואיק געוואָרן, איז יעדער איינער צוריק געגאַנגען צו זיין קאָלאָנע און זיך געשטעלט אין דער אַרעסטאַנטן־ריי. כאָטש יעדער איינער פון אונז איז גע־ווען פריי און האָט געקענט גיין ווי ער וויל. די רויטע אַרמיי־וואַך פון דער נ. ק. וו. ד. האָט אונז ניט געצוואונגען מער צו גיין אונטער זייער אויפזיכט. מיר האָבן דאָך גוט געזען, אַז די רויט־אַרמייער אַליין און זייערע שעפן זוכן אַ וועג און אַ מיטל, ווי אַזוי גלײַך צו ווערן פון דער סכנה... אָבער מיר אַרעסטאַנטן האָבן, ווי עלנטע שעפעלעך זיך צוריקגעקערט צו אונזער סטאַ־דע, אונטער דער שוץ פון די באַוואָפנטע תפיסה־וועכטער...

מיר זיינען דעם טאָג אָפּגעגאַנגען ניט מער ווי אַ 15 קילאָמעטער פון מינסק. מיר זיינען אַריין אין אַ וואַלד און דאָ האָט מען אונז געהייסן אונטער די בוימער און צווישן די קוסטעס אונטערגראָבן די ערד, זיך מאַסקירן מיט צווייגן און גראָז און אַזוי אַ איבערנעכטיקן די נאַכט. קיין שום דיסציפּלין האָט שוין מער ניט געהערשט. די אַרעסטירטע האָבן מיט זייערע וואַך־לייט, די נ. ק. וו. ד.־שעפן און תפיסה־באַאַמטע גערעדט פריי און מ'האָט זיך דערפילט, אַז איצט זיינען מיר אַלע גלייך, אַלע חברים. דאָס גע־פּאַר פון אָנגרייפנדיקן שונא איז פאַר זיי אַזוי ווי פאַר אונז.

מיר האָבן געזען פון דער ווייט, ווי די שטאָט איז אין פלאַמען.

— עך, רוסלאַנד — האָט עמיצער אַ זיפץ געטאָן!...

מידע און הונגעריקע זיינען מיר צו פינף־זעקס מאַן צוזאַמען איינגע־שלאָפן.

און ווען די זון איז שוין הויך געשטאַנען איבערן וואַלד, די שטראַלן האָבן זיך דורכגעריסן דורך די גרינע בלעטער פון די בוימער און מיר זיינען

ארויס פון אונזערע גריבער־געלעגערס, איז צו אונזער פארדראָס און ווייטיק קיין שיעור ניט געווען: אונזערע וועכטער, די רויטע ארמייער, די נ. ק. וו. ד., און די תפיסה־אדמיניסטראַציע, זיי אַלע זיינען אין מיטן דער נאַכט, ווען מיר זיינען שווער און „געשמאַק" געשלאָפן, אַנטלאָפן און מ'האָט אונז איבערגעלאָזט איינע אַליין אויף גאָטס באַראָט און אויף דעם דייטשס „גענאָד" אין וואלד.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשריי, אַ טומל און אַ פּאַניק.

— לויפט ברידער, ראַטעווע זיך, ווער עס קען !...

דאָס איז אפשר דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע צו באַצייכענען אַ פאַקט, ווען אַרעסטאַנטן זאָלן זיין אומצופרידן, וואָס די וואַך איז פון זיי אַוועק און האָט זיי איבערגעלאָזט...

עפּעס האָט מען זיך געפילט זיכערער אונטער דער באַוואָפנטער וואַך. די פיל גנבים, קרימינעלע פארברעכער, קאָמבינאַטאָרס און אַוואַנטוריסטן, וועלכע זיינען געווים צווישן אונז געווען, האָט די אַלע דורכגעטריבענע לייט, האָבן זיך איצט פאַרלוירן און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן...

די שטימונג איז ביי אַלעמען געווען, אַז מ'דאַרף גיין אַהין, אין דער ריכטונג, וואו די רויטע אַרמיי טרעט אָפּ און וואוהין די באַפעלקערונג עוואַקואירט זיך. און אין מיטן אונזער שרייען, אַמפּערן זיך אין אויסקלערן אַ ריכטונג, אַן אויסוועג, האָבן קליינע גרופּעס אַרעסטאַנטן שטילערהייט זיך אָנגעהויבן ארויסרוקן פון וואלד און גיין אַהין וואו די פיס טראָגן זיי...

און באַלד האָבן מיר געהערט אַ גערודער פון פאַרנדיקע טאַנקן. ביים ראַנד פון וואלד, האָבן זיך די טאַנקן אָפּגעשטעלט. מיר האָבן דערזען האַקן־קרייצן אויף די טאַנקן פון וועלכע עס זיינען באַלד ארויס דייטשן מיט פריילעכע אויסגעשרייען :

העי, איר, אַרעסטירטע, איר זייט פריי, גייט וואוהין איר ווילט!...

ביי אונז, די יידן־אַרעסטאַנטן, האָט זיך אַ צאַפּל־געטאָן אינעווייניק אין האַרץ, עפּעס אַזוי ווייטיקלעך, אַז אפילו דער מאַמעס מילך פון צענדליקער יאָרן צוריק איז דאָרט פאַרקילט געוואָרן.

מיר האָבן זיך אָבער זער גיך באַהערשט. ווער דערקענט דען אין די אָפּגעריסענע, שמוציקע, פאַרוואַקסענע מענשן, פאַרפאַלגטע אַרעסטאַנטן, אַז צווישן זיי געפינען זיך אויך יידן. בפרט נאָך, אַז די דייטשן האָבן אונז אָנגעזאָגט די „גוטע בשורה", אַז „איר זענט באַפרייט פון די יידישע קאָמיסאַרן, וואָס האָבן אייך געמאַטערט אין די באָלשעוויסטישע תפיסות !"... הייסט עס, אַז די דייטשן מיינען אָדער עס לוינט זיך זיי אַזוי צו זאָגן, אַז יידן זיינען געווען נאָר קאָמיסאַרן און אין די תפיסות זיינען געזעסן נאָר גויים.

די דייטשע טאַנקן זיינען אַוועק ווייטער און מיר האָבן שוין איצט

קיין שום טענות ניט געמאַכט, יעדער איינער האָט זיך גענומען גיין ווער טיפער אין וואַלד, ווער אַרויס פון וואַלד, ווער אויף פאַרשיידענע וועגן און ווער צוריק קיין מינסק.

איך מיט נאָך עטלעכע מענשן, אַ פּאָר יידן און קריסטן, זיינען אַוועק אויפן וועג קיין מינסק. אונזער מיין איז געווען אַזאַ: אין מינסק וועלן מיר זיך דערוויסן די לאַגע אויף די פראָנטן. אפשר קערט זיך די רויטע אַרמיי צוריק אום. עס קען דאָך ניט זיין, אַז אַזאַ מעכטיקע און שטאַרקע סאָוועטישע אַרמיי זאָל אָפּטרעטן פאַר די דייטשן. ס'איז געווים דאָ עפּעס אַ צופאַל, אַן אומגערעכטער קלאַפּ פון די דייטשן אַזוי ווי זייער טבע איז שוין, ווי אַ פּחדן אין דער פּלייצע שטעכט אַ מעסער אַריין זיין קעגנער. נישקשה, די רויטע אַרמיי וועט גיך צו זיך קומען און וועט צוריק אַריין אין מינסק. מ'דאַרף איבערוואַרטן אַ קורצע צייט...

29.

די גאַסן אין מינסק האָבן נאָך געטליעט. חורבות, מיסט און אויפגעריסענע קראָמען. דאָך זיינען פיל גאַסן גאַנצע, כמעט ניט קיין צושעדיקטע געבליבן. די פריער רוישיקע סאָוועטישע גאַס, איז איצט פוסטלעך געווען. דער שיינער רעגירונגס-הויז איז געשטאַנען מיט אַ צעמזיקטן האַלבן פליגל און פון לענינס דענקמאָל איז נאָר אַ סימן געבליבן. ס'האָבן זיך אומגעדרייט דייטשישע קאַנוואָיען מיט אויטאָמאַטן אין די הענט און דייטשן געאָרעמט מיט שיקסעס... די איינוואוינער האָבן געשוויגן. נאָר ווען זיי האָבן שוין יאָ אַמאָל גערעדט, איז נאָר וועגן יידן.

— דאַנקען גאָט, פון די זשידעס זיך באַפרייט.

דאָס וואָרט „זשיד", האָט מען באַלד פון ערשטן טאָג, וואָס די דייטשן זיינען אַריין דערהערט אין מינסק און אין דער גאַנצער מינסקער אומגעגנט. עס האָט זיך באַקומען ווי אַ כישוף. די זעלבע גויים, וואָס האָבן ערשט נעכטן מיט די יידן אַזוי גוט געלעבט, זיינען פּלוצלונג אין כעס אויף יידן.
— פאַרוואָס ?

מ'האָט דאָך געאַרבעט צוזאַמען, צוזאַמען געליטן און צוזאַמען זיך געפרייט. מ'האָט צוזאַמען ליב געהאַט דאָס סאָוועטיש פאָטערלאַנד און מ'איז צוזאַמען געווען ברידער פון דער ערשטער אין דער וועלט „סאָציאַליסטיש"-באָלשעוויסטישער מדינה. מ'האָט דאָך פריער קיינמאָל ניט געהערט דאָס וואָרט „זשיד" ביז די דייטשן זיינען אַריין. איז פאַרוואָס הערט מען דאָס איצט אויף יעדן טריט און שריט ? 24 יאָר סאָוועטן-מאַכט, סאָוועטן-

דערציאונג, סאָוועטן־פּראָפּאַגאַנדע, שוין־זשע איז דאָס ווייניק אויף צו ארויסרייסן דעם אַנטיסעמיטיזם פון די גוישע הערצער מיטן וואָרצל?

ס'איז אַ שיינער משל. נו, און אַז אַכציק פּראָצענט פון די דייטשע אַרבעטער זיינען געווען סאָציאַל־דעמאָקראַטן, און ניט נאָר די אַרבעטער, נאָר קליין־הענדלער, וואורשט־פאַרקויפער און ביר־הויז אייגנטימער האָבן צו דער פּאַרטיי געהערט. דערנאָך, אַז אין דייטשלאַנד איז אויפגעקומען די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, איז זי לויט איר צאָל און גרויס געווען די צווייטע אין דער וועלט נאָך רוסלאַנד. דאָס אַלץ האָט אָבער ניט געשאַדט, אַז היט־לער זאָל קומען צו דער מאַכט און אַז די גרעסטע טייל קאָמוניסטן זאָלן ווערן פאַשיסטן און זאָלן זיך פאַרנעמען מיט אַזאַ „הייליקער" עבודה ווי אויסראָטן דאָס יידנטום.

אמת, צווישן די מינסקער איינוואוינער זיינען געווען ניט ווייניק קריסטן, ווייס־רוסן און רוסן, וואָס האָבן געהאָלפן יידן זיך אויסבאַהאַלטן און ווען עס האָט זיך געשאַפן די געטאָ אין מינסק, האָבן זיי ניט געראַטן די יידן צו גיין אַהין. איך וויל אָבער זאָגן און טאַקע אונטערשטרייכן, אַז אַזוינע גוטע ווייס־רוסן זיינען, אין פאַרגלייך מיט אַלע, מיט אַמאָל געוואָרענע אַנטיסע־מיטיש־געשטימטע ווייס־רוסן און רוסן געווען ווי אַ טראָפּן אין ים.

דעם 20־טן יולי 1941־טן יאָר, איז דערקלערט געוואָרן, אַז אַלע יידן מוזן איבערגיין אין געטאָ. דאָס הייסט, מ'האָט באַשטימט קוואַרטאַלן, וואָס זיינען צוגעטיילט געוואָרן פאַר אַ וואוין־אָרט בלויז פאַר יידן. אין די באַדינ־גונגען ווי די יידן האָבן געלעבט ביז דער מלחמה אין רוסלאַנד האָבן טויזנ־טער יידן געקענט אויסמיידן צו גיין אין געטאָ, ווייל דער סאָוועטישער לעבנס־שטייגער איז געווען אַזאַ, אַז כאָטש אין פּאַספּאָרטן שרייבט מען צו אַ וועלכער נאַציאָנאַליטעט מ'געהערט, נאָר אַזוי, אין דעם טאָג־טעגלעכן לעבן האָט זיך קיינער ניט אינטערעסירט מיט דעם. מ'איז סאָוועטישע מענשן און אויס. בפרט נאָך, אַז ס'זיינען געווען אַזויפיל געמישטע חתונות, יידישע קינדער זיינען ניט געווען געמל'ט, יידישע יינגלעך און מיידלעך ריידן אַ שיינעם רוסיש און זען גאָרניט אויס ווי יידישע קינדער... דאָך זיינען כמעט אַלע יידן אַוועק אין געטאָ.

אויך איך מיט מיין ניט־יידישן אויסזען, מיט מיין הולך פון אַ וואַגאַ־בונד, מיט מיינע פעיאיקייטן צו אימיטירן ניט נאָר קיין רוס פון דעם פאַרוואָרפנסטן דאָרף און פון דעם פּראָסטן המון, נאָר אויך עפּעס אַן אוקראַאינער שגץ פון אַ פעטליורישן שניט... דאָך בין איך אויך אַוועק אין געטאָ, צו מיינע ברידער און שוועסטער, יידן. איך, מיט מיינע יידישע ליידן, מיט מיין יידישער נשמה האָב איך ניט געקענט און ניט געוואָלט זיין אויסער דער געטאָ, ווען אַלע יידן זיינען דאָרטן.

עלף טעג בין איך געווען אין געטאָ. דער יודנראַט האָט אָנגעהויבן

צו רעגיסטרירן די יידן, מ'האָט געדאַרפט גיין אַרבעטן פאַרן דייטש. און דאָ האָט מען שוין אָנגעהויבן בויען וועגט מיט טויערן און מיט דראָט־פאַרצוימונגען אַרום דער יידישער געטאָ, ס'האָבן זיך שוין געטראָגן קלאַנגען, אַז אין אַנדערע געטאָס האָט מען שוין געקוילעט, געשאָכטן, צעשאָסן און אויפגעהאָנגען אַזויפיל און אַזויפיל יידן...

ווייל מען האָט נאָך געקענט האָבן אייניקע יידן, זיך אָנגעהויבן אַרויסרוקן פון געטאָ און איך צוזאַמען מיט זיי.

— צוריק, צו די סאָוועטן !...

— משוגענער — האָבן פון מיר אייניקע געלאַכט — די דייטשן וועלן דיך שיסן. און אויב דו וועסט זיך ראַטעווען פון די דייטשן און וועסט קומען צו די רוסן, וועט מען דיך אָננעמען פאַר אַ שפּיאָן און מ'וועט דיך שיסן.

— און וואָס דערוואַרט מיך דאָ, אין געטאָ ? — האָב איך ביי מיינע „חכמים" געפרעגט. — דאָ פאַרזיכערט מען מיר דאָס לעבן ?

— ?...

— !...

קיין ענטפער איז ניט געווען. ספקות און שטוינונג, קרעכצן און זיפצן... כאָטש, ווי צו מיר זיינען דערגאַנגען קלאַנגען, האָבן זיך אַפילו אייניקע יידן אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אין געטאָ, כדי צו פירן אַ קאַמף קעגן די דייטשן, אַ קאַמף פאַר זייער עקזיסטענץ. מיר האָט דאָס אָבער ניט געקענט אינטערעסירן. איך בין געווען נערוועז און אומגעדולדיק. איך האָב שוין געוואָלט זיין פריי. איך האָב שוין אין מיין לעבן אַזוי־פיל מאָל געכאַפּט פּעטש און אַזוי פיל מאָל צוריקגעגעבן פּעטש, אַז ביי מיר האָט איצט געקענט שטיין איין פראַגע :

— לעבן אָדער טויט.

און איך האָב זיך פאַרלאָזט אויף מיין שלימזלדיקן מזל. און איך האָב נאָך פיל פיל יאָרן פון אָפּלייקענען גאָט זיך ווידער צו אים אָנגערקענט, צו אים גערופן און ביי אים געבעטן :

— גאָט, טו מיט מיר חסד, אַזוי ווי דו האָסט ביז איצט מיט מיר געטאָן !...

.30

פון מינסק זיינען מיר אַרויס אַ גרופּע פון פינף מאַן. אונטערוועגס האָבן מיר אָנגעטראָפן נאָך אויף אַזוינע גרופּעס יידן צווישן וועלכע עס זיינען אויך עטלעכע קריסטן געווען. און פאַרנאַכט, ווען מיר זיינען אַריין אין איינעם פון די פיל ווייס־רוסישע פּאָליעסער וועלדער, איז שוין

אונזער גרופּע באַשטאַנען פון אַרום צוואַנציק מענשן. מיר האָבן איבער־געגעבעקטיקט אין וואַלד און פּאַרטאַג זיינען מיר געגאַנגען ווייטער. אַזוי אַ זיינען אַוועק עטלעכע טעג. אונזער „שפּייז־רעזערוו" האָט זיך געענדיקט. הונגעריקע, האָבן מיר זיך אַרומגעשלעפּט איבער די וועלדער. אויף דער טאָפּקער, זומפּיקער ערד זיינען מיר די נעכט געלעגן און לאַנג, לאַנג ניט געקענט איינשלאָפן. דייטשישע אַעראָפּלאַנען זיינען די גאַנצע צייט געפלויגן איבערן וואַלד אַזוי נידעריק, אַז זיי האָבן אַזש זיך אָנגערירט אין די קרוין־שפּיצן פון די הויכע גרינע סאָסנעס און די ווייסע בעריאָזעס. אין די נעכט האָבן זיך געהערט שיסערייען, און אונז, פלעגט זיך אַלע מאָל דוכטן, אַז מיר זיינען אַרומגערינגלט פון דייטשישע סאָלדאַטן.

אין די פּאַרטאָגן זיינען מיר געגאַנגען ווייטער. מיר זיינען געגאַנגען נאָר מיטן וואַלד אין דער ריכטונג אויף מזרח. און איינמאָל האָבן מיר פון וואַלד אַרויסגעזען אַ רחבותדיקע פּאַשע־לאָנקע און אויפן האָריזאָנט האָט זיך באַוויזן אַ דאָרף. דריי מענשן — אַ ייד, אַ קריסט און אויך איך דער דערציילער פון דער געשיכטע — זיינען אַרויס פון וואַלד און האָבן זיך געלאָזט גיין אין דאָרף אַריין. מיר האָבן שוין געהאַט אַ צוגעטראַכטען תירוץ, טאָמער פרעגט אונז עמיצער עפּעס, ענטפערן מיר: „באַפרייטע פון תפיסה, מיר גייען אַ היים". אָבער קיינער האָט אונז ניט געפרעגט. דער ערשטער פּויער, וועלכן מיר האָבן אין דאָרף באַגעגנט, האָט אונז צוגעפירט צו אַ כאַטע. מיר האָבן אָנגעלאָפּט, זיך איבערגעציילעמט און געבעטן אַ שטיקל ברויט.

— פּאָדייטיע, כריסטאַ ראַדי !...

עס זיינען זיך אָנגעלאָפן פּויערים און פּויערטעס, מ'האָט געהערט מיט טרערן אין די אויגן אונזערע שרעקלעכע מעשות, וועגן מינסק און וועגן די דייטשישע נאַהייקעס, וואָס שווישטשן איבער די פּלייצעס פון דעם געפּלאָגטן „רוסישן" פאָלק...

אין דעם דאָרף האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז נעכטן זיינען פון דאַנען די דייטשן אַוועק ווייטער, אַז דאָס דאָרף איז איצט אָן אַ מאַכט און אַז די רויטע אַרמיי איז ערגעץ דאָ ניט ווייט... דאָך האָבן מיר מורא געהאַט צו דערציילן די פּויערים, אַז אין וואַלד וואַרטן אויף אונז ביי אַ צוואַנציק מענשן, דערצו נאָך יידן.

מ'האָט אונז גוט אָנגעהאָדעוועט מיט מילך, מיט קעז און מיט גרויסע שטיקער ברויט. מ'האָט אונז נאָך אויפן וועג מיטגעגעבן עטלעכע ברויט, מיט אַ פולע טאָרבע זויערע אוגערקעס. מיר האָבן זיך ווידער איבערגעציילעמט, זיך געזעגנט מיט די פּויערים אין דאָרף און זיינען אַוועק.

ווען מיר זיינען צוריקגעקומען אין וואַלד, זיינען עטלעכע מענשן פון אונזער גרופּע ניט געווען. זיי האָבן געזען, די יידן, אַז מיר פאַר־

האַלטן זיך לאַנג אין דאָרף, האָבן זיי געמיינט, אַז די דייטשן האָבן אונז שוין געווים אַרעסטירט און באַלד וועלן זיי אויך אַהער אין וואַלד קומען, האָבן זיי זיך דערשראָקן, די יידן און זיינען אַוועק פאָרויס. די יידן, וואָס האָבן זיך אָבער אויף אונזער צוריקקער דערוואַרט און האָבן פון אונז באַקומען גרויסע שטיקער ברויט מיט זויערע אוגערקעס, האָבן אונז געלויבט ביזן הימל אַריין און האָבן באַשטימט, אַז מיר, די דריי מענשן זאָלן זיין זייערע פירער.

מיר זיינען געגאַנגען פאָרויס אויף מזרח. טיף אין וואַלד האָבן מיר באַגעגנט אונזערע אַנטלאָפענע יידן, וועלכע זיינען איצט געשטאַנען אין אַ פאַרלעגנהייט און האָבן ניט געוואוסט אין אַ וועלכע ריכטונג ווייטער צו גיין. נאָך דעם, ווי מיר האָבן זיי גוט אויסגעזידלט, פאַר דעם ניט־צוטרוי צו אונז, האָבן מיר זיי אויך געגעבן צו שטיקער ברויט מיט זויערע אוגערקעס און מיר האָבן איינגעזען, אַז מיר האָבן זיי ממש דער־האַלטן דאָס לעבן מיט דעם.

מיר האָבן געהאַט אַ קורצע באַראַטונג אין וואַלד, אַזאַ וואָס איז שיעור צו קיין פעטש ניט דערגאַנגען. עמיצער האָט אָנגעהויבן צו צווייפלען אין דעם ציל פון אונזער אונטערנעמונג. איבערהויפט די פאָר קריסטן, וואָס זיינען צווישן אונז געווען האָבן געהאַלטן, אַז מ'דאַרף אַנטוואָפע־נען אַ דייטשן פאַטרול צונעמען ביי זיי דאָס געווער, און אַזוי אָ באַוואָ־פנטע זיך דורכשלאָגן צו דער רויטער אַרמיי, אָדער שוין פאַרבלייבן אין וואַלד אַלס פּאַרטיזאַנער.

איך האָב דאָס געהאַלטן פאַר אַן אומזין. מיין מיינונג איז געווען, אַז אַזאַ קליינע גרופּע ווי מיר זיינען, טאָרן מיר ניט אַנטוואָפענען קיין דייטשישן פאַטרול. דאָס קען נאָר דערפירן צו דעם, אַז דייטשישע שטראָף־באַטאַליאָנען זאָלן זיך אָנהויבן נאָך אונז יאָגן. און וואָס קענען מיר אויפטאָן ?... און צי וועט זיך אונז בכלל איינגעבן צו אַנטוואָפענען אַ דייטשישן פאַטרול ?... ניין, אונזער זאַך איז נאָר שטילערהייט, אומבאַ־מערקט זיך צושלאָגן צו דער פראָנט־ליניע און אומבאַמערקט אַריבער צו דער רויטער אַרמיי...

עמיצער האָט מיך באַליידיקט, מ'האָט מיך אָנגערופן פחדן. אויפן האַרצן איז מיר געווען גוט אָנגעזאָלצן. עס זיינען פאַר מיינע אויגן געשטאַ־נען מיין פרוי און קינד, וועלכע זיינען געבליבן אין ביאַליסטאָק, מיין מוטער און אַלע מיינע אייגענע אין אומאַן און אין די אוקראַינישע שטעט־לעך. ס'האָט עפּעס אַ בליץ אויפגעטאָן מיין גאַנץ און שווער ביטער לעבן פון קינדרווייז אָן, און איצט אין וואַלד, ווען איך האָב זיך געלאָזט אויף קידוש השם, באַליידיקט מען מיך, כאָטש מ'זעט, אַז איך קריך פון דער הויט צו העלפן און ראַטעווען ניט נאָר זיך אַליין, נאָר דער גאַנצער גרופּע,

העכער צוואנציק יידן צווישן וועלכע עס זיינען אויך דא א פאר קריסטן, וועל־כע איך קען ניט, נאר איך פיל, אז גראד זיי זיינען ערלעכע, זיי ווילן ניט בלייבן אונטערן יאך פון די דייטשן. — און איך האב זיך אין דער רגע ניט געקענט באהערשן און האב זיך א ווארף געטאן אויף איינעם מיט די פויסטן:

—אט וועל איך דיר ווייזן, וואס פאר א פחדן איך בין! מיינסטו, אז איך בין א ייד, בין איך א פחדן?

מ'האט מיך קוים אפגעריסן פון דעם קריסט און איך האב זיך א ווארף געטאן אויף דער ערד מיט א געוויין.

אפטיילן זיך האט קיינער ניט געוואלט. עס האט זיך ווי ס'ווייזט אוים אליין געלייגט אויפן שכל, אז מיין געדאנק איז א ריכטיקער.

מיר זיינען געגאנגען ווייטער.

דריי וואכן זיינען מיר געגאנגען, געבלאנדזשעט און געזוכט. מיר זיינען געווען הונגעריק און דורשטיק, שמוציק און אפגעריסן. כמעט ביי אלעמען האבן זיך צוריסן די שיך און כדי די פיס ניט פטרן, האבן מיר זיי ארומגעבונדן מיט שמאטעס. זייער אפט האבן זיך איבערן וואלד דורכגעטראגן דייטשישע אעראפלאנען, מיר האבן געהערט דעם גערויש פון דורכפארנדיקע דייטשישע טאנקן. מ'האט באשאסן דעם וואלד און צוויי יידן דערהרגעט. מיר האבן אפילו ניט צייט געהאט די יידן צו באראבן, מיר האבן זיי געלאזט ליגן אין וואלד און מיר זיינען געגאנגען ווייטער. שווער איז געווען מיט איינעם פון די קריסטן, גראד מיט דעם אויף וועלכן איך האב זיך געווארפן שלאגן. א קויל האט אים געטראפן אין האנט, דאס בלוט האט גערונען און דורכגעזעצט די שמאטע מיט וועלכע די האנט איז אים געווען ארומגעבונדן. ער האט זיך זייער געמאטערט און האט זיך ביי אונז געבעטן:

— ברידערלעך, לאזט מיך איבער.

אבער קיינער האט אפילו ניט געטראכט אים אליין איבערלאזן.

מיינע פיס זיינען שוין אינגאנצן געשוואלן געווען. איך האב זיך אנגע־שפארט אויף א שטעקן און בין קוים נאכגעגאנגען, זיך נאכגעשלעפט די מענטשן, וועלכע ס'האט געטריבן די שרעק און פארפאלגט דער גורל...

ווי אזוי מיר זיינען אדורך די „סטיקן", די צווישן־פעלדער, פון דער פראנט־ליניע, ערגעץ ווייט הינטער מאהילאוו ווייסט נאר גאט אליין. מיר איז אפילו שווער דאס אלץ צו באגרייפן. עס איז געשען א נס און מיר האבן זיך דערזען אויף דער סאוועטישער זייט. שיקסעס מיט אלטע גויים האבן געגראבן אקאפעס. די שטאט איז געווען טויט, פוסט און מוראדיק. נאר אויף די ראגן זיינען געשטאנען לעבעדיקע, רויט־ארמייאישע „פיקעטן"

און „מאיאקן", וואָס האָבן געוויזן די ריכטונג צום מיליטערישן קאָמענ־דאַנט און צום וואקזאַל.

דער קאָמענדאַנט, אַן עלטערער מענש אין ראַנג פון אַ פּאָד־פּאָלקאָווניק, האָט אונז שטרענג באַטראַכט. פון זיין קוקן איז אונז קאַלט געוואָרן אויף דער נשמה און אַ גליוועד איז אַ דורך איבערן לייב. אפשר נעמט ער אונז אַן פאַר דייטשישע שפּיאָנען ? און ס׳האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן ביי יעדן אין האַרץ:

— קאָמענדאַנט, מיר זיינען יידן, יידן, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון דייטש, אַלע יידן...

ער האָט אַ ביטערן שמייכל געטאָן און אַ מאַך געמאָן אויף אונז מיט דער האַנט:

— איך וויים, ניט די ערשטע זייט איר ביי מיר. אייערע לויפן פון דייטש... גייט עסט אָפּ, דערנאָך וועלן מיר זען !...

מ׳האָט אונז גיך געגעבן אָפּעסן הייסע זופּע מיט הירזשענע קאַשע און דאָס האָט אונז דערהאַלטן ביים לעבן. אזא געשמאַק עסן, ווי דאָס ביסל זופּע מיט דער הירזשענער קאַשע, האָב איך נאָך אין מיין לעבן ניט געגעסן. נאָכדעם האָט מען גאָר גיך יעדער איינעם באַזונדער אויסגע־פרעגט, ווער ער איז, פונוואַנען ער שטאַמט, מ׳האָט יעדן איינעם געגעבן צעטלעך, אַז אין נאָענטסטן מיליטערישן קאָמיסאַריאַט, זאָל מען זיך מעלדן און מ׳האָט אונז אַוועקגעשיקט צום וואקזאַל, וואו עס איז שוין געשטאַנען איינער פון די לעצטע צוגן, וואָס האָט אַרויסגעפירט פון מאָהי־לאָוו די לעצטע מענשן, וואָס האָבן זיך געוואָלט עוואַקואירן.

איך האָב ניט געקענט גיין. נאָך די פּאָר שעה, וואָס איך האָב ביים קאָמענדאַנט זיך אָפּגערוט, האָב איך ערשט דערפילט אַ גרויסן ווייטיק אין די פיס. זיי זיינען געווען בלוי ווי די בעריקעס און שטאַרק אָנגעשוואָלן. מ׳האָט מיך אַריינגעזעצט אין אַ וואָגן און אָפּגעפירט צום באַן. אויך דעם קריסט, וועלכער איז געווען פאַרוואונדעט אין האַנט, האָט מען אָפּגע־פירט צום באַן און מען האָט אים אַריינגעזעצט אין אַ סאַניטאַר־וואַגאָן. ווען דער צוג איז אָפּגעגאַנגען פון מאָהילאָוו, וויים איך ניט. ווי אַזוי מ׳האָט מיך אַריינגעטראָגן אין וואַגאָן און מיך איינגעאָרדנט אויף אַן אָרט, בין איך באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן. אויפגעכאַפּט האָב איך זיך פון אַ גרויסן געוואַלד און שיסעריי. עס האָבן דייטשישע עראָפּלאַנען נאָכ־געיאָגט אונזער צוג און אים באַשאָסן. אין איין וואַגאָן זיינען שוין געווען טויטע און פאַרוואונדעטע און פון דאָרט האָט זיך דאָס געטראָגן די האַרצרייסנדע געוואַלדן. אַזוי אַ האָט עס געדויערט עטלעכע טעג. דערנאָך זיינען מיר פינף וואָכן נאָכאַנאַנד געפאָרן. געגוי האָבן מיר

נאָך ניט געוואוסט צי מ׳עוואַקואירט אונז קיין סיביר, צי אפשר גאָר צום צפונדיקן פּאָלוס...

פאַר דער צייט איז דאָס געשווילעכץ פון מיינע פיס אָפּגעגאַנגען. עטלעכע מאָל האָט מען אונז אין וועג געפירט אין באָד, מ׳האָט אונז געביטן דאָס וועש און אונזערע שמוציקע קליידער האָט מען פאַרברענט. מ׳האָט אונז אַרויסגעגעבן האַלב־מיליטערישע קליידער און מיר האָבן באַקומען גאָר אַן אַנדער אויסזען.

.31

סאַמאַרקאַנד. אַהער אין דער אַזיאַטישער שטאָט פון דער סאָוועטישער מיטל־אַזיע, וועלכע האָט אין צאַרישן רוסלאַנד געהייסן טורקעסטאַן און איצט איז דאָס צעטיילט אויף אַ צענדליק סאָוועטיש־אַזיאַטישע רעפּובליקן ווי אוזבעקיסטאַן, קאַזאַכסטאַן, קירגיסטאַן, טאַדזשיקסטאַן א. א. וו. מיט שטעט קלענערע און גרעסערע ענלעכע צו סאַמאַרקאַנד, ווי טאַשקענט, אַלמאַ־אַטאַ, פרונזע, סטאַלינאַבאַד, בוכאַרא, דזשאַמבול א. א. וו. — אַהער האָט מען עוואַקואירט די יידן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון דעם אַנגרייפנדיקן היטלער־מלאך־המות מיט זיינע מיליאָנען דייטשן־שדים.

עלטערע יידן האָבן זיך באַזעצט אין די קאָלכאָזן און זיינען אויך אַוועק אין די פאַבריקן אַרבעטן. ייִנגע יידן זיינען אַוועק אויפן פראָנט זיך שלאָגן קעגן בלוטיקן שונא פון די יידן — די דייטשן.

יעדער ייד האָט פאַרשטאַנען, אַז דייטשלאַנד איז זיין טויט. דער לאָזונג איז געווען ניט אויף קיין פאָנען געשריבן, נאָר אויף די פנימער פון יעדן ייד: „ווילסטו זיין אַ ייד, ווילסטו לעבן, — קעמף קעגן פאַשיזם".

און קעמפן קעגן פאַשיזם האָט מען געקענט נאָר אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי און נאָר אויף אַרבעט אין אַ פאַבריק און אין אַ קאָלכאָז לטובת דער רויטער אַרמיי. און יעדער ייד האָט געוואוסט, אַז דאָס איז זיין חוב, אַנדערש איז ער אַ דעזערטיר, אַ דעזערטיר ניט פון קיין אַרמיי אָדער אַרבעט, נאָר אַ דעזערטירטער פון זיין פאָלק.

איך האָב זיך געלאָזט גיין איבער די זוניקע גאַסן פון דעם אַלטן סאַמאַרקאַנד. איך האָב באַוואונדערט דעם אַלטן רעגיסטאַן, דעם מעטשעט, וואָס איז מאָזאַאיש צונויפגעשטעלט פון פאַרשיידענע שטיינער־פּליטן און איז געבויט אין אַן אַלט־אָריענטאַלישן סטיל. איך בין אַדורך דעם מאַרק, וועלכער איז געווען פול מיט פרויען, מיט פנימער פאַרשטעלטע,

פארדעקטע און פארהאַנגענע מיט שווארצע „פאראנזשאס"... דאָ איך מארק ביים „האַנדל" מיט אַלטווארג, מיט גרינע עפּעלעך, קומים, אוריוק, איזיום און קישמיש, האָב איך באַגעגנט פיל באַקאַנטע יידישע שרייבער, אַרטיסטן און כלל־טוער. דאָ האָט זיך ארומגעדרייט אַ נע־ונעדער אורי פינקל, דער באַקאַנטער עסייאיסט און געשיכטלער, פאָלקלאָריסט און קריטיקער, דער אויטאָר פון די פּאָפּולערע ביכער וועגן מענדעלע'ן, שלום־עליכם און אַנדערע. אויך די דיכטער מאָטל הארצמאַן און מ. כאשטי־וואצקי, וועלכע זיינען שפּעטער אומגעקומען אויפן פראָנט, זיינען דאָ געווען. כמעט אַלע שרייבער און אַרטיסטן האָב איך דאָ געטראָפן. יעדער איינציקער פון זיי האָט געזוכט פאר זיך אַ ווינקעלע, אַן אָנשפּאר און מ'איז ארומגעגאַנגען באַטריבט און דערשלאָגן.

פאַרנדיק אין צוג האָט זיך מיר געדוכט, אַז דאָס געשווילעכץ פון די פיס איז מיר שוין אַראָפּ, נאָר ווען איך האָב אָנגעהויבן שפּאַנען איבער די ברייטע, פון דער זון־גליענדיקע גאַסן פון נייעם סאמאַרקאַנד דערנאָך איבער די שמאָלע און אויסגעקרומטע געסלעך פון אַלטן סאמאַר־קאַנד האָב איך צוריק דערפילט, אַז דאָס געשווילעכץ יוערט אין מיינע פיס און עס גייט אויף ווי אַ טייג. איך האָב צוריק געמוזט נעמען אַ שטעקן אין האַנט און זיך אָנשפּארן אויף אים...

אויפן אַנדערן טאָג בין אך זיך געגאַנגען מעלדן צום מיליטערישן קאָמיסאַריאַט. איך האָב מיין שטעקן אויף וועלכן איך האָב מיך אָנגע־שפּאַרט אַוועקגעוואָרפן. די דאָקטוירים, וואָס האָבן מיך באַטראַכט האָבן מיך געפרעגט:

— ווי פילט איר זיך?

— געזונט — האָב איך אָנטשלאָסן געענטפערט — אינגאַנצן געזונט!

נאָך אַזאַ ענטפער האָבן מיך די דאָקטוירים באַטראַכט נאָר צוליב יוצא וועגן. מיינע געשוואָלענע פיס האָבן זיי אפילו ניט געזען.

פינף וואָכן בין איך געווען אין אַ קאַזאַרמע פון דער קירגיזישער שטאָט אָש. פון די פינף וואָכן בין איך אַכט טעג אין אַ שפּיטאָל געווען און אינגאַנצן אויסגעהיילט די פיס. דערנאָך איז אונזער טייל אַרויס אויפן פראָנט.

32.

צענטראַל־פראָנט. איך בין ניט קיין העלד, איך בין נאָר אַ ייד, אַ ייד מיט אַ פּעקל צרות, אַ ייד וואָס ווייסט, אַז זיין אָרט איז איצט

דאָ אין די רייען פון די סאָלדאַטן פון דער רויטער אַרמיי, וואָס קעמפן קעגן פאַשיזם. איך בין אויך ניט קיין פּחדן, דאָך יעדער מאָל פאַר אַן אַנגריף טראַכט איך אַ רגע וועגן זיך, וועגן מיין שוועך לעבן, וואָס איך האָב אַדורכגעמאַכט און וועגן מיינע ליבע און נאָענטע...

עס שפּרייט זיך פאַר מיר דער טייך דאָן, דער שטיל־רוישנדיקער טייך דאָן... פון וואָראָניעזש, אַזש ביז סטאַלינגראַד ציט זיך דער פראָנט. דאָ ביים מיטל־פלוס פון דאָן שטיי איך, דער ייד און לויטינאַנט פון אַ רויט־אַרמייאישער אויסשפּיר־טייל. איך, דער מענטש מיט אַ טיטול לוי־טינאַנט, מיט אַ פינטעלע ייד און מיט אַן אויפגאַבע אפשר פון אַ וועלט־מאַסשטאַב, כאָטש די אויפגאַבע איז איינפאַך און פּראָסט. עס קען זיך איינגעבן אַזוי לייכט ווי אַ פּאַפּיראָס אויסצורויכערן. עס קען זיך אָבער אויך אָנצינדן אַזאַ פייער אין וועלכן מיר אַלע וועלן אומקומען... אָבער ס'מוז זיך איינגעבן. הע, וואָס איז דאָ אַ בריקל אונטערצינדן אָדער אַ ריכטונג אָנווייזן ?...

די רויט־אַרמייער זיינען זיך צעגאַנגען יעדער איינער אין אַן אַנדער ריכטונג. איך לעג אונטער אַ גרויסן שטיין, פון וואַנען קומט אַהער אַ שטיין ? ניט ווייט פון מיר ליגן נאָך צוויי סאָלדאַטן, רויטע־אַרמייער. ס'איז אַ שווערע דערוואַרטונג. איך זע נאָר די הויפּט־ריכטונג, פונוואַנען דאָס פייער מוז קומען... און דווקא איצט קומט אויפן געדאַנק עפּעס אַן אויסגעלייענטע ציטאַטע פון אַ פאַרגעסענעם בוך :

„אַלץ ווערט אָפּגעצאָלט, סיי איינצלנע מענטשן, אַזוי אויך גאַנצע פעלקער. גאָרניט ווערט ניט פאַרלוירן, אַזאַ געזעץ האָט אין זיך די נאַטור: גוטס פאַר גוטס און שלעכטס פאַר שלעכטס !..."

און אפשר האָב איך גאָר דאָס אין ערגעץ ניט געלייענט, אפשר איז דאָס מיר גלאַט איצט געקומען אויפן געדאַנק. און נאָך עפּעס האָב איך דאַן געטראַכט, צי אפשר אַליין צו זיך גערעדט :

— פאַרוואָס זיינען דאָ מענטשן, פּוסטע כּלי'ס, מיט האָנאָריסטער, גדלותדיקער האַלטונג, וואָס רופן צו זיך אַרויס רעספּעקט ?... און פאַר־וואָס זיינען דאָ מענטשן באַגאַבטע, אינהאַלטסרייכע, און זיי זיינען ביי זיך פּראָסט און פּשוט און יעדער איינער ווערט מיט זיי אַ פּאַני־בראַט און קריכט זיי אויפן קאָפּ ?...

— איי, איי אַ וועלט, מיט מענטשן און קליינע מענטשעלעך...

איך האָב אויך דאַן עפּעס אונטערגעזונגען אַ שטיל־נאָגנדיקע און דאָך פייערלעך־דערהויבענע מעלאָדיע פון אַ יום־כּפּורדיקע תּפילה, וואָס האָט זיך מיר פון מיינע קינדער־יאָרן פאַרגעדענקט :

— „מי במים ומי באש!"...

און ווייטער האָב איך שוין גאָרניט געדענקט.

ווען איך בין געקומען צו זיך, האָב איך זיך געזען אין אַ פעלד־לאַזאַרעט, אין אַן אָפּיצערישער פּאַלאַטע. דאָס גאַנצע לייב, דער קאָפּ און די לינקע האַנט איז געווען איינגעוויקלט אין מאַרלע און אין וואַטע. יעדן טאָג האָט מען מיך גענומען אויפן טיש און לעבעדיקערהייט פון מיין לייב אַרויסגעציפּט שטיקער פליייש מיט פּיצלעך מעשערנע, אייזערנע, שטאָלענע און טשוהונענע שפּליטערס. איך האָב געשריגן און מיינע קולות האָבן זיך געטראָגן ביז צום הימל... דערנאָך האָט מען מיך אַ באַרואיקטן אַריינגעפירט אויף אַ ווענעלע צוירק אין פּאַלאַטע און מען האָט מיך פאַרזיכטיק אַריינגעלייגט אין בעט.

צוויי יאָר מיט דריי חדשים אויפן פראָנט, אויף דער פאָדערשטער ליניע, פון דער צייט, אַן ערך פינף חדשים אין עטלעכע מיליטערישע שפּיטאָלן. אונזער טייל האָט פאַרלאָזט און צוריקגענומען וואָראָניעזש, קורסק, לוואָוו און רילסק. אונזער טייל איז געווען אין דער „קורסקער דוגא״ אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן פון שונא און מיר האָבן זיך פון דעם קלעם אַרויסגעריסן.

טויזנטער און טויזנטער יידן זיינען מיר אויף די פראָנטן געווען און מיטן בלוטיקן שונא אונזערן, מיטן פאַשיסטישן דייטשלאַנד געקעמפט.

סוף 1944־טן יאָר, בין איך פון די רייען פון די רויטע אַרמיי באַ־פרייט געוואָרן. איך בין ווידער געוואָרן, אַ ציווילער, פרידלעכער בירגער.

.33

ווידער מאָסקווע. די סאַמע באַלעבטע שטאָט פון סאָוועטן־רוסלאַנד. אַ שטאָט אַ ריז, אַ שטאָט אַ שיינקייט, מיט העכער פינף מיליאָן איינוואוי־נער און צווישן זיי ניט ווייניקער ווי אַ פערטל מיליאָן יידן. און דער ייד, דער געוועזענער פראָנט־מענש, דער געוועזענער לויטענאַנט, דער יידישער שרייבער טראָגט זיך אום אין מאָסקווע עלנט און נע־ונעד, אָן אַ היים, אָן אַ משפחה און דאָס איינציקע פאַרמעגן, וואָס איז אים פאַרבליבן איז זיין שפּראַך, דאָס יידישע וואָרט, דאָס יידישע מאַמע־לשון אויף וועלכן ער דענקט און חלומט, דאָס לשון פון וועלכן ער קען אין ערגעץ ניט אוועק, ניט אַנטלויפן און ניט זיך אויסבאַהאַלטן.

מיר האָט זיך איינגעגעבן אָפיציעל צו פאָרן קיין ביאַליסטאָק, דאָרטן מיט די אייגענע אויגן זיך איבערצייגן, אַז ס'זיינען דאָ ברידער־ און שוועסטער־קברים, זיך אָנרירן מיט די הענט צו דער ערד אין וועלכער עס ליגט אין אייביקער רו מיין בלוט און פליייש, מיין מאַרך פון די ביינער, — צוזאַמען מיט טויזנטער יידן פון ביאַליסטאָקער געטאָ.

מען האָט מיך גערופן בלייבן אין ביאַליסטאָק, פאָרן ווייטער קיין לובלין, וואַרשע, דערנאָך קיין טשעכיע, קיין עסטרייך, דייטשלאַנד און פון דאָרט וואוהין איך וויל: אַמעריקע אָדער ישראל.

און דאָ אין ביאַליסטאָק האָב איך דערזען אַ פּאָלאַק, מיט אַ קליין בלוי היטעלע און מיט אַ גרויסן שוואַרצן גלאַנציקן דאַשיק איבער אַ פּאָר שוואַרצע גזלנישע אויגן מיט אַ פאַרביסן געלעכטערל פון אונטער שוואַרצע אַראָפּהענגנדיקע וואָנסעס:

— זשיד!...

און מיר האָט עפּעס אַ ציִ געטאָן צוריק קיין סאָוועט־רוסלאַנד. ס'איז דאָך פאָרט מיין לאַנד. איך מוז נאָך אַ פּרואוו טאָן, אפשר פאָרט וועט זיך עפּעס דאָרט ענדערן, אפשר איז דאָס אַלץ ביי מיר אַ טעות, אפשר איז דאָס נאָר אַ פיינלעכער צושטאַנד, אַ רעזולטאַט פון דעם אַלץ איבערגעלעבטן... און עס האָט אין מיר געקאָכט: „פאָרן צוריק, ווייל איך קען און מעג!"

און איך בין צוריקגעקומען קיין רוסלאַנד.

און דאָ אין אומאַן בין איך געקומען צו מיין געשאָכטענער מוטער אויף קבר־אבות, צו מיינע ברידער און שוועסטער און צו מיינע צענדליקער קרובים. נאָר אָך און וויי, וואו זאָל איך דאָ זוכן זייערע קרובים, אז יעדער פּיצל ערד איז דאָ מיט יידיש בלוט פאַרגאָסן און איך טרעט מיט מיינע פיס אויף די קברים, יידישע קברים. און איך האָב דערזען אַן אוקראַינער מיט אַ ווייס צעבראָסטעטע העמד אויפן האָריקן לייב, און דאָס ווייסע העמד איז מיט בלוט־רויטע צלמלעך אויסגעהעפּט, דער בלאָנדער טשופּ הענגט אים אַראָפּ איבערן גרויסן שטערן און מיט גרויע רוצחישע אויגן קוקט ער אויף אַן איינזאַמען דורכגייער און לאַכט כיטרע:

— „ניע דאהובליני", ניט דערקוילעטער, זשיד!...

און אין מאָסקווע ווי אין גאַנץ רוסלאַנד איז דאָס וואָרט זשיד מגולגל געוואָרן אין דעם וואָרט „אַבראַשקע" צו מענער און „שרה" צו פרויען.

פון מיין גרויסער, אַרום הונדערט נפשותדיקער משפּחה, בין איך געבליבן איינער אַליין, איך און מיינס אַ ווייטע קרובה, אַ קוזינע, וואָס לעבט נאָך ביזן היינטיקן טאָג אין מאָסקווע. דאָס איז אַ פרוי אַ שיינקייט. איך האָב געזען די בילדער־מאַדאָנעס פון אַלע גרויסע מאַלער־מייסטערס פון אַמאָל און איצט, אָבער קיין איינע פון די געמאָלטע מאַדאָנעס איז ניט אַזוי שיין ווי מיין קוזינע. דער איינציקער חסרון אירער איז אפשר נאָר דאָס, וואָס איר שיינקייט איז אַ טיפּיש יידישע, אַ סעמיטישע. דער יידישער טרויער פון צוויי טויזנט יאָר גלות האָט זיך ווי אַ ים צעגאָסן אין אירע שוואַרצע גרויסע שיינע אויגן. אָבער קיין יידיש ריידן קען ניט מיין קוזינע, מאָסקווע האָט זי ליב, ווי איר לעבן און פאַר דער

סאָוועטן־מאַכט איז זי גרייט מקריב צו זיין איר יינג לעבן. און איינמאָל איז זי אַריין אין שטוב מיט אַ געוויין:

— איך בין געשטאַנען אין ריי נאָך ברויט, האָבן די שכנים צו מיר געשריגן מיט חוזק־געלעכטערלעך.

— „סארא, ניע ליעז וופעריאָד!" שרה קריך ניט פאָראויס...

איך בין אוועק קיין טשערנאָוויץ.

דאָ איז שוין אַלץ דעם לייענער באַקאַנט. דער אַנטיסעמיטיזם אין טשערנאָוויץ, האָט מיך איינגאַנצן צו אַן אונטערדריקטער און אַנטוישטער שטימונג דערפירט. איך האָב מער אויסהאַלטן ניט געקענט און ניט געוואָלט. איך, דער נע־ונדניק, האָב אַנגעצונדן אַ לאַמטערן אין דעם חשכות פון דעם היינט און זיך געלאָזט אין דער וועלט זוכן אַ ביסל יידישקייט און מענשלעכקייט...

ניט נאָר אַליין בין איך אוועק, נאָר איך האָב מיט זיך פאַרכאַפּט נאָך יידן אַזוינע ווי איך, וואָס זיינען מיטגעריסן געוואָרן דורך דער „שטילער באוועגונג", אַז מ'דאַרף פון דאַנען ארויס, גיין ווייטער, ווייטער, זוכן און געפינען!...

— וואָס זוכן?

— זאַטקייט, רו, פרייהייט און פרידן!... און אַביסעלע יידישקייט, אַ ביסעלע מענשלעכקייט.

ווי אַ מיראַזש האָב איך זיך געטראָגן איבער פאַרשיידענע שטעט און לענדער, וואו יידן, רעשטלעך, שארית־הפליטה, נאָך דעם גרויסן חורבן זיינען געבליבן. אונטער פרעמדע אויסגעטראַכטע נעמען בין איך דערשינען, אומעטום אַ קוק געטאָן אויף מיינע עלנטע שוועסטער און ברידער, זיך צוגעהערט צו זייערע קולות, טענות און באַגערן. מיך האָט געצויגן צום יידנטום פון אַמעריקע און צו מיין טאַטן, וואָס לעבט שוין דאָרט ארום פערציק יאָר. און מיך האָט אויך געצויגן קיין ארץ־ישראל, צו די יידן, וואָס קעמפן פאַר זייער היים...

.34

אין דייטשלאַנד האָב איך זיך פאַרהאַלטן אויף אַ לענגערע צייט. דאָ האָב איך פאַרענדיקט מיין גרעסערן ראָמאַן, וועגן דעם לעבן פון די יידן אין רוסלאַנד, פאַר די לעצטע 40 יאָר „ד ו ר ך ז י ב ן פ י י ע ר ן". דאָ האָב איך צוזאַמען מיט די שרייבער לוי שאַליטאַן, ישראל קאַפּלאַן און דוד וואָלפע געשאַפן דעם יידישן שרייבער און קינסטלער־פאַרבאַנד פון דער שארית הפליטה אין דער אַמעריקאַנער זאָנע פון דייטשלאַנד.

כ׳האָב דערזען אין דייטשלאַנד אַ גייסטיק הונגעריקן יידן. ער איז אויסגעהונגערט דער ייד נאָך אַ יידיש געדרוקט וואָרט. טעגלעך דערשיינען צענדליקער יידישע צייטונגען און דאָך איז דאָס ווייניק, ער פאָדערט נאָך. ווי אַ הונגעריקער ווארפט זיך אָן אויף אַ ביסן ברויט אזוי ווארפט זיך דער ייד פון די דייטשע לאַגערן אויף אַ יידיש געדרוקט פובליציסטיש און קינסטלעריש וואָרט.

עס זיינען געקומען קיין דייטשלאַנד שרייבער און קינסטלער מיט גרויסע פאָדערונגען און טענות. זייער וועג איז אַ ווייטער, אפילו נאָך ניט קיין באַשטימטער, ווייל אַמעריקע לאָזט ניט אריין און ארץ־ישראל וויל ניט קיין יידיש... מ׳וועט אַ קוק טאָן, מ׳וועט זען, אָבער דערווייל, ביז וואָס וועט דאַרף מען אַ דירה, מ׳דאַרף עסן, מ׳דאַרף אַ קלייד, מ׳דאַרף געלט.

און מיר האָבן לויט אונזערע מעגלעכקייטן באַזאָרגט.

עס איז געקומען צופאָרן אַ יינגער טאַלאַנטירטער דיכטער מענדל מאַן, דער אויטאָר פון די ביכער : „די שטילקייט מאָנט" און „ירושה". עס איז אַראָפּגעקומען אַ פּייאיקער פּראָזאאיקער יצחק קייטלמאַן. עס איז געקומען דער שריפטשטעלער מלך טשעמני. עס איז געקומען דער טעמפּעראַמענטפולער יידיש־נאַציאָנאַלער דיכטער יצחק פערלאָוו, וועלכער האָט באַלד אין מינכען אַרויסגעלאָזט אַ ביכל לידער : „מיין ליקור־חמה", און אָט שפּעטער זיך געלאָזט מיט זיין פרוי, די באַרימטע יידישע זינגע־רין לאָלאַ פאָלמאַן, און מיט זיין קליין קינד, אויף דער שיף „עקזאָדוס" („יציאת אירופּה תש״ז") און עס זיינען אויך געקומען פיל אַנדערע שרייבער, דיכטער, מאָלער און זשורנאַליסטן.

עס זיינען געווען פיל־שאַטנדיקע אָבער אויך פיל ליכטיקע טעג אין דער אַרבעט פון דעם „אונטערוועגס" שרייבער־פאַרבאַנד אין וועלכן איך בין געווען, צייטווייליק דער ערשטער פאָרזיצער.

די מערסטע שרייבער, וואָס האָבן דורכגעמאַכט דעם „מינכענער עטאַפּ", זיינען געווען אין רוסלאַנד און האָבן ניט געוואָלט בלייבן קיין סאָוועטיש־יידישע שרייבער, זיי האָבן זיך פון דאָרטן אַרויסגעריסן. ס׳איז ווייזט אוים אויף זיי מקוים געוואָרן דאָס ווערטל : „פון קיין ברויט אַנטלויפט מען ניט". געווים האָבן זיי געהאַט פּערזענלעכע, געזעלשאַפט־לעכע און פּאָליטישע וויכטיקע סיבות, וואָס האָט זיי געשטויסן צו פאַר־לאָזן דאָס מעכטיקע און „גאַסטפריינטלעכע" סאָוועטן־רוסלאַנד. זיי האָבן ניט געוואָלט בלייבן קיין סאָוועטישע יידישע שרייבער... אייניקע פון זיי געפינען זיך איצט אין ארץ־ישראל, אייניקע אין אַמעריקע און אייניקע טראָגן זיך נאָך אַרום אין דער וועלט און זוכן פאַר זיך אַ „רואיקן אינזל"...

.35

איך בין אוועק פון מינכען און פון דער אמעריקאנער זאָנע אין דייטשלאַנד, איך האָב פאַרלאָזט די טמא־ערד מיט דער שיינער נאַטור, וואו צווישן בערג און וועלדער, זיינען די יידישע טויטן־לאַגערס געווען. איך בין געקומען אין דעם אויסגעבענקטן לאַנד, אין דעם לאַנד פון יידישער האָפענונג, פון יידישער גאולה, פון יידישער מלוכה׳שקייט... די ליבע צום לאַנד, וועלכעס איך האָב ביז איצט קיינמאָל ניט געזען און כ׳האָב וועגן דעם אזוי פיל געחלומט, די ליבע דרינגט ארויס פון מיין יידישקייט, פון מיין יידישער נשמה, פון מיין יידישן גלויבן און פון מיין יידישן באוואוסטזיין. ניין, דאָס איז ניט קיין ליבע, אזוי ווי דאָרט, אין רוסלאַנד, לויט א באפעל...

איך זע דעם נייעם יידן, אַן איבערגעבוירענעם, א געזונטן, א קרעפּ־טיקן. איך זע יידישע יוגנט, גבורים. איך זע יידישע קינדער „סאַברעס”. און דאָס געדולד ביי יעדן ייד איז פעסט, ווי דער צעמענט־בעטאָן מיט וואָס מען בויט די הונדערטער נייע הייזער פאַר די נייע עולים.

סבלנות !...

דאָס וואָרט באדייט: געדולד, אויסדויער, צוואווארטן, צייט האָבן, זיך ניט איילן און מיר ווען זיגן.

עס ווערט מיר ליב און טייער, אייגן און באקאַנט דאָס העברעאישע וואָרט, די אַלטע תנ״ך־שפּראַך, וואָס איז באַנייט געוואָרן און דינט ווי א פאָדים אויף וועלכן מען צילט אָן פאַרשיידן־ריידנדיקע יידן, ווי פאַר־שיידן־פאַרביקע קארעלן. דעם שפּראַך־פאָדים בינדט מען פעסט צונויף, עס שאפט זיך א ניי פאָלק.

איך קען אָבער פון זיך ניט אַנטלויפן. איך קען ניט פאַרלאָזן מיין יידישע שפּראַך, מיין יידיש מאַמע־לשון, וואָס איז אזוי איינגעבאקן אין מיין הארצן, וועלכע איך האָב איינגעזויגן אין זיך צוזאמען מיט מיין מאַמעס מילך. איך קען ניט און וויל ניט אַנטלויפן פון יידיש, דאָס לשון, וואָס איז געבליבן פון מיליאָנען יידן, דאָס לשון פון מענדעלע, שלום־עליכם, פּרץ, און אפילו ביאַליק. דאָס לשון אויף וועלכן מיליאָנען ריידן פאָרט נאָך היינט אין אמעריקע, פראַנקרייך, פּוילן און אין די לאַגערן פון דייטשלאַנד, עסטרייך און איטאַליע; דאָס לשון אויף וועלכן טויזנטער יידישע צייטונגען שרייבן וועגן ארץ־ישראל און טויזנטער יידישע לייענער באקומען ליב ארץ־ישראל נאָר א דאַנק דעם יידישן לשון פון די צייטונגען.

א שיף מיט פיר הונדערט און פופציק יידן. מיר זיינען געקומען צו זיך א היים, נאָר דרייסיק יידן פון אונז ריידן און לייענען עברית. מיר

די איבערקיע, פיר־הונדערט און צוואַנציק קענען דערווייל נאָר יידיש. סבלנות, געדולד, מיר וועלן נאָך באַווייזן זיך אויסלערנען ריידן, און שרייבן און לייענען עברית.

תל־אביב. מיין יידישע שטאָט, מיין ליבע איז צו דיר אומבאַגרעניצט. וואו איך וועל ניט זיין, וועל איך נאָך דיר בענקן, וועל איך דיר שטיצן און איך וועל פאַר דיר קעמפן. תל־אביב, ביזט יום־טובדיק שיין, באַגאָסן מיט זון און מיינע ברידער און שוועסטער ריידן איצט פריידיקע ווערטער, זינגען מונטערע לידער און גייען אַ טאַנץ. עס איז מקוים געוואָרן אַלעמענס טרוים : — מדינה !... אָבער זאָגט מיר אין יידיש, איך פאַרשטיי נאָך ניט עברית, טיילט מיר אָפּ אַ ברעקל פון די פריידיקע ווערטער !

— לערנט עברית !

— געווים, אָבער דערווייל ?...

אַפּישן און פּלאַקאַטן אויף די ווענט און אויף שוי־פענצטער מאָנען און רופן : אַ מדינה גיט זיך ניט, נאָר דורך אַ באַשטימונג פון דריי און דרייסיק פעלקער. אַ מדינה מוז מען אויסקעמפן מיט בלוט. „התגייסות", „בטחון", „התיצבות" — ס'איז אַ מאָביליזאַציע פון יידישע פּאַטריאָטן אין עלטער פון זיבעצען ביז פינף און דרייסיק יאָר.

עס שטייט אַ גרויסער המון. מיין שטיף־טאַטע פלעגט אַמאָל דערציילן מעשות וועגן רויטע יידעלעך, וואָס לעבן אין ארץ־ישראל. אָבער איך זע דאָ צווישן דעם המון בלויז „ווייסע", אשכנזער יידן און „שוואַרצע" ספרדישע יידן. זיי לייענען די אַפּישן און איך קוק אויף זיי און בעט זיך ביי עמיצן :

— וואָס שרייבט מען ?...

דער ייד איילט זיך. די פּאָר טרוקענע ווערטער, וואָס ער גיט מיר אַ זאָג, פיל איך, אַז דאָס איז ניט דער גאַנצער, דער גענויער און טיפער איינהאַלט פון די וויכטיקע אַפּישן און פּלאַקאַטן.

— סבלנות, האָט געדולד, — שריי איך אויס — וואָס איילט איר זיך אַזוי מיטן עברית ? מיין קינד — זאָג איך — וועט קענען עברית!... אָבער איך אַ ייד פון דריי און פערציק יאָר, לאָזט מיך אויסלעבן אין מיין יידישער שפּראַך. אפשר בין איך דער לעצטער מאָהיקער פון יידישן לשון, אָבער פאַר מיר איז דאָס נאָך אַלץ ליב און הייליק, פאַר מיר איז יידיש אַ טרייסט !...

איך מוז דאָ אונטערשטרייכן, אַז מע האָט מיך אין דער שרייבער־ און זשורנאַליסטן משפחה פון תל־אביב אויפגענומען גאָר וואַרים. איך האָב געדרוקט אין אַ העברעאישער איבערזעצונג אין צייטונג „דבר" און אין אַנדערע אויסגאַבן פיל דערציילונגען. פון די אַרטיקע שרייבער האָט זיך זייער וואַרים, חבריש און מענשלעך צו מיר באַצויגן דן פינס פון

„דבר״, ווי אויך דוד זכאי. ביי דער אלמנה פון נ. ביאַליק בין איך געווען אַן אַנגעלייגטער גאַסט און דאָרט האָבן מיך פריינטלעך אויפגענומען די שרייבער בערקאָוויטש און פיל אַנגעזעענע מענשן פון תל־אביב. גאָר אַ גרויסער פריינטשאַפט האָט צו מיר ארויסגעוויזן דער אַלטער יידי־שער שרייבער יואל מאַסטבוים, ביי אים אין דער היים, פלעג איך זיך פילן היימיש און זיין משפחה האָט צו מיר ארויסגעוויזן פיל הארציקייט. אויך יעקב פיכמאַן דער גרויסער דיכטער פון ישראל האָט מיר פיל געהאָלפן. אָבער באַזונדערס פיל האָט מיר געהאָלפן דער פאַרוואַלטער פון קולטור־אָפּטיילונג ביים הסתדרות, דער יידיש־העברעאישער שרייבער אברהם לעווינסאָן, ער האָט פאַר מיר געמאַכט אַ מעגלעכקייט, אַז איך זאָל ארומפאָרן איבער אַלע שטעט און שטעטלעך, דערפער און קיבוצים פון ישראל און איך זאָל פאַרלייענען לעקציעס און דערציילן דעם אמת וועגן דעם לעבן פון די יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד. מיינע רעדעס און ארויסטרעטונגען האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג אין די קיבוצים און ישובים. מע האָט וועגן מיר געשריבן גוטס און געלויבט מיין זאַכלעכער, אָביעקטיווער אָפּשאַצונג פון דעם לעבן פון די יידן אין רוסלאַנד.

אין אַזאַ ישוב ווי חלון, איז מיר אויסגעקומען צו ריידן פאַר אַ טויזנט ־קעפּיקן עולם.

אומעטום האָט מען מיט גרויס אינטערעס געהערט מיינע רעדעס אין יידישן מאַמע־לשון. דאָך פלעגט מען מיר אָפּט, פאָרזיכטיק ארייגזאָגן!

— דאָס צווייטע מאָל, אַז איר וועט צו אונז קומען, זאָלט איר שוין ריידן עברית !...

דאָס ארומפאָרן און די באַקאַנטשאַפט מיט דעם לאַנד און מענשן האָט מיר אויך געגעבן אַ מעגלעקייט אָנשרייבן אַ קינסטלערישן רעפּאָר־טאַזש וועגן ארץ־ישראל, אַזוי ווי איך זע דאָס לאַנד מיט מיינע אויגן פון אַ געוועזענעם און אַנטלאָפענעם סאָוועטישן יידן. איך האָב די זאַך געשיקט צום „פאָרווערטס״. איך האָב באַלד פון רעדאַקטאָר, הלל ראָגאָף באַקומען אַזאַ ענטפער : „אייער ארטיקל וועגן תל־אביב וועט געדרוקט זיין דעם קומענדיקן שבת, עס איז אַ שיינע פּאָעטישע שילדערונג, וואָס איך גלויב וועט מאַכן אַ גוטן איינדרוק אויף די בעסערע לייענער״. און די זאַך האָט טאַקע געהאַט דערפאָלג.

דערנאָך האָב איך צוגעשיקט קאַפּיטלעך פון מיין לעבנס־געשיכטע און די קאַפּיטלעך ווי אויך נאָטיצן און בילדער וועגן אומגעקומענע יידישע סאָוועטישע שרייבער, זיינען מיט דערפאָלג געדרוקט געוואָרן אין „פאָרווערטס״.

.36

עס איז דאָ אַ געשיכטלעכער גאַנג, וואָס ניט איך און ניט עמיצער אַנדערש וועט אים ענדערן. די געשיכטע, אַזוי ווי די נאַטור, האָט אין זיך, אויסער געזעצן און סיבות, אויך צופעליקייטן.

און איך וועל אַ פּאָר שורות ווידמענען די אַ „צופעליקייטן"...

איך האָב געהאַט אין אַמעריקע אַן אַלטן, ניט־פאַרמעגלעכן טאַטן. איך האָב אין אַמעריקע, אַ דאָרט געבוירענעם ברודער אַ רב. איך האָב אויך אין אַמעריקע, דאָרט געבוירענע צוויי שוועסטער. און איך ווייס שוין, אַז אין אַמעריקע זיינען אויך דאָ קבצנים. אין מיין גרויסער נויט און עלנט זוך איך ניט קיין געלט. איך וואָלט געוואָלט קענען מיין טאַטן, מיין ברודער, מיינע שוועסטער. און גראָד איצט ווען איך בין אַזוי נאָענט געוווען פון זיי, ממש ביי די טויערן פו דער „גאָלדענער" אַמעריקע, האָבן זיי זיך פאַר מיין קומען דערשראָקן, קיין טרייסט־וואָרט מיר ניט געשריבן.

און איך האָב צו זיי פון רוסלאַנד בריוו געשריבן און איבער די בריוו „גלות־תפיסה" געליטן...

אין מינכען פאַר מיין אָפּפאָרן, האָבן די שרייבער אַ קליינעם באַנקעט, אַ געזעגנונגס־אָוונט מיר געמאַכט. דער טרויעריק־פריילעכער רעדאַקטאָר „פון לעצטן חורבן" מיט זיינע תלמודישע חכמות און וועלטלעכער שאַרפזיניקייט ישראל קאַפּלאַן, — דער טומלדיקער זשורנאַליסט, רעדאַקטאָר, דיכטער און קולטור־טוער לוי שאַליטאַן, — דער קלוגער באַרעכנטער זשורנאַליסט און רעדאַקטאָר פון „אונזער וועג" ראובן רובינשטיין, האָבן געטרונקען מיט מיר לחיים, מיר געזאָגט אַ פּאָר גוטע שבחים, ווי געוויינ־לעך ביים געזעגנען זיך און אָפּגעשאַצט מיין טעטיקייט אין דייטשלאַנד. דערנאָך האָט דער היסטאָריקער ד"ר פיליפּ פרידמאַן מיר אונטערגעטראָגן אין נאָמען פון די מינכענער שרייבער אַ מתנה, אַ גילדענע פּיל־פעדער, און ער האָט מיר געזאָגט :

— וועגן אַלץ, וואָס איר זעט אין אייער וואַנדער־לעבן, זאָלט איר באַשרייבן אַזוי ווי איר האָט דאָ אין מינכען באַשריבן אונזער „גלות בייערן".

אָבער עס האָט זיך גראָד פאַר מיר געשאַפן אין תל־אביב אַזאַ לאַגע „פּלוצים" און „צופעליק", אַז ניט נאָר איך האָב דאַן ניט געקענט אַלעס באַשרייבן, נאָר איך האָב ניט געוואוסט צו מיין לעבן וועט נאָך בכלל דויערן לאַנג...

איך האָב געלעבט אין תל־אביב אויף דער סאַמע גרענעץ פון יפו, ווען עס האָט זיך אין מיטן נאַכט אַנגעהויבן פּלוצים די מלחמה, די אַראַבער זיינען באַפאַלן די יידן, האָט מיין הויז כמעט דאָס ערשטע

געברענט און איך בין געבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, ווען איך האָב זיך שוין ווי עס איז ניט איז צוריק איינגעאָרדנט מיט אַ דירה, בין איך אוועק צו הילף דער יידישער אַרמיי אין אַ האַרמאַטן־פאַבריק.

צום סוף פון דער מלחמה אין ישראל, האָט נאָך מיט מיר פּאַסירט אַ „פּערזענלעכער" אומגליק. איך בין געווען עלנט און צעבראָכן און מיר האָט זיך זייער געוואָלט כאָטש אויף אַ פּאָר חדשים קומען קיין אַמעריקע זיך זען מיט מיין טאַטן, מיט מיין ברודער און מיט מיינע שוועסטער, וועלכע איך קען ניט און האָב זיי קיינמאָל ניט געזען. איך האָב אָבער שוין געוואוסט, אַז מיין פאָטער, וועמען איך וויל אַזוי קענען, ער ליגט איצט אין שפּיטאָל און זיינע טעג זיינען געציילטע, ער קען מיר מיט גאָרניט העלפן. דערצו נאָך האָט דער „פּערזענלעכער אומגליק" אויף מיר אַלץ מער געווירקט און אונטערדריקט מיין שטימונג: איך האָב מענשן פיל גוטס געטאָן, איך האָב די מענשן אַריבערגעפירט איבער פיל גרענעצן און זיי צו זייער רייכע משפּחה קיין תל־אביב געבראַכט און דאָרט אין תל־אביב, האָט מיר איינע פון די „מענשן" פאַר מיין ברויט אָפּגעצאָלט מיט שטיינער, מיך פאַרלאָזט... מען האָט מיך אויסגענוצט און אַרויסגעוואָרפן...

— ווער דאַרף דען אָן אָרימען, דערצו נאָך אַ יידישן שרייבער?...

אַנטוישונג, יאוש און צווייפל האָבן געגעסן מיין לייב און געגריזשעט מיין נשמה: פאַרוואָס איז דאָ אַזוי פיל שלעכטס, ווען עס קען זיין גוטס?...

מיין שווער און ביטער לעבן פון אַ וואַנדערער און וואַגלער, וואָס האָט צוגעזען פאַרשיידנאַרטיקע לעבנס פון פאַרשיידנאַרטיקע מענשן און פעלקער האָט גורם געווען, אַז איך זאָל אָנשרייבן אַ קליין ביכעלע, אַ בראָשור, וועלכעס איך רוף אָן: „אַדאַמיזם" — די באַוועגונג פאַר אַ בעסערן מענשן און אַ בעסערן אָרדענונג אויף דער וועלט. מיין סימבאָל איז: אַ ווייסע פאָן מיט אַ רעגן־בויגן אין דערמיט. איך באַהאַנדל די פראַגן: גאָט — מענש — גאָט; פאָרם און אינהאַלט; גוטס און שלעכטס; קלאַסן־קאַמף און עקזיסטענץ־קאַמף; פאַלק, ראַסע און נאַציע; רעליגיע און פריי־דענקערשאַפט; פּאַרטיי און פּאָליטיק; מענש און לעבן; וועלט־רעגירונג; משפּחה און לעבנס־שטייגער; שפּראַך; רעלאַטיוו און אַבסאָלוט; אַדאַמיזם; די געבאָטן פון אַדאַמיזם.

איך האָף, אַז מיין „אַדאַמיזם" וועט פאַרעפנטלעכט ווערן אין אַ בוך־פאָרם. עס וועט קומען די צייט.

אַדאַמיזם — דאָס איז אַ צופעליקער רעזולטאַט פון מיינע שווערע איבערלעבענישן, פון מיינע שלאָפלאָזע נעכט, פון שלעכטע מענשן, וואָס

האָבן מיך געפּייניקט אומזיסט און פון מיין טיפן גלויבן, אַז דאָך איז דאָ א גוטער, אַ בעסערער מענש.

יאָ, מיין „אַדאַמיזם", מיין זוכן דעם בעסערן מענשן און דאָס גלויבן אין מענשן איז פאַר מיין ליטעראַרישער טעטיקייט אַ צופעליקייט, אָדער פאַר מיין נשמהדיקן צושטאַנד אַ נויטווענדיקייט.

און נאָך אַ צופאַל.

געפינענדיק זיך אין דער אַ אויבן־דערמאָנטער אַטמאָספער און שטימונג, האָב איך גלאַט אַזוי אָנגעשריבן אַ בריוו צום רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס" צו הלל ראָגאָף און פאַר אים אַ ביסל אויסגעגאָסן מיין ביטער הארץ, אים געבעטן ער זאָל מיך ארויספאָדערן אויף אַ צייט קיין אַמעריקע, איך האָב די בריוו אָפּגעשיקט און געלאַכט פון זיך אַליין:

— עט, אַט וועט באַלד ראָגאָף נעמען מיך ארויספאָדערן?!...

און גראָד האָט זיך יאָ, עפּעס באַקומען פון דעם.

איך בין געקומען קיין אַמעריקע. מיין טאַטן, וועלכן איך האָב געוואָלט אַזוי זען, האָב איך ניט געזען... זאָל ער האָבן דעם ליכטיקן גן עדן, ער האָט מיך דערמאָנט אויף זיין טויטן־בעט, איידער ער האָט זיינע אויגן צוגעמאַכט און ער האָט פון זיין „פאַר־מעגן", וואָס ער האָט זיינע יורשים צוטיילט אויך אין מיר ניט פאַרגעסן. ער האָט מיר איבערגעלאָזט 300 דאָלער ירושה און מיט די 300 דאָלער בין איך צוגעטרעטן דרוקן דעם בוך, וועלכן איר מיינע ליבע לייענער, לייענט איצט, האָפנדיק, אַז דאָס איבעריקע געלט וועל איך שוין מאַכן...

מיינע לאַנדסלייט אין ניו יאָרק און אין פילאַדעלפיע, האָבן מיך אויפגענומען מיט גרוים כבוד און איך האָב אין זיי געפונען גוטע פריינט און הייסע אָנהענגער.

איינע פון מיינע גרעסטע וואונשן איז געווען אָפּדרוקן מיין גרויסן קינסטלערישן צוויי בענדער — ראָמאַנען: „ד ו ר ך ז י ב ן פ יי ע ר ן". עס האָט זיך ליידער פון דעם גאָרניט באַקומען, כאָטש אַ וויכטיקער פּערזאָן האָט צו מיר צוויי מאָל אין בריוו געשריבן, אַז „אייער גרעסערן ראָמאַן האָבן געלייענט צוויי מיטגלידער פון דער רעדאַקציע, זייער מיינונג איז זייער אַ גינסטיקע, איינער איז זאָגאַר באַגייסטערט". עס האָט זיך אָבער געמאַכט אַזאַ צופאַל, אַז אַנשטאָט דעם קינסטלערישן ראָמאַן, האָב איך גאָר אַרויס־געלאָזט אַ פּובליציסטישן בוך, וועגן דער לאַגע פון יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד. איך האָף אָבער, אַז עס וועט נאָך זיין אַזאַ צופאַל אויך: איך וועל נאָך אָפּדרוקן מיין ראָמאַן „דורך זיבן פייערן".

און נאָך עפּעס :

גאָט האָט אין מיר ניט פאַרגעסן, עס איז געשען דאָ אין אַמעריקע

נאָך א „צופאַל" אין מיין לעבן, אָבער דאָס מאָל א גליקלעכער... איך בין שוין ניט איינזאַם און ניט מער עלנט.

* * *

דאָס אַלץ, וואָס איך האָב דורכגעמאַכט פון מיין געבורט, ביז מיין קומען קיין אַמעריקע, איז געווען ניט מער ווי א געצוואונגענע ליבע צום לעבן, א ליבע לויט באַפעל. איך האָב דאָך קיינמאָל ניט געגעסן צו זאַט, איך האָב ניט פאַרזוכט קיין פולע פרייד און איך האָב ניט געהאַט קיין שלום. איך וואָלט מערער ניט געוואָלט זיין דער אומרו פון וועלט־זייגער. איך וואָלט מערער ניט געוואָלט נעמען דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט און די טאָרבע אויף דער פּלייצע. איך הער אָבער, ווי א מענש קרעכצט און אנשטאָט גאָטס וועלט, זע איך א קאָשמאַר.

אַלץ, וואָס איך האָב דערציילט, איז ביטער ווי גאַל און עס שטעכט די אויגן... אָבער וואָס זאָל איך טאָן, אַז דער אמת איז פּאַרט אזוי.

איך האָף אָבער אויף גוטס, אויף פרידן און אויף פרייהייט.

איך גלויב, אַז דער מענש וועט דאָס האָבן.

פאַר זיך ווייל איך שוין גאָר ניט קיין סך אין לעבן: שלום, זאַטקייט און פרייהייט.

און איך וואָלט נאָך געוואָלט קומען צוריק קיין ארץ־ישראל און דאָרט אָפּלעבן, וויפל מיר איז באַשערט.

מיין גרויסער טרוים איז צו קריגן געלט, אַז איך זאָל קויפן א פאַרם אין ישראל און אין שוויים פון מיין אַרבעט זאָל איך מיט מיין ליבער פרוי עסן אַ ערלעך שטיקל ברויט. עס איז אָבער נאָר א טרוים, — אַן אָרימער יידישער שרייבער וועט קיינמאָל ניט האָבן קיין צען טויזנט דאָלאַר אויף אָפּצוקויפן אַזא פאַרם.

און אפשר?... אי, מיין שלימזלדיקער מזל!... איך וואָלט געאַרבעט אין פאַרם און פון צייט צו צייט געשריבן. — קיין גרעסער גליק שטעל איך זיך ניט פאָר.

פאַר אַלע מענשן אין דער וועלט, ווייל איך נאָר גוטס, און גוטס הייסט פרייהייט, ווייל ווען ניט מיין שטרעבן צו פרייהייט, וואָלט איך דאָך קיינ־מאָל פון סטאַלינס־לאַנד ניט אַנטלאָפן.

בלוט אויף דער זון

אַ געשיכטע וועגן יידן אין סאָוועטן־רוסלאַנד.
אַ טראַגישן לעבן פון אַ פאַרטיליקט פאָלק
אונטער אַן אייזערנעם פאָרהאַנג.

1. די רויטע בעסטיע

(אנשטאַט אַן אריינפיר)

דרייסיק יאָר לעבן פון אַ פאָלק, וואָס פאַרמאָגט אַ פיל טויזנט יאָריקע געשיכטע, ווערט אָפט־מאָל פאַרשריבן אויף אַ פּאָר זייטלעך. אין דעם פאַל אָבער, וועט דער קומענדיקער היסטאָריקער באַדאַרפן אָנ־שרייבן צענדליקער בענדער און עס וועט נאָך אַלץ פאַרבלייבן עפּעס אַ ניט־באַלויכטענער און ניט־אַנטפּלעקטער ווינקל.

דרייסיק יאָר יידיש לעבן, יידישע ווייען און יידישע אויסראַטונג אין סאָוועטן־רוסלאַנד. ווען מען טראַכט זיך אריין אין דער יידישער פראַגע, ווי אַזוי זי איז געלייזט געוואָרן אין באָלשעוויסטישן רוסלאַנד, באַקומט זיך, גלייך ווי סטאַלין וואָלט די גאַנצע וועלט פאַרכישופט און ער האָט געמאַכט אַזוי, אַז דאָס גאַנצע שלעכטס, וואָס ער האָט דעם סאָוועטישן יידנטום אָפּגעטאָן, איז אָנגענומען געוואָרן פאַר גוטס — דאַרף מען נאָך מער? אַז יידן אַליין האָבן געשריגן: „עס איז ליכטיק", ווען עס איז גוט פינצטער געוועזן. „עס איז גליק" ווען מען איז אין אומגליק געוועזן. און נאָך איצט, ווען אין רוסלאַנד האָט מען שוין דאָס לעצטע ביסל יידישקייט ליקווידירט און פאַרניכטעט, דערשיינען נאָך אויסערן סאָוועטן־

לאנד, אין פראנקרייך, אין אמעריקע און אין אנדערע לענדער יידישע קאמוניסטישע צייטונגען, וואס לויבן דעם סאוועטן־פארבאנד און איר נאציאנאלע פאליטיק.

טויזנטער מענשן יידן און ניט־יידן, נאאיווע אינטעליגענטן, ווענען עס דוכט זיך, אז זיי זיינען פראגרעסיוו, זיינען בלינד פארגלויבט אין סאוועטן־רוסלאנד, ווייל דער צויבער פון די הויך־שרייענדיקע, פיל־צוזאגנדיקע און דעמאגאגיש־פארפירערישע ווערטער האבן זיי פאר־קנעכט און זיי ווילן ניט זען, וואס פאר א גיהנום דארט איז.

אייגנטלעך האט זיך די יידישע טראגעדיע אין דעם „גן־עדן"־לאנד אנגעהויבן אין דעם יאר 1920, ווען די סאוועטן־מאכט האט זיך ספראוועט מיט דער בירגער־קריג אין לאנד און האט גענומען איינפירן „ארדענונג" צווישן די מענשן און צווישן די פעלקער, וואס באוואוינען דאס לאנד. עס האט זיך אנגעהויבן א נייע ארדענונג. מען האט אנגעהויבן מיט געוואלד איבעראנדערשן דאס מענשלעכע דענקן די „אידעאלאגיע". מען האט מיט געוואלד געענדערט די מענשלעכע נשמה, די „פסיכאלאגיע". מען האט געביטן דעם מענשלעכן לעבנס־שטייגער אויף א „רעזשים". דאס דארף האט מען מיט צוואנג פארוואנדלט אין א „קאלכאז", די שטאט האט מען לויט א באפעל געהייסן ווערן א „סאציאליסטישע". עס האט זיך פארפעסטעט אין לאנד א רויטע זעלבסט־הערשונג, א זעלבסט־הערשונג פון איין מענש מיט זיין איינציקער פארטיי. מיליאנען מענשן זיינען פאר־וואנדלט געווארן אין שקלאפן, וואס האבן ניט קיין רעכט צוריידן פריי, צו טראכטן, וואס זיי ווילן און צו פארן אן א דערלויבעניש. פאר די מיליאנען סאוועטישע שקלאפן־בירגער רעדט שוין, טראכט שוין און פארט שוין דער „גרויסער פירער" מיט זיין „פאליט־ביורא". זיי, די סאוועטן־בירגער דארפן נאר ארבעטן א סך, עסן וואס ווייניקער און זיי מוזן שרייען אין דער הויך, אז די גאנצע וועלט זאל דאס הערן: „מיר לעבן זאט און גליקלעך". ווער עס שרייט דאס ניט, דער ווערט באזארגט מיט אייביקער תפיסה און מיט פארניכטונג.

און די שרייבער און דיכטער פון סאוועטן־רוסלאנד, זיי האבן א גרויסע „קינסטלערישע" אויפגאבע, זיי דארפן שרייבן און זינגען:

„סטאלין איז גרויס,
סטאלין איז שיין,
סטאלין שיינט,
ווי די זון"...

צום יאר 1949, איז די טראגעדיע פון יידישן פאלק אין סאוועטן־רוסלאנד דערגאנגען צו זיין קולימינאציאנס־פונקט. צו דער צייט איז שוין

דאָרט געוואָרן אויס מיטן סאָוועטישן יידנטום, אויס יידישקייט און אויס יידיש.

דער גרעסטער אומגליק פון א מענשן, ווי אויך פון א פאָלק און א לאַנד, איז ווען זיינע ערגסטע שונאים שטעלן זיך פאַר פאַר זיינע בעסטע פריינט און זיי שפּילן דערביי די ראָל אזוי קונציק, אז מען לויבט זיי אין טאָג אריין, זיי פאַרבלענדן מיט זייער שפּיל יענעם אזוי די אויגן, אַז יעדער בייז און יעדער שלעכטס דוכט זיך אויס פאַר וואויל און גוט יעדער אומגליק פאַר גליק און די פינצטערניש פאַר ליכטיקייט.

דאָס איז דער גרעסטער פאַרברעך, דער גרעסטער פאַרראַט און די גרעסטע מיעוסקייט, וואָס די ערד טראָגט אויף זיך. בעסטיעס אין געשטאַלט פון מענשן טוען אזוי. די פאַשיסטן האָבן מיט זייער קומען צו דער מאַכט אָנגעזאָגט דער וועלט, ווער זיי זיינען און וואָס זיי ווילן. די קאָמוניסטן זיינען אָבער ערגער נאָך פון די פאַשיסטן, ווייל זיי נאַרן אָפּ, זיי פאַר־שטעלן זיך פאַר אויסלייזער און פרייהייטס־קעמפער אין דער צייט ווען זיי זיינען גאָר באַצווינגער און שקלאַפן־הערשער. אין דעם פאַל האָבן מיר פאַר זיך רויטע, קאָמוניסטישע בעסטיעס, וואָס האָבן פאַרגוואַלטיקט און באַצווינגען מיליאָנען מענשן, הונדערטער פעלקער און דורך זייערע קונציקע דעמאַגאָגישע דריידלעך האָבן זיי געצוואונגען די בירגער זייערע צו האָבן אַן אַנדער „פּסיכאָלאָגיע" און אַן אַנדערע „אידעאָלאָגיע". פונקט דאַן, ווען דאָס לעבן איז געוואָרן פינצטערער, אומגליקלעכער און הונגעריקער איז אַרויס סטאַלין מיט א לאָזונג, וועלכן יעדער בירגער מוז אונטער דער שרעק פון איינגעזעצט ווערן אין תפיסה, יעדער טאָג אויסשרייען : „מיר האָבן א גליקלעך, א פריי, א זאַט און א פריילעך לעבן". און פונקט דאַן, ווען עס האָבן זיך אין סאָוועטן־לאַנד געשאַפן נייע קלאַסן און דער מאַטעריעלער אונטערשייד פון איין מענש צום צווייטן איז ווי פון א לייב־אייגנטימער צו א שקלאַף, פונקט דאַן, איז אַרויס סטאַלין מיט א לאָזונג, וועלכן יעדער בירגער מוז, אונטער דער שרעק פון איינגעזעצט ווערן אין תפיסה, יעדער טאָג אויסשרייען : „מיר זיינען אַריינגעטראָטן אין דער ערשטער פאַזע פון סאָציאַליזם. מיר האָבן שוין אַן אַנקלאַסן־געזעלשאַפט".

מיר דערמאָנט דאָס אין דעם יידן, וואָס האָט זיך צו א צווייטן יידן געווענדעט מיט דער פאָלגנדער פראַגע ; „זאָגט מיר נאַר, חבר, אויב ביי די סאָוועטן איז טאַקע אזוי גוט, פאַר וואָס־זשע איז דאָרט אזוי שלעכט ?...

דרייסיק יאָר האָט די סאָוועטן־מאַכט פאַר דער גאַנצער וועלט אין די אויגן געמאַכט א טעל פון די יידן. מע האָט חרוב געמאַכט יידיש און יידישקייט. און אנשטאָט מע זאָל פּראָטעסטירן, אָננעמען מיטלען קעגן

דער גזרה, האָט מען זיך גאָר געפרייט, מע האָט געטאַנצט אין די גאַסן און מע האָט געזונגען לויב־לידער צו סטאַלינען:

„אין רוסלאַנד בליט אויף אַ ניי, אַ סאָוועטיש יידנטום".

„אַ דאַנק דיר פאָטער סטאַלין פאַר דעם גליק".

דאָס זיינען געווען אילוזיעס, אַזוינע כישוף־אילוזיעס, וואָס יעדער בייז האָט אין די אויגן פון נאַאיווע אינטעליגענטנע יידן אין אויסלאַנד אויסגעזען פאַר גוטס.

ווען היטלער האָט געהאַנגען, געשאָכטן, פאַרגאַזט, דערשטיקט און געשאָסן יידן, — אָט דאָס האָט מען געזען און געפילט. מע האָט געמאַכט אַן אַליאַרם מיט אַ געוואַלד!...

אָבער ווען סטאַלין האָט אויסגעגלעט די יידן, זיי כלומרשט מיט אַלע סאָוועטישע פעלקער אויסגעגליכט און מיט דעם גלעטן און גלייכן האָט ער זיי אַראָפּגעגלעט און אָפּגעווישט פון דער ערד און אַ סוף געמאַכט מיטן יידנטום אין רוסלאַנד, — אָט דאָס האָט מען ניט געוואָלט זען און פילן.

און ווען מען האָט דאָס סוף־כל־סוף דערזען און דערפילט, איז שוין געווען צו שפּעט עפּעס צו ראַטעווען און אונז קען זיין וועט שוין ניט העלפן קיין אַליאַרם מיט קיין געוואַלדן.

2. די אַנטוויקלונג און אַנטלאָפענע פון סאָוועטן־רוסלאַנד

(פאָרזעצונג פון דעם אריינפיר)

איך וויל דאָ דערציילן די געשיכטע פון יידן אין סאָוועטן־רוסלאַנד אָנהויבנדיק פון די ערשטע טעג פון דער גרויסער, אָקטיאַבערישער, באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע ביז צו דעם יאָר 1949, ווען אין סאָוועטן־רוסלאַנד איז יידישקייט אויסגעמעקט געוואָרן דורך דער האַנט פון דעם רויט־בלוטיקן בעסטיע, דעם סטאַליניסטישן באָלשעוויזם, דעם נאַציאָנאַל־קאָמוניזם.

דערציילן אַזאַ געשיכטע, הייסט שרייבן אַ ווערק פון טויזנטער זייטן, און דאָס נעם איך זיך ניט אונטער. עס וועט קומען אַ צייט, עס וועט קומען אַ היסטאָריקער, וואָס וועט דאָס טאָן. איך רייס נאָר אָפּ אייניקע בלעטלעך פון די טויזנטער זייטן, בלעטלעך פון אַ טראַגיש לעבן, פון אַ פאַרפאָלגט און פאַרטיליקט פאָלק. איך פּרואוו אָם קורצסטן, דערציילן די געשיכטע פון יידן אין סאָוועטן־לאַנד.

צי האָט מיך עמיצער באַפולמעכטיקט דאָס צו טאָן ? — ניין !

מיין געפיל פון א יידן, דער געפיל פון א מענש, מיין נשמה און דאָס גליענדיקע יידישע פינטעלע, וואָס ליגט אין דער יידישער נשמה, האָט מיר דיקטירט צו דערציילן, אַלץ וואָס איך ווייס.

איך בין געבוירן געוואָרן, דערצויגן געוואָרן און האָב אַלע מיינע יאָרן געלעבט אין רוסלאַנד. עס זיינען געווען גרויסע שוועריקייטן אין מיין לעבן אָבער די שוועריקייטן זיינען מיר געווען ליב, ווייל עס איז געווען פרייד פון דער דורכגעמאַכטער רעוואָלוציע, פרייד פון א ניי לעבן וואָס קומט, וואָס מאַכט פריי און גלייכבאַרעכטיקט. אָבער די צייט האָט די פרייד אויף אומעט פאַרביטן און די באַגייסטערונג איז אויף אַנטוישונג, פאַרוואַנדלט געוואָרן.

און ווער איז שולדיק אין דער אַנטוישונג פון טויזנטער און טויזנטער אַזוינע ווי איך ? — די סאָוועטן, די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, דער „חבר”, דער „פּאָטער”, און דער „פירער” — סטאַלין !

מיט זייער אוממענשלעך, בעסטיאַלער באַציאונג צו אַלץ, וואָס האָט צו טאָן מיט יידן און יידישקייט, האָבן זיי אונז פון זיך אָפּגעשטויסן. זיי האָבן אונז אויך אַנטוישט און אָפּגעשטויסן מיט זייער באַצווינגונג, אונטערדריקונג, אוסראָטונג און פאַרשקלאַפונג פון מיליאָנען מענשן, וועלכע זיינען דורך געוואַלד־טאַט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין סאָוועטישע בירגער מיט סאָוועטישע פּאַספּאָרטן...

עס איז כמעט ניטאָ אַזאַ גרויסע שטאָט אין רוסלאַנד, וואָס איך זאָל ניט געווען באַזוכן און זיך צוקוקן צום לעבן פון די מענשן דאָרט, אין אַלע קליינע יידישע שטעטלעך פון רוסלאַנד, אוקראַינע און וויים־רוסלאַנד בין איך געווען. איך האָב געזען דערפער, וואָס זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קאָלכאָזן און שולן, סינאַגאָגעס וואָס זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קלובן, פאַבריקן און פערד־שטאַלן. איך האָב געזען יידן, וואָס מען האָט געצוואונגען צו ווערן גויים. איך האָב געזען גויים, וואָס האָבן געהאַסט יידן נאָך ערגער ווי אַמאָל, ביים צאַריזם, כאָטש די גויים האָבן שוין געטראָגן אין זייערע טאַשן מיטגלידס־קאַרטן פון דער קאָמו־ניסטישער פּאַרטיי. איך האָב געזען, ווי מען האָט פאַרמאַכט יידישע שולן און מען האָט יידישע קינדער מיט געוואַלד געצוואונגען צו גיין אין רוסישע, אין אוקראַינישע, אין וויים־רוסישע און אפילו אין אוזבעקישע שולן. איך האָב געזען, ווי מען האָט ניט דערלויבט צו מל'ען קיין יידישע קינדער, און איך האָב געזען, ווי מען האָט געשלעפּט אין תפיסה די בראַסלאַווער חסידים פון דער אומאַנער אַלט־שטאָט. איך האָב געזען, ווי אין דער שטאָט טשערנאָוויץ, האָבן סאָוועטישע באַאַמטע אַרעסטירט איבער די גאַסן יידן, וואָס זיינען ערשט אַרויס פון די געטאָס און לאַגערן און מען האָט זיי געשיקט קיין דאָנבאַס אויף שווערער אַרבעט. איך האָב געזען,

ווי מען האָט אין שטאָט ביאַליסטאָק אַרעסטירט יידן, וואָס זיינען געלאָפן פון די דייטשן און האָבן געוואָלט ביי די סאָוועטן אַ שוץ געפונען. איך האָב געזען, ווי אין דעם יידישן ביאַליסטאָק, האָט מען אַ ווייס־רוסישע צייטונג אַרויסגעגעבן און אַ יידישע צייטונג האָט מען פאַרווערט. און איך האָב אויך געזען, ווי מען האָט אַרעסטירט און ליקווידירט יידישע שרייבער נאָר דערפאַר, וואָס זיי שרייבן יידיש...

און איך, האָב אין דעם „זוניקן" לאַנד, וואו מען בויט „סאָציאַליזם" דערפּליט אַ קעלט. עס האָט אָנגעהויבן פרירן און איך האָב דערפילט, אַז איך ווער פאַרגליווערט. בלוט האָב איך דערזען אויף דער סאָוועטישער זון...

עס זיינען דאָ אַזוינע זומער־פויגל, וואָס זיי דערשפּירן דעם אָנקום פון ווינטער, פון פראָסט און גליווער, פליען זיי אַוועק. זיי זוכן אויס אַ ווארים לאַנד, אַ לאַנד פון פרילינג און זיי באַזעצן זיך דאָרטן. אַזוי האָב איך אויך געטאָן. ווי אַ זומער־פויגל, בין איך אַוועק פון דעם פאַרגליווערטן, פראָסטיקן, „זוניקן" סאָוועטן־לאַנד און איך האָב אָנגעהויבן זוכן אַ פרילינג־לאַנד, וואו דער מענש זאָל קענען זיין אַ מענש און וואו דער ייד זאָל קענען זיין אַ ייד.

איך בין געווען אַן אומרו פון אַ זייגער, וואָס האַלט זיך אין איין באַוועגן און בלייבט ניט שטיין. ווי זאָגט מען דאָס ווערטל: „דאָס הויז ברענט און דער זייגער גייט". רוסלאַנד ברענט, אָבער דער זייגער פון דער צייט גייט, דער אומרו באַוועגט זיך. מענשן מיט אָפענע אויגן, וואָס זען שוין דעם אמת וועגן דעם באָלשעוויסטישן רוסלאַנד, וואָס האָבן זיך אַנטוישט אין סטאַלינס נאַציאָנאַל־קאָמוניסטישער אָרדענונג, אַזוינע מענשן זיינען שוין איצט דאָ זייער פיל.

צווישן רוסלאַנד און דער גאַנצער וועלט הענגט אַן אייזערנער פאָרהאַנג און פאַרשטעלט אַלץ, אַז מען זאָל ניט זען, מען זאָל ניט וויסן, וואָס דאָרט טוט זיך. רוסלאַנד האָט געדאַרפט זיין אַ רעטעניש פאַר דער וועלט. וויסן וועגן דעם אין אויסלאַנד האָט מען געמעגט און געקענט נאָר פון דעם, וואָס די סאָוועטישע אַגיטאַטאָרס, שפּיאָנען, נאָכלויפער און אָנהענגער האָבן דערציילט און אין זייערע צייטונגען און ביכער באַשריבן.

דער אייזערנער פאָרהאַנג איז אַראָפּגעלאָזן און קיינער טאָר ניט וויסן דעם אמת.

האָט זיך אָבער געמאַכט אַזוי, אַז אייניקע סאָוועטישע מענשן, וואָס האָבן אין זייער אויפריכטיקער אַנטוישונג באַשטימט אפילו מקרוב צו זיין זייער לעבן, זיי האָבן אונטערגעגראָבן די ערד פון אונטער דעם אייזערנעם פאָרהאַנג, מען איז אַרויס אין דער פרייער וועלט און מען האָט

אָנגעהויבן צו דערציילן אַלץ, וואָס דאָרט קומט פאָר. דאָס ערשטע, וואָס די אַנטלאָפענע דערציילן, איז ווי אַזוי מען לעבט דאָרטן שווער, ווי אַזוי מען ארבעט ביטער און ווי אַזוי מען וויל דאָרט אינדוסטריעל אַריבעריאָגן אַמעריקע.

איינער אַ ייד, האָט מיר אַ זאָג געטאָן: „די סאָוועטן ווילן אַריבעריאָגן אַמעריקע? — זאָל זיי גאָט העלפן! נאָר ווען דער אַעראָפּלאַן וועט פאַרביי פליען אַמעריקע, וואָלט איך געוואָלט, אַז מען זאָל מיך אַראָפּ־לאָזן, און זיי זאָלן זיך געזונטערהייט פליען און יאָגן ווייטער".

איך וויל איצט ניט ריידן וועגן דער אַלגעמיינער לאַגע אין רוסלאַנד. דאָס דערציילן שוין גענוג די אַנטוישטע, אַנטלאָפענע און אויפריכטיק־ערלעכע רוסן. איך וויל בלויז ריידן, וועגן די יידן אין רוסלאַנד. איך וויל אַ בלעטער טאָן אין מיין זכרון די געשיכטע פון די סאָוועטישע יידן און דערציילן, וואָס זיי זיינען אויסגעשטאַנען אונטער דער באָלשע־וויסטישער הערשאַפט אין די לעצטע דרייסיק יאָר.

3. יידישקייט אין דעם צאַרישן און אין דעם סטאַלינישן רוסלאַנד

א ביסעלע געשיכטע:

וואָס האָבן מיט זיך יידן פאָרגעשטעלט אין רוסלאַנד ערב דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע? ביים צאַריזם איז אַ דאַנק אַ ריי היסטאָרישע סיבות, דאָס יידנטום אין איר גרעסטער מערהייט געווען ניט קיין פּראָדוקטיווע. מיר האָבן געהאַט פינף שיכטן אין דעם רוסישן יידנטום ביז דעם 1917 יאָר: אַ גרויס־בורזשואזיע, וועלכע איז באַשטאַנען פון פיל פאַבריק־אייגנטימער, הייזער־אייגנטימער, באַנקירן און סוחרים פון ערשטער גילדע. — אַ מיטל־קלאַס, וועלכער איז באַשטאַנען פון קליינע הענדלער, קליינע אונטערנעמער און גוט־סיטואירטע בעלי־מלאכות. — אַ כלי־קודש, וועלכע זיינען באַשטאַנען פון רייכע און אָרימע רבנים, שוחטים, חזנים, מלמדים און אַנד. — אַ „לופט"־עלעמענט, וועלכער איז באַשטאַנען פון יידן ליידיק־גייערס, מעקלער, שדכנים, הענדלער מיט סחורות פאַר אַ גראָשן, שנאָרערס, בעטלער און גלאַט אָרימע לייט. — אַ פּראָלעטאַריאַט, וועלכער איז באַשטאַנען פון יידן ארבעטער און אָנגע־שטעלטע, וואָס האָבן געאַרבעט און געדינט ביי יענעם און זיינען שווער עקספּלאָאַטירט געוואָרן, ווי אויך די אָרימע בעלי־מלכות שניידער, שוסטער, קירזשנערס, סטעלמאַכערס, טישלער, קאָוואַליעס און אַנד. מען קען אפשר נאָך אויך צורעכענען אַ זעקסטן שיכט, אַ קליינע טייל יידישע פּויערים, פאַרמעס.

אין דעם 19־טן י. ה., האָט דער יידישער פּראָלעטאַריאַט אָנגעהויבן וואַקסן. עס האָט זיך אָרגאַניזירט אַ יידישע ארבעטער־באַוועגונג, דער

סאָציאַליסטישער „בונד" און אויך ציוניסטישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס. אָבער אין אויגנבליק פון דעם גאַנצן רוסישן יידנטום איז דער פּראָלע־טאַרישער טייל געווען ניט קיין באַדייטנדער.

יידן זיינען געווען בירגער פון דער רוסישער זעלבסטהערשנדיקער אימפּעריע, נאָר מיט אַ באַגרענעצטער רעכט, ווי למשל: ניט אַלע יידן האָבן געמענט וואוינען אין פּעטערבורג, מאָסקווע, קיעוו און אין דערפער. ניט אַלע יידן האָבן זיך געמענט פאַרנעמען מיט אייניקע פּראָפעסיעס און אָנהאַלטן רעגירונגס־שטעלעס. עס איז אויך געווען אַ באַגרענעצונגס־נאָרמע פאַר יידישע קינדער ביים שטודירן אין די רוסישע גימנאַזיעס און אוניווערזיטעטן. דאָס רוסישע, אוקראַינישע און ווייס־רוסישע פאָלק איז געווען כמעט דורכאויס אַנטיסעמיטיש געשטימט. די שוואַרץ־מייאישע, כוליגאַנישע אָרגאַניזאַציעס, האָבן פון צייט צו צייט אַנגערייצט די דער־שלאָגענע און עקספּלואַטירטע, אָפּגעשטאַנענע אַרבעטער און פּויערים צו מאַכן פּאָגראָמען אויף יידן. די גרעסטע פון די פּאָגראָמען זיינען פאָרגעקומען אין קישענעוו און אין אָדעס אין דעם יאָר 1905, ווי אויך איבער גאַנץ אוקראַינע און אין אַ טייל ווייס־רוסלאַנד אין די יאָרן 1918—1921.

בעת דער דייטשער אָקופּאַציע אין די יאָרן 1941־1944, האָבן די רוסן און איבערהויפּט די אוקראַינער און ווייס־רוסן אַרויסגעוויזן נאָך מער מערדערישקייט און האָס צו יידן ווי אַמאָל ביים צאַרישן רוסלאַנד.

אין אַלגעמיין און עקאָנאָמיש (ניט רעכענענדיק די רעגירונגס־באַגרעניצונגען און דעם פאָלקס־אַנטיסעמיטיזם), האָט זיך די יידן אין דעם פאַר סאָוועטישן רוסלאַנד געלעבט ניט שלעכט. יידן אין די שטעט־לעך, האָבן אפילו פיל בעסער געלעבט ווי זייערע גוישע שכנים.

און וואָס אַנבאַלאַנגט יידישקייט, יידישע שולן, יידישע רעליגיע, יידישע קולטור איז דאָס געווען פריי. גראָד אין דעם צאַרישן רוסלאַנד זיינען געווען די גרעסטע און די וועלט־באַרימסטע ישיבות, תלמיד־תורות, יידישע אינסטיטוציעס און א. וו. גראָד אין דעם צאַרישן רוסלאַנד האָט זיך אַנטוויקלט אַ יידישע און העברעאישע פּרעסע און אַ ליטעראַטור. אין דעם, פאַר יידן־פאַרבאָטענעם פּעטערבורג, אין דער שטאָט, וואו אַליין דער קייסער האָט געוווינט, זיינען דערשינען יידישע און העברעאישע צייטונגען, זשורנאַלן און ביכער. אין אַזוינע שטעט, ווי אָדעס, קיעוו, זשיטאָמיר, מינסק, וואָלאָזשין, אומאַן און ניקאָלייעוו, האָט רעליגיעזע און וועלטלעכע יידישקייט געשיינט און געלויכטן איבער דער גאַנצער וועלט. עס האָבן זיך אַנטוויקלט און עס זיינען אויסגעוואַקסן אַזוינע ריזן פון דער יידישער און העברעאישער ליטעראַטור און קונסט, פּאָליטיק און וויסנשאַפט ווי מענדעלע מוכר ספרים, יצחק־לייבוש פּרץ, שלום עליכם,

ח. נ. ביאַליק, אחד־העם, ד"ר חיים ווייצמאַן, אברהם גאָלדפאַדן, אסתר־רחל קאַמינסקי, ש. אַנ־סקי, יעקב גאָרדין, ש. דובנאָוו און אַנד.

און אַז מען נעמט אין באַטראַכט, אַז די אַ גרויסע יידישקייט, וואָס יידן האָבן אין רוסלאַנד געשאַפן אין משך פון הונדערטער יאָרן, איז ביי דער סאָוועטן־מאַכט, דורך אַ דעקרעט, אָדער אָן אַ דעקרעט, פאַרניכטעט געוואָרן, ווען מיר נעמען אין באַטראַכט, אַז גראָד ביי דער סאָוועטן־מאַכט וואו עס האָט געדוכט, די נאַציאָנאַלע קולטורן בליען, איז די יידישע קולטור פאַרשוואונדן געוואָרן און קיין איין גרויסע יידישע פערזענלעכקייט איז אויף דעם סאָוועטישן באָדן ניט אויסגעוואַקסן, — אַ דאַן זעען מיר ווי טיף דאָס יידישקייט האָט אין רוסלאַנד געזונקן.

עס פרעגט זיך : פאַר וואָס האָבן יידן גוט און אפילו מיט באַגייס־טערונג אויפגענומען די רעוואָלוציע און די סאָוועטן־מאַכט ? — דאָס איז דערפאַר, ווייל די יידן האָבן געהאָפט, אַז מיט דער רעוואָלוציע וועלן זיי באַקומען גלייכבאַרעכטיקונג, מענשלעכע באַהאַנדלונגען און פרייהייט פון וואָרט און פון באַוועגונג. יידן, יידישע אַרבעטער און יידישע אינטעליגענטן און אפילו קינדער פון דער יידישער בורזשואַזיע זיינען אַוועק אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי, אין די רייען פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי זיך שלאָגן פאַר דער דעראָבערונג פון דער אַ רעכט.

אָבער, אוי, ווייי... אַנשטאָט דעם, וואָס יידן האָבן ביים קייסער ניט געטאָרט וואוינען אין פּעטערבורג, אין מאָסקווע און אין קיעוו און האָבן דאָך דאָרטן געוואוינט און האָבן זיך געקענט פריי באַוועגן איבער דער גאַנצער אימפּעריע, האָבן די סאָוועטן באַשרענקט די באַוועגונג פון מענשן אַזוי, אַז קיינער קען ניט פאָרן פריי פון איין שטאָט אין אַ צווייטער אָן אַ קאָמאַנדיראָווקע, אָן אַ וויזע פון דער סאָוועטן־מאַכט.

אין די צייטן פון דעם בלוטיקן צאַריזם, האָט מען קענען קייסער קיין שלעכטס ניט געטאָרט ריידן און דאָך האָט אונזער גרויסער שלום עליכם פראַנק און פריי געשריבן זיינע אומשטערבלעכע ווערק און צווישן זיי דעם „מבל", „פורעשקעוויטש" און „גימנאַזיע", וואו ער האָט אָפן קריטיקירט די צאַרישע זעלבסט־הערשונג מיט אירע פאַזשאָנדקעס. ביאַליק האָט געשריבן „די שחיטה שטאָט", וואו ער האָט פאַרדאַמט דעם קישענעווער פאָגראָם און ער האָט אָפן אָנגעדייט, אַז דאָס איז געווען אַן אויפטו פון דער צאַרישער רעגירונג. מאַקסים גאָרקי האָט געשריבן „די מוטער", אַ ווערק, וואָס איז געוואָרן דער סימבאָל פון רעוואָלוציאָנערישקייט אין דער ליטעראַטור און דער אורטייל קעגן דער זעלבסטהערשונג. — אַנשטאָט דעם האָבן די סאָוועטן פאַרשפאַרט מיליאָנען מענשן אין די תפיסות און טויזנטער האָט מען געשאָסן נאָר דערפאַר, וואָס מען האָט „עפּעס געזאָגט". שרייבער האָט מען פאַרניכטעט פאַר געפונען אין זייערע ווערק

„עפּעס אַ זינד". יידישע שרייבער האָט מען ליקווידירט און דערשטיקט ממש בלויז נאָר דערפאַר, וואָס זיי האָבן מיט יידישע אותיות געשריבן...

צום יאָר 1920, ווען עס האָט זיך פאַרענדיקט די בירגער־קריג אין רוסלאַנד און עס האָט זיך שוין איינגעשטעלט אַ באַשטענדיקע סאָוועטישע אָרדענונג, מיט אַ „נייעם" סאָוועטישן לעבנס־שטייגער, האָט דער ייד, וועלכער האָט געקעמפט אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי און דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, צוזאַמען מיט דעם אַל־טעגלעכן פשוטן יידן דער־פילט דעם טעם און דעם זין פון דער „נייער" אָרדענונג, פון דעם נייעם „סאָוועטישן" לעבן.

עס איז געשטאַנען די פראַגע פון שאַפן אַ נייעם טיפּ מענטש, אַ סאָוועטישן מענטש, ביי וועלכן מען האָט באַדאַרפט ענדערן די פּסיכיק, די פאָרשטעלונג וועגן וועלט און לעבן, וועגן גאָט און מענטש, וועגן גוטס און שלעכטס און וועגן טאָג און נאַכט.

די קאָמוניסטישע פאַרטיי האָט צעשיקט אירע „גייסטיקע" אַגענטן, אירע אַגיטאַטאָרס און פּראָפּאַגאַנדיסטן אין אַלע שטעט און דערפער. עס האָבן זיך פאַרמאַכט קלויסטערס, מעטשעטן און סינאַגאָגעס און עס האָבן זיך געעפנט קלובן, פאַרטיי־קאָמיטעטן און „כאַטאַ־טשיטאַלניעס".

עס איז זייער גרינג געווען צו באַאַרבעטן יעדער פאָלק באַזונדער, וואָס וואוינט אויף איין טעריטאָריע, רעדט אויף איין שפּראַך, האָט ניט קיין איינגעוואָרצלטע קולטור און איז אין גרעסטן טייל ניט גראַמאַטנע, זיי קענען ניט לייענען און ניט שרייבן.

נאָר מיט די יידן איז דאָס צוגעגאַנגען אַ ביסעלע שווערלעך. יידן וואוינען ניט אויף איין טעריטאָריע, יידן ריידן אויף פיל שפּראַכן, יידן האָבן אַן איינגעוואָרצלטע קולטור, מיט רעליגיעזע און וועלטלעכע טראַדיציעס. אַלע יידן זיינען גראַמאָטנע, זיי קענען לייענען און שרייבן און אַ קאָמוניס־טישער אַגיטאַטאָר, וואָס האָט ערשט פאַרענדיקט אַ זעקס־וואָכנדיקן פאַרטיי־קורס, קען ניט באַווירקן מיט זיין „טאַלאַנט" די יידישע באַפעל־קערונג. — אָט, דאַן, טאַקע, זיינען צו הילף דער קאָמוניסטישער פאַרטיי און דער סאָוועטישער רעגירונג געבילדעט געוואָרן די „יידישע סעקציעס" (יעווו־סעקציעס) ביי דער פאַרטיי און רעגירונג, מיט יידן־קאָמוניסטן אין דער שפּיץ, און די אויפגאַבע פון די „ייד־סעקציעס" איז געווען צו העלפן דער סאָוועטן־מאַכט, שאַפן און אויסבילדן אַ נייעם, אַ געהאָרכ־זאַמען, סאָוועטישן יידנטום, אַזאַ יידנטום, וואָס זאָל זיך מיטן וועלט־יידנטום מער גאָרניט אָנקערן, אַ פּראָדוקטיוו יידנטום, אָן דעגות פרנסה, מיט אַ פאַר־זיכערטער עקאָנאָמיק און אַפילו מיט אַ קולטורעלער אווטאָנאָמיע...

צווישן די פירער פון די „יידישע סעקציעס", זיינען געווען זייער פיל ערלעכע מענטשן, מיט אַ נאַאיוון און באַגייסטערטן גלויבן אין דער

צוועקמעסיקייט און נוצלעכקייט פון זייער ממש הייליקער ארבעט. צווישן דעם פּראָסטן, מאַסן־יידנטום, צווישן די אַרבעטער, אָנגעשטעלטע און אַפילו צווישן די פאַרמעגלעכע יידן, האָבן זיך אויך געפונען טויזנטער און טויזנטער, וואָס זיינען באַגייסטערט געוואָרן פון דעם נייעם אויפטו, פון דער נייער אַנטוויקלטער יידישער קולטור. מען איז אַזוי געווען פאַר־כאַפּט מיטן שאַפן דאָס נייע אין דעם יידישן לעבנס־שטייגער, אַז מען האָט פאַרזען און מען האָט קיין אַכט ניט געלייגט, וואָס מען פאַרמאַכט יידישע אינסטיטוציעס, ישיבות, תלמוד־תורות, חדרים, סינאַגאָגעס און אַז מען פאַרבאָט די ווערק פון ביאַליק׳ן, שלום אש׳ן, ווי אויך אייניקע ווערק פון מענדעלע׳ן און פּרץ׳ן. מען האָט אָנגעהויבן אַרעסטירן און פאַרפייניקן יידישע סאָציאַליסטישע און ציוניסטישע פירער און כלל־טוער. מען האָט אָנגעהויבן פאַרשוואַרצן, פאַרוויסטן און פאַרניכטן דאָס גאַנצע אַלטע, קלוגע יידיש־רעליגיעזע און יידיש־וועלטלעכע, וואָס מען האָט הונדערטער יאָרן געשאַפן און געזאַמלט.

מען איז געווען פאַרפירט און פאַרבלענדעט פון דעם ניי־געשאַפענעם סאָוועטישן אין יידיש.

עס איז אַנטשטאַנען אַ סאָוועטישע יידישקייט, מיט אַ סאָוועטישן יידן, מיט אַ סאָוועטישער יידישער קולטור, מיט אַ סאָוועטישער עקאָנאָמיק און מיט אַ סאָוועטישן לעבנס־שטייגער.

מיר וועלן זיך גענויער אָפּשטעלן אויף די דריי אַטריבוטן פון דעם סאָוועטישן יידנטום: קולטור, עקאָנאָמיק, לעבענס־שטייגער.

4. די סאָוועטישע „יידישע" קולטור

ק ו ל ט ו ר. די אַנטוויקלונג פון דער סאָוועטיש־יידישער קולטור האָט זיך אָנגעהויבן נאָך ביים לעבן פון לענינ׳ען. צום סוף פון זיין לעבן, ווען סטאַלין איז צו דער מאַכט קגעקומען, האָט די סאָוועטיש־יידישע קולטור שוין געבליט און האָט געהאַט פיל גרויסע דערגרייכונגען. מיט זיין קומען צו דער מאַכט, האָט סטאַלין, כדי זיך צו פאַרפעסטיקן און קריגן אַנער־קענונג און ליבע ביי די פיל־צענדליקער סאָוועטישע פעלקער, אַרויסגע־וואָרפן דעם „דיאַלעקטישן", פיל־צוזאָגנדיקן און גאָרניט־געבנדיקן, מח־צעטומלטדיקן לאָזונג: „נאַציאָנאַל לויט דער פאָרם, סאָציאַליסטיש לויטן אינהאַלט". די „ייד־סעקן", ווי אויך קאָמוניסטן פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן האָבן מיט גרויס פרייד אונטערגעכאַפּט דעם לאָזונג. צו זיי האָט אַפּעלירט די „נאַציאָנאַלע פאָרם" און זיי האָבן ניט געזען, אַז זיי וועלן שפּעטער דער־טרונקען ווערן אין דעם בלוט פון „סאָציאַליסטישן אינהאַלט".

לאָמיר נאָר גוט א טראַכט טאָן, וואָס עס הייסט „נאַציאָנאַל לויט דער פאָרם און סאָציאַליסטיש לויטן אינהאַלט". צי איז דען מעגלעך א וועלכע עס איז נאַציאָנאַלע קולטור נאָר לויט איר פאָרם און לויט איר אינהאַלט זאָל זי זיין אנדערש ?...

וואָס איז „פאָרם" און וואָס איז „אינהאַלט" ?

יידישע שפּראַך, יידישע פּרעסע און יידישע ליטעראַטור, אויב אין דעם איז קיין יידישער אינהאַלט ניטאָ, איז דאָס טאַקע ניט מער ווי בלויז „פאָרם", וועלכע גייט ביסלעכווייז אריבער צו אַן אנדערן אינהאַלט און וועלכע האָט שוין מערער מיט יידישקייט ניט צו טאָן.

א גאָלדענער בעכער איז א פאָרם. גוטער וויין, וואָס מען גיסט אריין אין דעם בעכער איז דער אינהאַלט. אויף אַזאַ בעכער זאָגט מען: א „וויין־בעכער". אָבער ווען מען גיסט אריין סם אין דעם בעכער, ווערט ער שוין א „סם־־בעכער".

אזוי איז אויך געשען מיט דער יידישער קולטור, שפּראַך און ליטע־ראַטור אין דעם סאָוועטן־לאַנד. פון אָנהויב אָן, אין די יאָרן 1922־1935, זיינען אין רוסלאַנד, אוקראַינע און אין ווייס־רוסלאַנד געווען צענדליקער יידישע מיטעלע און הויכע שולן, הונדערטער אָנפאַנג־שולן, עטלעכע צענדליק יידישע צייטונגען, זשורנאַלן און טעאַטערס אין מאָסקווע, קיעוו, כאַרקאָוו, אָדעס, בערדיטשעוו, וויניצע, פּאָלטאַווע, כערסאָן, ניקאָלייעוו, מינסק, וויטעבסק, האָמעל און א. וו. צוויי יידישע מעדיצין־טעכניקומס, דריי יידישע אַגראָנאָם־שולן, עטלעכע טעאַטער־שולן, עטלעכע פּעדאַגאָגישע יידישע אינסטיטוטן, יידישע קינדער־היימען און קינדער־גערטנער. דריי יידישע נאַציאָנאַלע ראַיאָנען אין אוקראַינע, איין יידישער נאַציאָנאַלער ראַיאָן אין קרים, איין ראַיאָן אין בירא־בידזשאַן און הונדער־טער יידישע שטעטלדיקע און דאָרפישע סאָוועטן. אכט יידישע פאַרלאַגן, וואָס האָבן ארויסגעלאָזט יידישע ביכער פון הונדערטער יידישע שרייבער אין צענדליקער טויזנטער טיראַזשן.

וואוהין־זשע איז דאָס אַלץ אהינגעקומען?... פאַרוואָס איז דאָס אַלץ פאַרשוואונדן, פאַר וואָס איז דאָס אין רוסלאַנד שוין מער ניטאָ, גלייך ווי עס וואָלט גאָרניט געווען ?...

וואָס איז געשען ?

און דאָ שטעלט זיך א פראַגע: — איז דאָס דען געווען יידישקייט?...

„נאַציאָנאַל לויט דער פאָרם, סאָציאַליסטיש לויטן אינהאַלט". — פאַר וואָס האָט זיך ביים גוי, ביים יידישן שכן, יאָ, עפּעס פון דעם באַקו־מען און ביים יידן ניט ?... פאַר וואָס האָט די „נאַציאָנאַלע פאָרם" מיט דעם „סאָציאַליסטישן אינהאַלט" ביים גוי געקלאַפּט און ביים יידן ניט ? ! ווייל דער גוי האָט זיין לאַנד, ער לעבט אויף א באַשטימטער

טעריטאָריע און זיין געשיכטע און די טראַדיציעס, וואָס דרינגען אַרויס פון זיין געשיכטע זיינען ניט קיין טיף־כּחמהדיקע, נאָר גבורהשע און אויבערפלעכלעכע. מיט דעם לאָזונג פון אַ נאַציאָנאַלער פאָרם, וואָס פאַרמאָגט אין זיך אַ סאָציאַליסטישן אינהאַלט האָט סטאַלין ביים גוי ניט צוגערויבט די דערמאָנונג פון אַ „יאָהאַן גראָזני", אַ „פּיאָטר וועליקי" און אַ „באָגדאַן כמעלניצקי". פאַרקערט, דווקא לויבנדיק און שעצנדיק די „גרויסע" פּערזענלעכקייטן, האָט סטאַלין באַוויזן, אַז עס קען צו דער „נאַציאָנאַלער פאָרם" אויך צוקומען אַ „סאָציאַליסטישער אינהאַלט". און ווען עס האָט זיך געטראָפן, אַז מען האָט די רייד פון די אַגיטאַטאָרס שווער פאַרשטאַנען, איז געקומען צו הילף די בייטש, דער שטעקן, די תפיסה און די אויסראָטונג. די גויים האָבן שוין געמוזט פאַרשטיין, וואָס סטאַלין וויל.

מיט די יידן איז דאָס אַנדערש געווען.

די ישיבות, תלמוד־תורות און חדרים, ווי אויך אַנדערע יידישע אינסטיטוציעס אין וועלכע אַ ייד. אַ יידיש קינד וואָלט עפּעס געקענט זיך דערוויסן וועגן זיין אָפּשטאַם, וועגן יידישקייט און יידישער געשיכטע, דאָס אַלץ האָט מען נאָך ביים אָנפאַנג פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָ־לוציע צוטריבן און ליקווידירט. אין די נייע, סאָוועטישע, „ייד־סעקציע"־שולן, האָט מען אין דער יידישער שפּראַך געלערנט אַלץ דאָס, וואָס מען לערנט אין דער רוסישער, אוקראַינישער, ווייס־רוסישער און אפילו גרו־זינישער שול. אָבער קיין יידישע געשיכטע האָט מען ניט געלערנט, פון קיין יידישע העלדן און יידישער טראַדיציע האָט מען ניט געטאָרט וויסן, פון קיין יידישע ימים־טובים האָט מען ניט געטאָרט דערמאָנען. יידישע קינדער האָבן געמוזט וויסן די געשיכטע פון דעם רוסישן און אוקראַינישן פאָלק, מיט זייערע רעוואָלוציאָנערן און קיסרים, נאָר וויסן די געשיכטע פון יידישן פאָלק מיט זיינע רעוואָלוציאָנערן און קיסרים, האָט קיין יידיש קינד ניט געטאָרט. ווען אַ יידישער לערער וואָלט געוואָגט דערציילן פאַר זיינע שילער די געשיכטע פון די יידן, וואָלט מען אים פאַרשיקט אויף אייביק אין תפיסה אָדער מען וואָלט אים געשאָסן.

איז ווי באַלד אַזוי, וואָס־זשע פאַר אַ יידישקייט איז דאָס געווען ?

— אַהאַ, „נאַציאָנאַלע פאָרם" ד. ה. שפּראַך. מען האָט גערעדט מאַמע־לשון.

אַ שטיק צייט האָט מען אָפן דיסקוטירט די פראַגע וועגן לאַטייניזירן, דעם יידישן שריפט און צום סוף איז באַשטימט געוואָרן ניט־ לאַטייניזירן, נאָר רעפאָרמירן דעם יידישן שריפט, אַרויסוואַרפן די לאַנגע „ן", די „ם", די „ת" און אויסלייגן די העברעאישע ווערטער, וועלכע מען קען ניט אַרויסוואַרפן פון דער שפּראַך, אַזוי ווי מען רעדט זיי אַרויס. אין רעזול־

טאַט פון דעם האָט זיך באַקומען דאָס נייע סאָוועטישע יידיש, אַ יידיש, וואָס, אַז צו אַ סאָוועטישן יידן, וואָס האָט פאַרענדיקט אַ סאָוועטיש־יידישע שול איז אַריין אין די הענט אַ יידישער בריוו, אָדער אַ יידישער בוך פון אויסלאַנד, האָט ער דאָס ניט געקענט לייענען. און אַז אַ יידישער בריוו אָדער אַ בוך פון סאָוועטן־רוסלאַנד איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון אַן אויסלענדישן יידן, האָט דאָס דער אויסלענדישער ייד ניט געקענט לייענען.

עס האָט זיך באַקומען פונקט אַזוי ווי דער „חבר" סטאַלין האָט אין זיין באַרימטן אַנטי־יידישן אַרטיקל „מאַרקסיזם און די נאַציאָנאַלע פראַגע", נאָך אין יאָר 1911 פאָראויסגעזאָגט: „יידן זיינען ניט קיין נאַציע". אַ ייד פון רוסלאַנד מיט אַ ייד פון פוילן און אַ ייד פון אַמעריקע קענען ניט און וועלן זיך ניט פאַרשטיין. יידן העלפן זיך ניט אין פרידן־צייט און ניט אין קריג־צייט. „יידן זיינען אַ פאַפּירענע נאַציע". ניין ניט פאַר דער אָ פאַפּירענע נאַציע, וועלן מיר אונזער קולטור־פּראָגראַם שאַפן".

וויפל בייזקייט און פאַרבאַהאַלטענער האַס צו יידן עס פילט זיך אין די ווערטער, און דאָס וואָס סטאַלין האָט איינמאָל אין זיין לעבן געזאָגט, ווערט פאַרהייליקט ביי זיינע טעמפּע נאָכפאָלגער, עס ווערט אַ דאָגמע און מען פירט דאָס דורך אין לעבן.

פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט שוין אַלץ געטאָן, אַז יידן זאָלן טאַקע אין סאָוועט־רוסלאַנד קיין נאַציע ניט זיין, אַז יידן זאָלן קיין קולטור־פּראָגראַם ניט האָבן.

די „יידישע סעקציעס", וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן ביי לענינס לעבן, האָט סטאַלין, ווען ער האָט זיך אין זיין מאַכט פאַרפעסטיקט, צעטריבן. צום יאָר 1932, איז שוין אפילו קיין סימן פון די „יידישע סעקציעס" אין סאָוועט־רוסלאַנד ניט געווען. אַלע פירער פון די „ייד־סעקציעס" האָט מען אַרעסטירט, אייניקע פון זיי האָט מען געשאָסן, אייניקע זיינען אין די תפיסות געשטאָרבן און אייניקע האָט מען פאַרשיקט אַזוי ווייט, אין אַזעלכע פאַרוואָרפענע ערטער, אַז זי אַליין די סאָוועטן־רעגירונג ווייסט שוין ניט דעם גורל פון זיי.

מיט איין מאָל אַלץ פאַרניכטן איז נאָך אוממעגלעך געווען. מען האָט נאָך געלאָזט אויף אַ צייט „לעבן" אַ ביסל „יידישקייט".

וועגן דער ווייטערדיקער סאָוועטיש־יידישער קולטור־אַנטוויקלונג און דער שפּעטערדיקער סאָוועטיש־יידישער קולטור־פאַרניכטונג, וועל איך ריידן, נאָך דעם, ווען איך וועל באַהאַנדלען די איבעריקע צוויי אַטריבוטן פון דעם סאָוועטישן יידנטום: עקאָנאָמיק און לעבנס־שטייגער.

5. די סאָוועטישע „יידישע" עקאָנאָמיק

עקאָנאָמיק. קיין סאָוועטישע יידישע עקאָנאָמיק אַזוי ווי אַ „סאָוועטישע יידישע קולטור" איז ניט געווען. עס איז פאַרשוואונדן געוואָרן דאָס יידישע שטעטל מיט די ספּעציפיש יידישע פּרנסות. דער ייד האָט זיך שוין מער ניט אומגעדרייט איבערן שטעטל מיט צעפלאַטערטע פּאָלעס פון זיין שמוציקער קאַפּאָטע, און ער האָט שוין מער ניט געטאַפּט אין וואָגן, ביים גוי „שאָ מאַיעש, שאָ פּראַדאַיעש" ?. דער ייד איז געוואָרן אַ פּראָדוקטיווער סאָוועטישער בירגער, אַן ארבעטער פון אַ פאַבריק, אַן אָנגעשטעלטער פון אַן אַנשטאַלט, און דאָס איז געווען דאָס פּאָזיטיווע.

דער לאָזונג: „ווער עס אַרבעט ניט, דער עסט ניט" איז גילטיק געוואָרן פאַרן ייד, פּונקט אַזוי ווי פאַרן גוי. יידן זיינען אריין אין דער שווערער אינדוסטריע, אין אַזוינע צווייגן, וואו מען האָט גאָר קיינמאָל קיין יידן ניט געזען, אין דער שטאָל און קוילן־אינדוסטריע, אויפן טראַנספּאָרט און אין די אויל־ראַפינירן. יידן זיינען געוואָרן ערד־אַרבעטער, פּויערים, פאַרמער, קאָלכאָזניקעס.

יאָ, דאָס איז אַלץ געווען ביים סאַמע אָנהויב.

ביסלעכווייז האָבן די יידן זיך צוגעפּאַסט צו די נייע עקנאָמישע באַדינגונגען. דאָס ווערטל אין רוסלאַנד, צווישן די יידן איז אַזאַ: „אַ פיש זוכט וואָס טיפער און אַ ייד זוכט וואָס גרינגער".

(דערביי וויל איך דאָ מאַכן אַ באַמערקונג, אַז אין סאָוועטן־רוסלאַנד איז כמעט אומעגלעך זיך צו דערציילן אַנעקדאָטן, זאָגן גלייך־ווערטלעך און טרייבן קאַטאָוויסן. מען מוז זיך שטענדיק היטן מיט אַ וואָרט, אַז מען זאָל זיך ניט איבעררייידן, פאַר אַ ניט־פּאַסיקן אַנעקדאָט קען מען אריינפאַלן אין תפיסה און אפילו ליקווידירט ווערן, דאָך האָט דאָס פאָלק געשאַפן פאַרשיידענע גלייך־ווערטלעך, וואָס חויזקן אָפּ פון דער סאָוועטישער אָרדענונג).

יידן האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין סאָוועטישע האַנדלס־אַנשטאַלטן, יידן האָבן אָנגעהויבן צו פאַרנעמען הויכע אמטן אין מיליטער, אין דער פּראָקוראַטור, אין די וויסנשאַפטס־אַקאַדעמיעס, אין דער פּרעסע, ליטעראַטור און טעאַטער.

עס האָבן זיך געפאָדערט קולטורעלע, געבילדעטע מענשן אויף פאַרשיידענע פאַרטייאישע און רעגירונגס־פּאָסטנס. דאָס גרויס־רוסישע, דאָס אוקראַאינישע, דאָס ווייס־רוסישע און די איבעריקע פעלקער זיינען אין דער מערהייט געווען ניט־קולטורעל און אפילו ניט־גראַמאַטנע. מען האָט זיי אַזוינע הויכע פּאָסטנס דערווייל נאָך ניט געקענט אָנפאַרטרויען.

מען האָט געמוזט צו וואַרטן ביז עס וועט זיך אויסבילדן אַן אייגענע, אַ סאָוועטישע אינטעליגענץ. דערפאַר טאַקע האָט מען אין די פריערדיקע יאָרן געזען אין דער רעגירונג און אין דער פּאַרטיי, אויף די העכסטע פּאָסטנס יונגע און עלטערע יידן, יידן וואָס האָבן אין דער מערהייט געשטאַמט פון אַנדערע סאָציאַליסטישע און ציוניסטישע פּאַרטייען און זיינען געוואָרן אידעאָלאָגיש מיטגעריסן און איינשטימיק מיט דער קאָמוניסטישער לערע. אויף די הויכע פּאָסטנס זיינען אויך געווען יידן, וואָס האָבן גאָר קיינמאָל מיט קיין פּאַרטיי און מיט קיין רעגירונג ניט געהאַט צו טאָן און האָבן זיך קיינמאָל אין קיין פּאָליטיק ניט געמישט, נאָר די צייט האָט זיי אויף די „פּאָליטישע כוואַליעס" אויפגעהויבן.

יידן זיינען אויך געוואָרן דירעקטאָרן און אינזשיניערן פון פאַבריקן און ניי־בויאונגען. פון דאָקטוירים איז שוין אָפּגערעדט. זייער פיל יידן זיינען דאָקטוירים אין רוסלאַנד.

און עס האָט זיך באַקומען נאָך טשיקאַווער, ווי ביים צאַריזם. ביי דער סאָוועטן־מאַכט איז שוין כמעט קיין יידישער פּראָלעטאַריאַט ניט געוואָרן. בלויז „יידן־קאָמיסאַרן".

עקאָנאָמיק, דאָס איז אַ באַזיס פאַר יעדער איינער קולטור־אַנטוויקלונג. ביי אַזאַ סאָוועטישער עקאָנאָמיק, וואו דער ייד איז געוואָרן אַ „פירער" פון אַלע סאָוועטישע פעלקער, האָט ער שוין מער ווי קיין ייד עקזיסטירן ניט געקענט. ער האָט געמוזט זיין אַ „חבר", אַ סאָוועטישער בירגער. קיין יידישע קולטור האָט שוין גאָרניט געהאַט צו טאָן מיט אַזאַ אַ יידן. נאָר ביים פאַרביטערטן, פאַרשקלאַפטן און האַלב־הונגעריקן סאָוועטישן מענטש פון די רוסישע, אוקראַינישע, ווייס־רוסישע און אַנדערע פעלקער, פאַר זיי איז דער ייד נאָך מערער געהאַסט געוואָרן, ווי אַ ייד אַ קאָמיסאַר, אַן אָנלייגער און אַן עקספּלואַטאַטאָר. און עס האָט אין זיי שטיל געוואַקסן די פיינטשאַפט צום „זשיד־קאָמיסאַר", און אין די היטלערס הערשאַפטס־יאָרן אין די אָקופּירטע סאָוועטישע שטעט און שטעטלעך, האָבן די סאָוועטישע בירגער פון רוסישן, אוקראַינישן, ווייס־רוסישן, פּוילישן און ליטווישן אָפּשטאַם געהאָלפן די דייטשן צו פאַרניכטן די סאָוועטישע יידן.

די באַוועג־קראַפט און די טרייב־קראַפט פון סאָוועטן־רוסלאַנד איז די „בויאונג פון סאָציאַליזם". דאָס דרוקט זיך אויס אין שאַפן מערער געווער, מערער האַרמאַטן, טאַנקן, באָמבעס און סנאַריאַדן פאַר אַ מלחמה צו וועלכער די סאָוועטן־מאַכט גרייט זיך זינט זי איז צו דער מאַכט געקומען. עס איז פאַראַן אַ גוטער תירוץ: מען איז אַרומגערינגלט פון אַ קאַפּיטאַליסטישער וועלט. מען מוז די קאַפּיטאַליסטישע אַרומרינגלונג פאַרניכטן, אויב מען וויל אַליין ניט פאַרניכטעט ווערן.

אלע אַרבעטן זיינען פּלאַנירט. דאָס לאַנד האָט אַ „פינף־יאָר־פּלאַן". און יעדער אונטערנעמונג האָט אַ רעגירונגס־פּלאַן. ווען מען לייענט די באַריכטן אין די צייטונגען זעט מען, אַז לויטן פּלאַן האָט אַ געוויסע סאָוועטישע פאַבריק אַרויסגעלאָזט אַזויפיל און אַזויפיל מיליאָן פּאָר שיך, מיט אַ געוואַלדיקן פּראָצענט מערער ווי די זעלבע פאַבריק האָט אַ מאָל אין צאַרישן רוסלאַנד פּראָדוצירט. און עס איז גאָרניט פאַרשטענדלעך פאַר וואָס די סאָוועטישע בירגער שלאָגן זיך אַזוי צו באַקומען אַ פּאָר שיך, פאַר וואָס מען שטייט גאַנצע נעכט אין גרויסע רייען כדי צו קויפן אַ פּאָר שיך, קיינער ווייסט גאָר ניט דעם סוד, פאַר וואָס אין דעם אויס־געפילטן פאַבריק־פּלאַן זיינען פאַראַן זייער פיל שיך און אַז עס קומט צום קויפן זיינען די פּאָליצעס ליידיק !... אַזוי איז אויך מיט קליידונג און מיט עסן־וואַרג. לויטן פּלאַן איז אַלץ דאָ, נאָך מערער ווי אַ מאָל, ביים צאַריזם. אָבער קיינער זעט דאָס ניט און דאָס פאָלק הונגערט. דאָס פאָלק איז אָפּגעריסן.

פּלאַנירונג איז געוואָרן אַ כאַלאַס אין רוסלאַנד.

ניט נאָר די רעגירונג און די פאַבריקן האָבן פּלענער. אויך פּראָפע־סאָרן, דאָקטוירים, אַרטיסטן, לערער, שרייבער און פּראָקוראָרן האָבן פּלענער. די שול מוז וויסן וויפל טויזנטער קינדער זי וועט אין אַ יאָר אויסלערנען לייענען און שרייבן. אַ דאָקטאָר דאַרף וויסן וויפל קראַנקע ער וועט אויסהיילן אַ יאָר. אַ שרייבער דאַרף וויסן וויפל ראָמאַנען, צייטונגס־אַרטיקלען און פּיעסן, מיט לויב־געזאַנגען צו סטאַלינען ער וועט אָנשרייבן אַ יאָר. אַ פּראָקוראָר דאַרף וויסן וויפל אומשולדיקע מענשן ער דאַרף אַלס „פיינט פון סאָוועטן־מאַכט" איינזעצן אין תפיסה אַ יאָר.

דער ייד, ווי דער ניט־ייד מוז זיין אַ געטרייער סאָוועטישער בירגער, ער מוז זיין אַ סטאַכאַנאָוויעץ, ער מוז „פריי"־געצוואונגען נעמען אַ רעגי־רונגס־אָבליגאַציע און צאָלן פון זיין געהאַלט דאָס גאַנצע לעבן, ער מוז זיין אַ קאָמוניסט, אַ פּאַרטייאישער אָדער אַן אומפּאַרטייאישער באָלשעוויק, ער מוז זיך צוקוקן צו זיין „חבר" און טאָמער עפּעס דוכט זיך אים, מוז ער גיין אין נ. ק. וו. ד. מסרן, ער מוז קומען פּינקטלעך אָן אַ פאַר־שפּעטיקונג צו דער אַרבעט, און ער מוז שטענדיק זאָגן, אַז אים לעבט זיך גוט און ער איז גליקלעך.

די עקאָנאָמיק אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אַ קריפּל פון איר פּאָליטיק. דער ייד פון סאָוועטן־רוסלאַנד איז אַ קריפּל פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיק.

6. דער סאָוועטישער „יידישער" לעבנס־שטייגער

לעבנס־שטייגער. דער סאָוועטישער, נייער לעבנס־שטייגער איז אַ זאַך, וואָס אַז מען וויל איז ער דאָ און אַז מען וויל איז ער ניטאָ. איך וויל דאָ אונטערשטרייכן, אַז דעם אַזוי־גערופענעם נייעם, סאָוועטישן לעבנס־שטייגער האָבן איינגעפירט גראָד די יידן. ביים רוס, ביים טאַטער, ביים אוזבעק און איבערהויפּט ביים אוקראַינער האָט זיך כמעט קיין נייער לעבנס־שטייגער ניט אָנגעהויבן. אַלע האָבן זיי שטענדיק אָפּגעהיט זייערע „הייליקע" רעליגיעזע יום־טובים און טראַדיציעס. די נייע, די סאָוועטישע יום־טובים האָבן זיי נאָר אויסגענוצט, ווי אַ ביי־זאַך, ניט ערנסט און ווי אַ געלעגנהייט אַן איבעריק מאָל ניט אַרויסגיין צו דער אַרבעט, זיך אָנשיכורן און זיך צעשלאָגן איינס מיטן אַנדערן.

וואָס איז אַזוינס אַ „קאָלכאָז" ? מען קען מיינען, אַז דאָס זיינען נייע בילדונגען, נייע הייזער מיט אַ נייעם לעבנס־שטייגער פון ניי־געבוירענע מענטשן. — עס הויבט זיך ניט אָן ! דער „קאָלכאָז" איז דאָס זעלבע אַלטע דאָרף ווי צוריק מיט דרייסיק און מיט פערציק יאָר. עס איז שמוציק און אומריין. מען שיכורט און מען שלאָגט זיך. אין אַ פרייער צייט לויזט איין גויע אַ צווייטער דעם קאָפּ. קיין טואַלעט־צימערן, קיין בעטה־רומס זיינען נאָך אַלץ ניטאָ און מען גייט אונטער די כאַטעס...

ווינטער יאָר 1944, בין איך געווען אין אַ דאָרף ניט ווייט פון מאָסקווע, אין דאָראָבינאַ, און דאָרט האָט מען אויף ביי נאַכט אַריינגענומען די קו, די חזרים און די שאָף אין שטוב אַריין, כדי זיי זאָלן ניט פאַרפרוירן ווערן, ווייל קיין שטאַלן האָט ניט דער פויער. וואָס־זשע איז יאָ דאָ אין „קאָלכאָז" ? אַן אַלגעמיינע באַאַרבעטונג פון דער ערד, וועלכע קער שוין ניט מער צו יעדער פויער באַזונדער, נאָר צו אַלע פויערים צוזאַמען, צו דער רעגירונג. פאַר זיין שווערער אַרבעט אויף דער „קאָל־כאָזנער", רעגירונגס־ערד באַקומט דער פויער, דער „קאָלכאָזניק" אַזוי ווייניק, אַז ער הונגערט ממש. אין אַן אַנדער קאָלכאָז האָב איך געזען, ווי פויערטעם טרוקענען די שאָלעכץ פון קאַרטאָפל, מאַכן פון דעם קראַכ־מאַל, מישן דאָס מיט אַ ביסל שוואַרצן מעל און באַקן פון דעם פלעצלעך אָנשטאָט, ברויט.

יאָ, פאַראַן אַ דערגרייכונג. אין איינציקע דערפער ברענען שוין אין די פויערישע הייזער עלעקטרישע לעמפּלעך, וועלכע מען רופט דאָרט אַן אַ שום גרונט „אילטשס (לענינס) לעמפּלעך". און אַז איינער פון טויזנטער קאָלכאָזניקעס קויפט זיך אַ בייסיקל, אָדער אַ פּאַטעפאָן, שרייבט מען שוין וועגן אים אין די סאָוועטישע צייטונגען : „ער לעבט רייך און גליקלעך".

חוץ דעם איז אַלץ ווי געווען. אין די שוואַרצע פאַרויכערטע, הילצערנע שטובער פון די „קאַצאַפּעס" און אין די ווייסע פריש־אָפּגעקאַלכטע ליימענע כאַטעס פון די „כאָכאָלן" הענגען נאָך אַלץ צענדליקער גרויסע און קליינע איקאָנעס. און סיי די אַלטע און סיי די יונגע „קאָלכאָזניקעס" און צווישן זיי די „פּאַרטייצים" און די „קאָמסאָמאָלצעס", זיי אַלע בוקן זיך צו די איקאָנעס פּונקט אַזוי ווי אין די „גוטע" אַלטע צייטן, פאַרן צאַר אימפּעראַטאָר ניקאָלאַי דער צווייטער.

וואו־זשע איז דער נייער שטייגער?

— ביים ייִדן!...

דער ייִד, ער איז אַ קולטורעלער, אַ פּאָרגעשריטענער, אַ פּראָגרע־סיווער מענש. דער ייִד האָט שוין לאַנג די מזוזות פון די טיר־שיידן אַראָפּגעריסן און זיי אַרויסגעוואָרפן אין מיסט־קאַסטן. דער ייִד האָט פון זיין טלית אַ קליידעלע פאַר זיין טעכטערל געמאַכט, אָדער אַ פּאָר הייזעלעך פאַר זיין זונעלע אויפגענייט. טויזנטער ייִדן האָבן אויס מורא, געמוזט געבן „אונטערשריפטן" אויף די „פּעטיציעס" פון דעם אַרבע־טנדיקן, סאָוועטישן „יידנטום" צו דער רעגירונג, אַז מען זאָל אין אָדעס פאַרמאַכן די בראָדער שול, אַז אין אומאַן זאָל מען די בראַסלאַווער קלויז אין אַ פאַבריק פאַרוואַנדלען און די בראָסלאַווער חסידים זאָל מען, ווי אויסלענדישע שפּיאָנען אין די תפיסות איינזעצן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן איינרעדעניש, אַז דער ייִד און דער גוי זיינען גלייך. סטאַלינס לאָזונג: „פעלקער־פריינטשאַפט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד", האָט צו דעם געטריבן. ייִדן האָבן זיך „געברידערט" און באַפריינדעט מיט רוסן, אוקראַינער און ווייס־רוסן, מיט אוזבעקן, גרוזינער און טאָטערן. ייִדישע מיידלעך האָבן באַקומען גוישע מענער. ייִדישע יונג־לעך האָבן זיך גענומען שיקסעס פאַר פרויען. און פאַר וואָס ניט? אַז אַלע זיינען דאָך גלייך, אַלע זיינען מענשן, אַלע זיינען חברים!... מען אַרבעט צוזאַמען, מען לעבט צוזאַמען, מען עסט צוזאַמען און מען שלאָפט צוזאַמען!...

קיין ראַדיאָ טאָר קיינער ניט האָבן. עס איז נאָר דאָ אַ שוואַרץ טעלערל אויף דער וואַנט, אַזאַ „הויך־ר־עדער" און מען מוז און מען קאָן הערן נאָר דאָס, וואָס די רעגירונגס ראַדיאָ־סטאַנציעס און דער „קאָמינ־טערן" טראַנסלירן. הערט מען טאַקע פון גאַנץ פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט, ווי מען האַלט אין איין לויבן: „אַ דאַנק דעם חבר סטאַלין פאַר דעם גליקלעכן לעבן". עס קומט פאַרטאָג, לויפט מען שנעל צו דער אַרבעט, מיט שרעק אין דער נשמה, אַז מען זאָל ניט פאַרשפּעטיקן, ניט מאַכן קיין „פּראָגול" און מען זאָל ניט אַריינפאַלן דערפאַר אין תפיסה.

און קיין קינדער מל'עט מען ניט. פון קיין יידישע יום־טובים ווייסט מען ניט. קיין יידיש רעדט מען ניט. און ווען צום ביסל פּוסטנע, ניט־מילכדיקן און ניט־פלייִשיקן באָרשט מיט הירזשענער קאַשע, קומט נאָך צו אַ גלעזעלע רוסישער ביטערער בראָנפן, האָט מען שוין טאַקע „אַ גליקלעך און אַ פרייִלעך לעבן". — אָט דאָס איז דער נייער שטייגער, דער סאָוועטישער לעבנס־שטייגער.

ווער־זשע האָט זיך דען געקענט ריכטן, אַז עס וועט קומען אַ טאָג, היטלער־דייטשלאַנד וועט באַפאַלן סטאַלין־רוסלאַנד, מען וועט אָקופּירן איין סאָוועטישע שטאָט נאָך דער אַנדערער, מען וועט פאַרניכטן די יידן און די „ברידער און פריינט", די רוסן און די אוקראַינער, די ווייס־רוסן און די ליטווינער, די „חברים" לויט דער פּאַרטיי, לויט דער סטאַכאַנאָווישער אַרבעט און לויט דער סאָוועטישער פעלקער־פריינטשאַפט, זיי וועלן העלפן די דייטשן צו שיסן, הענגען און פאַראַגאַזן מיליאָנען יידן ?...

ווער האָט זיך דען געקענט ריכטן, אַז די שיקסע, די ווייב פון יידישן בחור, וועט גיין צום דייטשישן קאָמענדאַנט און אים אויסגעבן איר מאַן, דעם יידן, פאַראַטן איר מאַן מיט וועלכן זי האָט געטיילט דאָס בעט און געגעסן מיט אים איין זאַלץ און ברויט ?...

גאָר, גאָר אַ קליינע צאָל גויים האָבן געהאָלפן יידן. אַלע אוקראַאינער גויים אין די אָקופּירטע סאָוועטישע טעריטאָריעס האָבן געהאָלפן די דייטשן פאַרניכטן סאָוועטישע יידן.

אוי, פאַלש איז געווען סטאַלינס „טעאָריע" וועגן דער ברידערונג און פריינטשאַפט פון די סאָוועטישע פעלקער. עטלעכע און צוואַנציק יאָר האָט די סאָוועטישע שול, די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, דער קאָמסאָמאָל, די ראַדיאָ, דער טעאַטער, די מאָווי, די ציַיטונג, און דער בוך אַגיטירט און אַריינגעשלאָגן אין קאָפּ, יעדער איינעם, די קאָמוניסטישע „תורה", און עס האָט גאָר ניט געהאָלפן. מיט איין בלאָז פון דייטשלאַנד, טאַקע ממש אין איין טאָג איז די גאַנצע סאָוועטיש־קאָמוניסטישע לערע אַרויס פון די גוישע קעפּ. נאָך נעכטן איז דער סאָוועטישער רוס, אוקראַאינער, ווייס־רוס, פּאָלאַק און ליטווינער געווען דעם יידנס חבר, און היינט, ווי נאָר דער דייטש איז געקומען האָט ער זיין חבר, דעם יידן אָנגעהויבן שלאָגן ?...

וואָס באַווייזט דאָס און וואָס לערנט דאָס ?

עס באַווייזט און עס לערנט, אַז אין תוך פון דער באָלשעוויסטיש־קאָמוניסטישער לערע, איז קיין ליבשאַפט ניט געווען. עס איז ניטאָ אין דער קאָמוניסטישער „לערע" דאָס דערהויבענע, וואָס זאָל בעסער מאַכן דעם מענטש. פאַרקערט, אין דער קאָמוניסטישער לערע איז גראָד פאַראַן אַלץ דאָס, וואָס רייצט אויף דעם מענטשן, מאַכט אים פאַרהאַרטעוועט

און שלעכט און וועבט אויס פון אים דעם לעצטן טראָפּן ליבע פון מענש צו מענש.

לעצטנס האָט זיך דער לעבנס־שטייגער אין סאָוועט־רוסלאַנד אַראָפּ־געקויקלט צו אַ הארט, וואָס דערמאָנט אונז אין דעם דייטשישן „נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם". יאָ, איצט הערשט אין רוסלאַנד אַזאַ אָרדענונג, וועלכע מען קאָן באַצייכענען מיטן נייעם טערמין, מיטן נאָמען „נאַציאָנאַל־קאָמוניזם".

7. די דריי קאַטעגאָריעס יידן אין סאָוועטן־רוסלאַנד

אפשר האָט פּאָרט יידישקייט געהאַט מער שאַנסן פאַר עקזיסטענץ אין דער סאָוועטישער ווירקלעכקייט ?... — ניין !...

מיר וועלן אָננעמען, אַז לעצטנס האָבן אין סאָוועטן־רוסלאַנד זיך אויסגעבילדעט דריי קאַטעגאריעס יידן : אסימילירטע, נאַציאָנאַלע, רעליגיעזע.

און איצט לאָמיר זען ווי אַזוי האָבן זיך די דריי קאַטעגאָריעס יידן געקענט אויסלעבן אין די סאָוועטישע באַדינגונגען, אין באַדינגונגען פון אַ נאַציאָנאַל־קאָמוניסטישער הערשאַפט, וואָס נאָר דער דייטשישער פאַשיזם האָט זיך אין דעם פאַל, אויף אַנדערע אופנים און מיט אַנדערע מיטלען געקענט פאַרגלייכן מיט דער סאָוועטישער סיסטעם.

אסימילירטע יידן. וואָס האָט מיט זיך די קאַטעגאָריע פאַרגעשטעלט ? דאָס זיינען מערסטן טייל יידן, וואָס נאָר אין זייערע פּאַספּאָרטן האָבן זיי זיך נאָך באַצייכנט אַלס יידן, אָבער אויסער דעם האָבן זיי מיט יידישקייט גאָר ניט צו טאָן. זיי ווילן פון דעם ניט וויסן, זיי פאַרטראַכטן זיך ניט וועגן דעם און זיי פילן אין זייער געמיט און אין זייער טאָג־טעגלעכן לעבן ניט ווי יידן, נאָר ווי סאָוועטישע בירגער. אייניקע פון זיי האָבן עפּעס יאָ אַמאָל געהאַט צו טאָן מיט יידישקייט, האָבן אפילו אַמאָל געלערנט אין אַ חדר און האָבן באַלאַנגט צו יידישע סאָציאַליסטישע אָדער ציוניס־טישע אָרגאַניזאַציעס, מיט דער צייט זיינען זיי אַזוי אריינגעוואַקסן געוואָרן אין דעם סאָוועטישן לעבן, אַז זיי האָבן זיך פאַרגעסן ווער זיי זיינען. אַנדערע — האָבן פון קינדווייז אָן באַקומען אַן אסימילירטע דערציאונג. צום מערסטן זיינען דאָס געבוירענע אין דער באָלשעוויסטישער עפּאָכע. אַבציק פּראָצענט פון אַזוינע יידישע יינגלעך זיינען ניט קיין געמלטע און ריידן אויסשליסלעך רוסיש. פון קיין שום יידישער געשיכטע און טראַדיציע וויסן זיי ניט. זיי ווייסן נאָר, אַז זייערע עלטערן זיינען יידן און דערפאַר שרייבן זיי זיך אויך אין זייערע פּאַספּאָרטן אַלס יידן, כאָטש די נעמען

זיינען בא זיי באמת רוסישע, אָדער אוקראַיִנישע. אָט די אַסימילירטע ייִדן האָבן גאָרניט צו טאָן מיטן ייִדנטום פון דער וועלט. זיי פילן זיך ניט פאַר קיין ייִדן און זיי ווילן דאָס ניט פילן.

אמת, אין די אָקופּירטע שטעט פון רוסלאַנד, האָבן די דייטשן מיט זייערע סלאַווישע און מאַהאַמעדאַנישע אונטערהעלפער, געגעבן צו פאַר־שטיין די אַסימילירטע ייִדן, אַז מען האַלט זיי אויך פאַר ייִדן און מען טוט מיט זיי דאָס זעלבע וואָס מען טוט מיט אַלע ייִדן... אייניקע פון זיי האָבן זיך געראַטעוועט און זיינען לעבן געבליבן, האָבן זיך דערנענטערט צום וועלט־ייִדנטום, עס זיינען ביי זיי געבוירן געוואָרן נאַציאָנאַלע געפילן, זיי האָבן אין זיך דערפילט דעם ייִדישן שטאָלץ.

איצט גיט זיי מאָסקווע און קיעוו, מינסק און טאַשקענט אויך צו פילן און פאַרשטיין, אַז זיי זיינען טאַקע ייִדן. מען זעצט זיי אַראָפּ פון זייערע אמטן, מען וואַרפט זיי אַרויס פון זייערע אַרבעטן און מען אַרעסטירט זיי, ווי „בורזשואַזע נאַציאָנאַליסטן". ווי „ציוניסטישע קאָסמאָפּאָליטן" און ווי „בעזפּאַספּאָרטנע בראָדיאַגעס".

די מערסטע ייִדישע אַסימילאַטאָרן האָט אַפילו ניט געהאָלפן דאָס זיין אין די געטאָס און אין די לאַגערן, די אויסראָטונג פון ייִדנטום און אַפילו ניט דער פאַראַט פון זייערע רוסישע און אוקראַיִנישע חברים. זיי זיינען געבליבן די זעלבע, ווי פאַר היטלערס אָנפאַל אויף רוסלאַנד און פאַר דער נייער סאָוועטישער פּאָליטיק פון אויסראָטן דאָס סאָוועטישע ייִדנטום.

די קאַטעגאָריע „סאָוועטישע אַסימילירטע ייִדן" זיינען פאַר אונז אַן אָפּגעבראָכענער צווייג, וועלכער דאַרט און פוילט און וועט זיך שוין מיט ייִדישקייט ניט באַהעפטן.

נאַציאָנאַלע ייִדן. ווען איך וויל באַצייכענען אייניקע סאָוועטישע ייִדן אין דער קאַטעגאָריע „נאַציאָנאַלע ייִדן" איז דאָס אפשר ניט ריכטיק, ווייל אַזוינס קען ניט זיין אין דעם סאָוועטישן „גן־עדן"־לאַנד. פאַר נאַציאָנאַל־געשטימטע ייִדן איז דאָרט דאָ נאָר איין פּלאַץ די תפיסה. ווען איך זאָג „נאַציאָנאַלע ייִדן" מיין איך, ייִדן וואָס רעדן נאָך ייִדיש, וואָס אינטערעסירן זיך נאָך צו לייענען אין מאַמע־לשון א צייטונג, א ביכל און א זשורנאַל און וואָס וואָלטן געוואָלט וויסן, ווען מען דער־לויבט זיי דאָס, ווי אַזוי עס לעבן ייִדן אין דער וועלט און ווי אַזוי עס ווערן געלייזט ייִדישע פּראָבלעמען. און אַז מיר טראַכטן זיך אַריין אין דער געשיכטע פון דעם סאָוועטישן ייִדנטום זען מיר, אַז די קאַטעגאָריע „נאַציאָנאַלער ייִד" ווערט פון טאָג צו טאָג אַלץ ווייניקער אין רוסלאַנד.

קיין ייִדישע שולן זיינען דאָך זינט 1937־טן יאָר אין רוסלאַנד מער ניטאָ, הייסט דאָס, אַז עס איז ניטאָ קיין צוואַוואוקס פון קיין ייִדיש־ריידנדיקן, ייִדיש־לייענעדיקן און ייִדיש־אינטערעסירנדיקע מענטשן. א שטיק צייט

האָט אין רוסלאַנד פאַר אַרום צוויי מיליאָן יידן, עקזיסטירט נאָר איין יידיש־בוכשטאַביקע צייטונג „אייניקייט", וועלכע פלעג דערשיינען צוויי מאָל אַ וואָך און כמעט קיין יידישע פּראָבלעמען ניט באַלויכטן. איצט האָט מען שוין די איינע צייטונג אויך ליקווידירט. קיין יידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס עקזיסטירן שוין אין רוסלאַנד ניט פון די ערשטע טעג אָן ווי די באָלשעוויקעס האָבן די מאַכט אין זייערע הענט גענומען. די „יידישע סעקציעס", וועלכע מען האָט געשאַפן ביי דער פּאַרטיי און רעגירונג אַנשטאָט די אַלטע, צעטריבענע יידישע אינסטיטוציע, האָט מען אין די 30־ער יאָרן ליקווידירט און די פירער פון די „ייד־סעקציעס" האָט מען צושאָסן. די נייע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט פאַרביטן די „יידישע סעקציעס", דעם „געזערד" האָט מען אין 1937 ליקווידירט און די פירער צעשאָסן. די איינציקע „יידישע" אינסטיטוציע, וועלכע מען האָט אין איילעניש, אין ברען פון דער דייטשיש־סאָוועטישער קריג אויפגעשטעלט, האָט עקזיסטירט נאָר אין איין שטאָט, אין מאָסקווע ביזן יאָר 1949 און האָט זיך גערופן „יידישער אַנטי־פאַשיסטישער קאָמיטעט". אָט דעם „קאָמיטעט" האָט מען אויך ליקווידירט און די פירער אַרעסטירט.

איז דער אַזוי־גערופענער, סאָוועטישער ייד פון דער „נאַציאָנאַלער קאַטעגאָריע" געבליבן איינזאַם, ער האָט ניט קיין אָנשפּאַר, ער האָט ניט ביי וועמען צו נעמען און וועמען צו געבן. דאָס איינציקע, וואָס איז אים נאָך פאַרבליבן אומבאַוירלעך, איז זיין יידיש לשון. מיט וועמען־זשע זאָל ער ריידן יידיש ?... סיידן מיט זיך אַליין !...

אַזוי אַרום זען מיר, אַז די קאַטעגאָריע „נאַציאָנאַלער ייד" האָט אויך ניט קיין שאַנסן פאַר ווייטערדיקער עקזיסטענץ אין סאָוועטן־רוסלאַנד.

רעליגיעזע יידן. דאָס איז די איינציקע קאַטעגאָריע יידן, וואָס לעבט נאָך צו ביסלעך, קיין גאַראַנטיעס און שאַנסן צו בלייבן לעבן אויף ווייטער האָבן זיי אויך ניט. ערשטנס, באַשטייען די רעליגיעזע יידן אויסשליסלעך פון אַלטע לייט. צווייטנס, ווען עס זאָלן זיך אַפילו געפינען יונגעלייט, וואָס וואָלטן געוואָלט ווערן פרום און רעליגיעז, וואָלט זיך פון דעם גאָרניט באַקומען, ווייל די חדרים, די ישיבות און די תלמוד־תורות האָט מען נאָך אין די ערשטע יאָרן פון דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש ליקווידירט און צוטריבן, די יידישע סאָוועטישע שולן האָט מען שפּעטער אויך ליקווי־דירט און צוטריבן. אַזוי אַרום קען ניט די סאָוועטישע יידישע יוגנט, ניט ריידן קיין יידיש, ניט לייענען און שרייבן יידיש, און אוודאי און אוודאי קען די סאָוועטישע יוגנט ניט דאַווענען. פון אַזאַ יוגנט קען מען שוין ניט דערוואַרטן, אַז זי זאָל פּלוצים ווערן רעליגיעז.

„קלוגע" מענשן ווען דאָך זאָגן, אַז אין סאָוועטן־רוסלאַנד האָט לעצטנס די רעליגיע באַקומען מערער פרייהייט. דאָס איז טאַקע אמת,

אָבער פאַר די יידן האָט דאָס גאָרניט באַדייט. די מלחמה. מיט היטלערן האָט באַוויזן, אַז דאָס פאָלק פון די סאָוועטן, איבערהויפּט די רוסן, די אוקראַינער און די טאָטערן וועלן ניט גיין שטאַרבן פאַרן לאָזונג: „די גאַנצע מאַכט די סאָוועטן" און אויך ניט פאַרן לאָזונג: „זאָל לעבן דער פירער סטאַלין". מען האָט די מאַסן געדאַרפט געבן עפּעס העכערס, טיפערס און פילבאַרעס, אַז זיי זאָלן זיך וועלן גיין שלאָגן פאַר זייער פאָטערלאַנד. דערפאַר טאַקע האָט מען אויסגעגראָבן פון די אַלטע פאַרוואָרפענע קברים די היסטאָרישע און לעגענדאַרישע קייסאָרים, גענעראַלן, פירשטן און פאָלקן־פירער, וועלכע זיינען טיף אין דער רוסישער און אין דער אוקראַי־נישער נשמה פאַרהייליקט געוואָרן. אויך די רעליגיע, די פּראַוואָסלאַווגע קירכע, דער קלויסטער איז אין דער פּראָסטער רוסישער נשמה איינגעבאַקן, האָט מען געמוזט צו וואַרפן, צו טשעפּן די רעליגיע. אונטער די פּאָנען פון יאָהאַן גראָזני, פּיאָטר וועליקי, אַלעקסאַנדער ניעווסקי, סואוואָראָוו, קוטוזאָוו, באָגדאַן כמעלניצקי און דעם הייליקן רוסישן קלויסטער זיינען רוסן ווי אויך די איבעריקע סאָוועטישע פעלקער, וועלכע האָבן איינגעזאַפּט אין זיך דעם רוסישן גייסט, געגאַנגען אויף טויט, „זא רוס סוויאַטואיו" אַרויסטרייבן די דייטשן פון זייער לאַנד. און אַז מען האָט שוין דערלויבט דעם רוסישן קלויסטער צו עקזיסטירן, האָט מען שוין געמוזט דערלויבן אויך דעם טאָטערישן מעטשעט און דער יידישער סינאַגאָגע.

ביים רוס איז דאָס בוקן זיך, דאָס „דאַווענען" פאַר די איקאָנעס אין שטוב און אין קלויסטער געווען אַ געוויינלעכע זאַך, ווייל ער האָט גאָר קיינמאָל ניט אויפגעהערט זיך בוקן, זיך „מאָליען" און „תפילה" טאָן פאַר זיינע איקאָנעס. זיין קורצע „מאָליטווע", זיין דאַווענען און זיין זאָגן „אָטשי נאַש" זיינען ווערטער פון זיין געריעדטער רוסיש־סלאַווישער שפּראַך.

מיטן יידן איז פאָרגעקומען אַ פאַרקערטע דערשיינונג. מיט דעם צוריק עפענען אין סאָוועטן־רוסלאַנד אַ פּאָר סינאַגאָגעס האָט זיך באַקומען אַזוי, ווי מען וואָלט געגומען אַ זיבן־חדשימדיק קינד, מען וואָלט דאָס אָפּגע־ריסן פון דער מוטערס ברוסט און אין זיבעצן יאָר אַרום וואָלט מען דעם אויסגעוואַקסענעם און אָפּגעפרעמדן בחור צוריק צוגעפירט צו דער מוטערס ברוסט און מען וואָלט אים געזאָגט : „נאַ, זויג". פאַרשטייט זיך, אַז דער בחור וואָלט אַ פאַרשעמטער אַנטלאָפן און ער וואָלט גאָר מער אויף זיין אייגענער מוטער קוקן ניט געוואָלט. אָט אַזוי איז אויך געשען מיט דעם צוריקעפענען, די מיט יאָרן פריער פאַרמאַכטע יידישע סינאַגאָגעס. מען האָט דאָך די יידישע קינדער פריער פאַרווערט דאַווענען, זיי ווייסן אפילו ניט ווי מען נעמט אַ סידור אין די הענט אריין. גיט אַ סאָוועטישן יונגערמאַן אַ סידור וועט ער אים איבערקערן מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט

די פיס אַרויף און ער וועט אין אים אַריינקוקן פאַרשעמט און צוטראָגן, צוטומלט.

ניין, עס זיינען גאָר ניטאָ קיין שאַנסן, אַז רעליגיעזע יידישקייט זאָל אָנהאַלטן אין סאָוועטן־רוסלאַנד.

מען טאָר ניט פאַרגעסן דעם סאָוועטישן פרינציפ, „ווער עס אַרבעט ניט, דער עסט ניט“. כאָטש, אויף דער רעכטן אמת, עסן אין רוסלאַנד בעסער די, וואָס אַרבעטן ניט, אָדער אַרבעטן ווייניקער. די וואָס אַרבעטן אין אַ פאַבריק און פאַרלאָזן זיך נאָר אויף די אָרעמע סאָוועטישע פאַרדינסטן פעכן גוט אויפן פיסק. אויב מען גנבעט ניט אונטער, מען דרייט ניט אויס קיין „קאָמאַנדיראָווקעס“, אַז מען זאָל קענען פאָרן פון שטאָט צו שטאָט און ספעקולירן אויפן שוואַרצן מאַרק איז טאַקע גוט ביטער. נאָר דער פרינציפ איז דאָרטן פאָרט אַזאַ, אַז יעדער איינער אָנהויבנדיק פון 14 יאָר ביז אין דער טיפער עלטער מוז אַרבעטן, מוז האָבן אַ דאָקומענט, אַז ער איז מיט עפעס באַשעפטיקט, אַלאַ ניט ווערט ער, ווי אַ „היימלאָזער און ניט־אַרבעטנדיקער עלעמענט“ פאַרשיקט קיין סיביר אויף צוואַנגס אַרבעט. איין אויסנאַם איז דאָ אויף ניט צו אַרבעטן : קראַנקייט. און קראַנק זיין אין סאָוועטן־רוסלאַנד הייסט גאָר, אויב מען ווערט פאַרוואונדעט, עס פאַסירט אַן עקסידענט אָדער מען באַקומט פיבער און היץ. האָסטו ניט קיין היץ מעגסטו שרייען פון היינט ביז מאָרגן, אַז דו ביסט קראַנק, וועט דיר קיינער ניט גלויבן. עס טוט דיר וויי דער קאָפ, עס דרייען דיר די הענט און די פיס, עס גרימט דיר אין בויך, ניין, דער דאָקטאָר וועט דיר קיין „בוליטין“, קיין באַפרייאונגס־דאָקומענט ניט געבן, וועסט אַ קראַנקער מוזן גיין צו דער אַרבעט. אָבער ווען דו צוברעכסט זיך אַ האַנט, אַ פוס, דעם קאָפ, ווען עס פאַסירט אַן עקסידענט, ביסט אַזוי פאַרוואונדעט, אַז דאָס בלוט רינט און מען זעט שוין ווירקלעך, אַז וועסט מוזן ליגן צו בעט, ווי אויך, אַז דו האָסט היץ, אָ נאָר דאַן קענסטו בלייבן אין דער היים און ניט גיין צו דער אַרבעט.

הייסט עס, אַז דער רעליגיעזער ייד מוז גיין אַרבעטן, גלייך מיט אַלעמען. נו, דאָס איז דאַכט זיך גאָרניט אַזוי שלעכט. וואָס־זשע טוט ער שבת ? שבת מוז ער אויך אַרבעטן, ווייל די סאָוועטן־מאַכט וועט דאָך ניט מאַכן קיין רו־טאָג פאַר יידן באַזונדער און פאַר ניט־יידן בזונדער, אפילו ווען עס וואָלט דערביי קיין שוועריקייטן ניט געווען. דער רו־טאָג, איז אין סאָוועטן־רוסלאַנד נאָר זונטאָג, דער קריסטלעכער זונטאָג פונקט אַזוי ווי ביים צאַר און אין קאַפיטאַליסטישן אויסלאַנד. רו־טעג זיינען אויך די באָלשעוויסטיש־רעוואָלוציאָנערע דאַטומס־פייערונגען און קלויסטער־חאָגעס, וועלכע מען האָט פאַרוואַנדלט אין פאָלקס־יום־טובים. אָבער דער יידישער פסח, שבועות, ראש השנה, יום כפור איז ביי דער סאָוועטן־מאַכט פאַר

קיין יום־טובים ניט פארעכנט, פריוואט קען דער רעליגיעזער ייד פון זיי האלטן, נאר צו דער ארבעט מוז ער ארויסקומען. א יידיש־רעליגיעזער יום־טוב איז ניט קיין וויכטיקע סיבה פאר ניט קומען צו דער ארבעט. די סאָוועטישע געזעצן אויף דעם געביט זיינען שוין איצט דער גאנצער וועלט באקאנט. פאר פארשפעטיקן צו דער ארבעט דאס ערשטע מאָל צאָלט מען 25 פראָצענט שטראָף. פאר ניט קומען צו דער ארבעט זעצט מען איין אין תפיסה. מיר דוכט זיך, אז נאר איין מאָל האָט די סאָוועטן־מאכט דער־לויבט פרומע יידן ראש השנה און יום כפור ניט קומען צו דער ארבעט.

נו, ווי באלד א פרומער ייד איז מחלל שבת און מחלל יום־טוב איז וואָס פאר א טעם האָט שוין זיין רעליגיעזע יידישקייט ?... און וואָס פאר א ווערט האָט די רעליגיעזע יידישקייט ווען עס וואקסט ניט אונטער קיין נייער רעליגיעזער דור, ווייל די רעגירונג דערלויבט ניט קיין חדרים, קיין תלמוד־תורות קיין ישיבות ? ניין אויך פאר דער רעליגיעזער קאטעגאָריע יידן איז אין סאָוועטן־רוסלאנד קיין שאנסן פאר עקזיסטענץ ניטאָ.

8. די „גאָלדענע" צייט פון דער סאָוועטישער יידישער קולטור־בליאונג און די בירא־בידזשאנער טראגי־קאָמעדיע

איך גיי איבער צו דער וויטערדיקער אנטוויקלונג פון דער סאָוועטיש־יידישער קולטור, וועלכע איז לעצטנס אנטגילטיק ליקווידירט און פאר־ניכטעט געוואָרן. יעדערן אינטערעסירט, פאר וואָס דאָס איז געשען, פאר וואָס מען האָט אינגאנצן פארניכטעט דאָס לעצטע ביסל סאָוועטישע יידישקייט ? אויף דעם קען מען ענטפערן מיט איין אויסשעפנדיקן ארגומענט : דאָס איז געשען, נאר דערפאר ווייל די טאָטאלע אויסראָטונגס־פאָליטיק פון דער סאָוועטישער רעגירונג און איר קאָמוניסטישער פארטיי, איז א רעזולטאט פון דער סטאליניסטישער נאציאָנאלער פאָליטיק, וועלכע האָט אין איר עמבריאָן אנטי־יידישע טענדענצן.

דער נאציאָנאלער קאָמוניזם, דער גרויס־רוסישער שאָוויניזם האָט ווי א בייזער הונט פון דער קייט זיך אָפגעריסן און צום אלעם ערשטן זיך איינגעביסן מיט זיינע גיפטיקע ציין אין דעם סאָוועטישן יידנטום, אין יידישקייט און אין יידיש.

אין די ערטער, וואו עס האָבן געלעבט קאָמפאקטע יידישע מאסן איז די סאָוועטישע רעגירונג, די קאָמוניסטישע פארטיי, די סאָוועטישע יוסטיץ און דער סאָוועטישער בילדונגס־מיניסטעריום געווען פארטראָטן דורך די

„יידישע סעקציעס״, וועלכע האָבן אויפגעטאָן אַ קאָלאָסאַלע ארבעט אין זין פון סאָוועטיש־יידישער קולטור־אַנטוויקלונג.
אין אָדעסער געגנט האָט מען אין דער צייט פון 1924 ביז 1934 געקענט טרעפן צענדליקער יידישע דערפער מיט יידישע פויערים, וועלכע האָבן געפירט אַ פּראָדוקטיוון לעבנס־שטייגער. אויך די הונדערטער יידישע שטעטלעך אין אוקראַינע און אין ווייס־רוסלאַנד האָבן געביטן זייער אויסזען. יידן האָבן געאַרבעט אין אַרטעלן אַלס שניידער, שוסטער, סטעלמאַכס און קאָוואַלס. יידן האָבן אונטער די שטעטלעך באַקומען ערד און האָבן געגרינדעט שטעטלדיקע „קאָלכאָזן״. אין די הונדערטער יידישע שטעט און דערפער איז יידיש און נאָר יידיש געוואָרן די הויפּט און גרונד שפּראַך. אין די גרויסע שטעט, אין קיעוו, אָדעס, בערדיטשעוו, כאַרקאָוו, מינסק, וויטעבסק, האָמעל און אַנד. זיינען געווען פאַבריקן מיט אַן אויסשליסלעך יידישן אַרבעטער קאָנטינגענט. די שניידער־פאַבריקן, די שוסטער־פאַבריקן די בערשטל־פאַבריקן, די מעבל־פאַבריקן און אַנד. אין די פאַבריקן איז די גאַנצע קולטורעלע, אַגיטאַטאָרישע און דערציאונגס־ארבעט געפירט געוואָרן אין יידיש. דערצו זיינען נאָך איבערן לאַנד געווען הנדערטער יידישע קלובן און קולטור־הייזער. דער אָדעסער יידישער קולטור־הויז, דער אָדעסער יידישער קלוב „ראָזע לוקסעמבורג״ אין דער געביידע פון דער ליקווידירטער בראָדער סינאַגאָגע, ווי אויך דער מאָסקווער יידישער קלוב „קאָמוניסט״, האָבן מיט זייער יידיש־קולטורעלער טעטיקייט געהאַט אַ שם ניט נאָר איבער גאַנץ רוסלאַנד, נאָר אויך אין אויסלאַנד.
עס איז געווען די גאָלדענע צייט פון דער סאָוועטיש־יידישער קולטור־בליאונג.
קיינער האָט דאַן ניט געטראַכט וועגן אַסימילירן זיך. די יידישע שפּראַך איז געוואָרן דער שטאָלץ פון דער יידיש־סאָוועטישער יוגנט. דערפאַר איז טאַקע דאַן געווען מעגלעך אַרויסגעבן יידישע ביכער מיט טיראַזשן פון 10 ביז 25 טויזנט קאָפּיעס, דערפאַר האָבן טאַקע געשטראָמט הונדערטער און הונדערטער יידישע יינגלעך און מיידלעך אין די יידישע „ארב־פאַקן״ (אַרבעטער פאַקולטעטן), אוניווערזיטעטן און קונסט־שולן.
דאָס אַלץ אָבער האָט געדויערט נאָר ביזן יאָר 1930. דערנאָך האָט עס פּלוצים, ווי דורך אַ באַפעל פון אויבן, געפּלאַצט. עס האָט אַלץ אָנגעהויבן גיין באַרג אַראָפּ און צום יאָר 1937, איז שוין כמעט אַלץ פאַרענדיקט און פאַרניכטעט געוואָרן. ווי איך האָב פריער שוין אָנגעוויזן, האָט דאָס זיך אָנגעהויבן מיט דער אָפּשאַפונג פון די „יידישע סעקציעס״ און מיט די אַרעסטן פון די „פירער״ פון די „יידישע סעקציעס״.
ניט געקוקט אויף דעם האָבן זיך נאָך געפונען גענוג דרייסטע יידן־„קאָמוניסטן״ פאַרביסענע יידישיסטן, וואָס האָבן ניט געשוויגן און זיינען

געלאָפן צו דער רעגירונג און פּאַרטיי, זיי האָבן געקלאַפּט אין די טירן, זיי האָבן אָפּגעשלאָגן די שוועלן און זיי האָבן דערוויזן די אומרעכט, וואָס מען טוט צו די סאָוועטישע יידן. זיי האָבן געטענהט:

„סטייטש, די לענין־סטאַלינישע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק, פּאַרזיכערט דאָך אַלע פעלקער אַ נאַציאָנאַלן קיום, פאַר וואָס־זשע קומט אונז יידן אַזוי באַליידיקט צו ווערן?"

די סאָוועטישע יידישיסטן, די יידן־קאָמוניסטן, וועלכע זיינען געוואָרן די נייע „פּירער" פון דעם סאָוועטישן יידנטום, נאָך דער ליקווידירונג פון די „יידישע סעקציעס", האָבן נאָך דאַן ניט פאַרשטאַנען, אַז נאָך אַ יאָר, נאָך צוויי און פון דער „לענין־סטאַלינישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק" וועט ווערן נאָר אַ „סטאַלינישע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק".

דערווייל האָט מען די יידן עפּעס צוגעוואָרפן, אַז זיי זאָלן זיין צופרידן. דאָס איז געווען די שאַפונג פון אַ קאָמיסיע, וואָס זאָל פאַרן זוכן „פרייע ערד", וואו מען זאָל קענען באַזעצן יידן און פּראָקלאַמירן אַ „יידישע סאָוועטישע רעפּובליק". דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען מיט דער שווייגנדיקער צושטימונג פון יאָסיף סטאַלין.

ווען סטאַלין זאָל געוועזן וועלן זאָגן איין גוט וואָרט, וואָלט דאָך אַ יידישע טעריטאָריע פון לאַנג געשאַפן געוואָרן און נאָך מיט גרויס דערפאָלג און נאָך מיט אַן אויספלוג פון פּלאַן אויף אַלע הונדערט פּראָצענט, אַזוי ווי עס געשעעט אין אַלע פראַגן, וואו עס איז דאָ סטאַלינ'ס גוטהייסונג. אָבער אין דעם פאַל, ווי אין פיל אַנדערע פאַלן, ווען ער וויל די שולד פון אַ דורכפאַל אַרויפלייגן אויף עמיצן אַנדערש, אין דעם פאַל האָט סטאַלין אין גאַנצן געשוויגן, זיך קלומרשט ניט געמישט. ער האָט די זאַך איבערגעגעבן דעם אַלטיטשקן, נאַאיוון קאַלינין, דעם „סטאַראָסטע", פּרעזידענט פון לאַנד, וועלכער איז ניט מערער ווי אַ שפּילעכל אין די הענט פון דער „פּאָליט־ביוראָ" און פון סטאַלינען געווען.

די יידישע קאָמיסיע, אין באַשטאַנד פון וויכטיקע, אויטאָריטעטע און געלערנטע יידן־קאָמוניסטן, האָט נאָך אַרום יאָר 1926, אָנגעהויבן איר טעטיקייט און צום יאָר 1930, האָט זי שוין איר אַרבעט אין גאַנצן פאַרענדיקט.

צום ערשטן איז די קאָמיסיע אַרויסגעפאָרן קיין קאַווקאַז און דאָרט אין אַ פּאַרוואָרפענער געגנט, וועלכע מען האָט גערופן „קאָלכידאַ", האָט מען געוואָלט שאַפן אַ יידישע היים. דער קלימאַט איז דאָרט געווען אַ סוב־טראָפּישער, עס האָט געבושעוועט מיט מאַלאַריע אין די בלאָטיקע ערטער. דאָך, ביי אַ געוויסער אָנשטרענגונג וואָלט מען די „קאָלכידע" געקענט פאַרוואַנדלען אין אַן אמתן גן־עדן. די מערהייט פון דער קאָמיסיע האָבן דעם פּלאַן פון באַזעצן יידן אין קאָלכידע אָפּגעוואָרפן און מען האָט

זיך געלאָזט פאָרן ווייטער זוכן „פריי ערד" איבער דעם גרויסן און אומ־ענדלעכן רוסלאַנד. און רוסלאַנד איז דאָך אַזוי גרויס, רוסלאַנד איז אַ פינפטל פון דער וועלט. ווען אין איין עק רוסלאַנד איז טאָג איז אין דער זעלבער צייט אין אַ צווייטן עק רוסלאַנד נאַכט. אין איין אָרט איז קאַלט און אין אַ צווייטן איז אין דער זעלבער צייט היים. מען קען פאָרן חדשים לאַנג און פאַר זיך זען נאָר פוסטקייט, נאָר סטעפּ, נאָר וואַלד, נאָר בערג און קיין סימן ניט פון קיין מענטשן און פון קיין ישוב ניט טרעפן און ניט באַגעגענען אויף טויזנטער מיילן.

אָבער צוליב וואָס האָט מען באַדאַרפט פאָרן זוכן ערד, וועלכע איז פון קיינעם ניט באַזעצט, „פרייע ערד", ווען דער באַרימטער יידישער סאָוועטישע כלל־טוער לאַרין האָט אויסגעפונען אין דער נאָענט פון די אַלטע יידישע באַוואוינטע ערטער, נעמלעך, אין קרים, געגנט פרייע ערד מיט אַ גוטן און געזונטן קלימאַט, אַזויפיל פרייע און פוסטע ערד, אַז מיט אַ גוטן ווילן, וואָלט מען אַלע יידן דאָרטן געקענט באַזעצן. נאָר די סאָוועטישע רעגירונג — און דאָס הייסט סטאַלין — האָט דעם פּלאַן, ווי אויך פיל אַנדערע פּלענער, בייזוויליק אָפּגעוואָרפן.

די יידישע קאָמיסיע, די „יידישע עקספּעדיציע" האָט געמוזט פאָרן ווייטער זוכן...

מען איז געקומען קיין מיטל־אַזיע. דאָרט פוסטעוועז פיל פרייע ערדן, גאַנצע מדבריות. איז דאָרט צו היים און קיין וואַסער איז ניטאָ. ביי אַ געוויסער אָנשטרענגונג וואָלט מען אויך די געגנט געקענט פאַרוואַנדלען אין אַ גן־עדן. מען האָט דאָס שוין אין אַנדערע ערטער געטאָן.

איז מען געפאָרן נאָך ווייטער, דורך גאַנץ סיביר, אַריבער דעם בייקאַל, צווישן דער אומענדלעכער און בראַשיתדיקער טייגע : וועלדער, בערג און טייכן. מען איז געפאָרן ווייטער פאַזאַ די ווייטע רוסישע גרענעצן פון אינדיע, כינע, מאָנגאָליע, קאָרייע, מאַנדזשוריע און יאַפּאַן. אָט דאָרט ביים טייך אַמור, אַנטקעגן מאַנדזשוריע, וועלכע איז דאַן פון די יאַפּאַנער אָקופּירט געווען, האָט מען די „געבענטשטע" ערד פאַר אַ יידישער געגנט באַשטימט. אָט דאָרט און נאָר דאָרט אין יענעם פאַרוואָרפענעם עק, אַזש ביים „טייוול צוקאַפּנס", וואו „די ווייסע בערן נעכטיקן" האָט די סאָוועטן־רעגירונג דערלויבט די יידן זיך פאַר בויען אַ „נאַציאָנאַלע היים".

אין מיטן פון דער געגנט פליסן צוויי גרויסע, פול־וואַסערדיקע טייכן אין וועלכע עס זיינען פאַראַן אַ סך פיש. איין טייך הייסט „בירא", דער צווייטער הייסט „בידזשאַן". פון די נעמען פון די צוויי טייכן איז דאָס געוואָרן דאָס נייע וואָרט, דער נייער נאָמען פון אַ נייער טעריטאָריע אויף דער סאָוועטיש־געאָגראַפישער מאַפּע ; „בירא־בידזשאַן". די סאָוועטישע רעגירונג, די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, די פּאָליט־ביוראָ (און דאָס אַלץ באַדייט:

דער חבר סטאַלין), האָבן מיט אַ גרינג האַרץ אָפּגעגעבן ביראָ־בידזשאַן פאַר די יידן, ווייסנדיק פאָראויס, אַז פון דעם אַלץ וועט זיך גאָרניט באַקומען און אַז סטאַלינס „טעאָריע״, אַז יידן זיינען ניט קיין נאַציע, וועט ערשט איצט נאָך מער ווי פריער זיך באַרעכטיקן.

זאָלן יידן פאָרן קיין ביראָ־בידזשאַן, זאָלן יידן דערווייל הוליען...

אויסער דער „אנערקענונג״ פון „ביראָ־בידזשאַן״, האָט די סאָוועטישע רעגירונג פאַר די יידן גאָרניט געוואָלט טאָן. יידן האָבן באַדאַרפט פאָרן אַהין אויף זייערע אייגענע הוצאות און אויף זייער אייגענע ריזיקע. און דאָ האָבן יידן, פאַרברענטע יידישיסטן, ווידער איינגעשטעלט זייער לעבן און האָבן אָנגעהויבן פאָדערן ביי דער רעגירונג אַ דערלויבונג צו גרינדן אַ יידישע געזעלשאַפט, וועלכע זאָל זיך פאַרנעמען מיט אַגיטירן און מאַטעריעל העלפן יידן צו פאָרן קיין ביראָ־בידזשאַן. מיט אַ שווער האַרץ און מיט אַ בייזן ווילן האָט די סאָוועטישע רעגירונג דערלויבט די יידן צו גרינדן אַזאַ געזעלשאַפט.

מען האָט דאָך ערשט ניט לאַנג ליקווידירט די „יידישע סעקציעס״, און די נייע יידישע אָרגאַניזאַציע באַדייט דאָך, ניי־פאַרוואַנדלטע, איבער־געאַנדערשטע „יידישע סעקציעס״... מען האָט אָבער, מיט אַ געוויסער אויס־רעכענונג, דאָס מאָל געמוזט נאָכגעבן די יידן און דער רעזולטאַט פון דעם איז געווען די גרינדונג פון דעם „געזערד״ (אין רוסיש „אָזעט״) אין יאָר 1927 אין מאָסקווע אַלס צענטר, מיט פיליאַלן אין אַלע שטעט און שטעט־לעך, וואו יידן האָבן געוואוינט. „געזערד־קאָמיטעטן״ זיינען באַלד אויך געגרינדעט געוואָרן אין אויסלאַנד, אין ליטע, פוילן, דייטשלאַנד, פראַנקרייך, פאַלעסטינע, אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער. אין אַמעריקע, אַ שטייגער, עקזיסטירן נאָך אויך איצט עפּעס ענלעכעס צו „געזערד־קאָמיטעטן״, כאָטש אין רוסלאַנד האָט מען שוין פון לאַנג דעם „געזערד״ צעטריבן און די פירער פון „געזערד״ צעשאָסן. אין אַמעריקע האָבן אַפּעריסטן זיך געמאַכט פון דעם אַ פּרנסה. מען זאַמלט נאָך אַלץ געלט פאַר אַ ביראָ־בידזשאַן, וועלכער איז ניט מער ווי אַ בלאָף...

וואָס־זשע האָט פּאַסירט מיט דער סאָוועטיש־יידישער אָרגאַניזאַציע „געזערד״ און מיט דער סאָוועטיש־יידישער טעריטאָריע „ביראָ־בידזשאַן״?

אין אויסלאַנד טייטש מען פאַלש אויס דעם ביראָ־בידזשאַנער דורכפאַל, בעסער געזאָגט דעם ביראָ־בידזשאַנער בלאָף און די ביראָ־בידזשאַנער טראַגעדיע. מען מיינט, אַז פון ביראָ־בידזשאַן האָט זיך גאָרניט באַקומען, ווייל יידן האָבן ניט געוואָלט פאָרן אַהין. דאָס איז פאַלש. אמת, יידן האָבן טאַקע ניט געהאַט וואָס זיך צו יאָגן אַהין. דעם סאָוועטישן יידן האָט זיך מאַטעריעל געלעבט ניט ערגער, ווי דעם סאָוועטישן ניט־יידן. זייער אָפט פיל בעסער. אַ ייד האָט זיך צוגעפּאַסט און געהאַט „פּרנסה״. אַ ייד האָט

עפּעס „אויסגעדרייט". חוץ דעם האָט מען קיין פּאָגראָמען אויף קיין יידן ניט געמאַכט. לויט דער קאָנסטיטוציע, איז דער ייד אַ גלייך־בארעכטיקטער בירגער פון סאָוועטן־לאַנד, ווי ניט אַ ייד. וואָס־זשע האָט געקענט זיין די טרייב־קראַפט, וואָס זאָל דעם יידן צווינגען צו פארלאָזן זיין איינגעזעסן אָרט און פאָרן ערגעץ אין אַ בירא־בידזשאַן, וואָס ניט ער און ניט זיינע עלטערן האָבן גאָר פון אַזאַ לאַנד אַמאָל געהערט ?...

ירושלים, ציון, ארץ ישראל האָט נאָך געקענט האָבן פאַרן סאָוועטישן יידן, וואָס האָט אַמאָל אַ סידור אין דער האַנט געהאַלטן, אַ מין היסטאָרישע צוציאונגס־קראַפט. צוויי טויזנט יאָר דאַוונט אַ ייד און כמעט אויף יעדער בלעטל פון סידור שטויסט ער זיך אָן אויף אַ תפילה, אָן ענלעכע צו דער: „ירושלים עיר הקודש" און „ועל ציון משכן כבודך". אָבער, ווען דער ייד זאָל מישן די בלעטלעך פון סידור פון היינט ביז מאָרגן וועט ער דאָרט קיין סימן פון אַ בירא־בידזשאַן ניט געפינען.

אייניקע האָבן אויך געמיינט, אַז אין בירא־בידזשאַן איז אַ שלעכטער קלימאַט, די פליגן, וועלכע מען רופט דאָרטן: „מאָשקע" בייסן אַזוי, אַז עס איז ניט אויסצוהאַלטן און עס זיינען דאָרט דאָ פארשיידענע קראַנקייטן. ניין, דאָס איז אויך ניט אמת.

אין בירא־בידזשאַן איז גראָד אַ גוטער און אַ געזונטער קלימאַט. איך אַליין האָב דאָרט זעקס יאָר געלעבט און באַשטעטיק דאָס. עס איז דאָרטן אַ קאָנטענענטאַלער קלימאַט. ווינטער איז שטאַרק קאַלט, ס'איז אָבער אַ טרוקענער און אַ געזונטער פראָסט. זומער איז שטאַרק הייס, ס'איז אָבער אַ טרוקענע און אַ געזונטע היץ. די טייכן זיינען דאָרטן פול מיט פיש. די ערד איז אַ שווארצע, אַ פעטע און אַ זאַפטיקע. די טייגע־וועלדער און די טייגע־בערג האָבן אין זיך פיל נויטיקע, נוצלעכע און טייערע מאַטעריאַלן, מינעראַלן און רוויוואַרג צום בויען און צו שאַפן אַ גרויסע און פארצווייגטע אינדוסטריע. מאַרמער, אייזן, קוילן און אפילו גאָלד־פּלעצער איז פאַראַן אין בירא־בידזשאַן.

איז פאַר וואָס־זשע פאָרט האָבן יידן ניט געוואָלט אַהין פאָרן ? פּשוט, ווייל עס איז ניט געווען קיין סטימול און קיין נויטווענדיקייט אַהין צו פאָרן.

אָבער די „געזערד־קאָמיטעטן" מיט זייער טאָג־טעגלעכער אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע, מיט זייער געלט־שטיצע און געלט־געבן, די „געזערדן" האָבן שוין אַלץ נויטיקס געטאָן, אַז יידן זאָלן באַקומען אַ חשק זיך צו באַזעצן אין בירא־בידזשאַן. ביי אַ טיכטיקער ארבעט פון געניטע, געוועזענע און צופעליק ניט־אַרעסטירטע, „ייד־סעקן", וועלכע האָבן זיך פארוואַנדלט אין „געזערדניקעס", האָט מען געקענט דערגייין צו אַזאַ לאַגע, אַז פון ארום דריי מיליאָן יידן אין רוסלאַנד און ארום אכצן מיליאָן יידן אין דער

וועלט, זאָלן זיך געפינען געגנוג באַלאָנים, פאַר וועלכע עס זאָל געשאַפן ווערן אַ „סטימול" און אַ „נויטווענדיקייט", ווי אויך אַ חשק צו פאַרלאָזן זייערע איינגעזעסענע און אַפילו גוט־סיטואירטע וואוין־ערטער און זיך לאָזן פאָרן קיין ביראָ־בידזשאַן.

אַזוי איז טאַקע געווען.

די ערשטע עשאַלאָנען, סאָוועטישע יידן, זיינען מיט גרויס פאַראַד אין דעם 1928 געקומען קיין ביראָ־בידזשאַן. און צום 1932 יאָר, ווען איך האָב זיך באַזעצט אין ביראָ־בידזשאַן, איז שוין דאָרט געווען אַ יידישער ישוב פון אַריבער 40 טויזנט איינוואוינער. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען אַ יידישע, סאָוועטישע מלוכה'שקייט, מיט יידישע שולן, יידישע טעכני־קומס, יידישע צייטונגען, יידישע זשורנאַלן, מיט אַ יידישער „רעגירונגס־אַדמיניסטראַציע" און מיט אַ „יידישער" קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אַפילו ניט־יידן, רוסן און אוקראַינער, קאַרייער און טאַטאַרן האָבן שוין אָנגעפאַנגען זיך לערנען יידיש, די שפּראַך פון דער צוקונפטיקער יידיש־סאָוועטישער רעפּובליק.

סטאַלין מיט זיין אַנטי־יידן טעאָריע, האָט געהאַלטן ביים קאַפּיטולירן. עס האָט זיך געקענט באַקומען, אַז סטאַלין איז ניט געווען גערעכט. יידן, הייסט עס, קענען יאָ זיין אַ פאָלק, אַ נאַציע, מיט אַן אייגענער שפּראַך, מיט אַן אייגענער קולטור־פּראָגראַם און מיט אַלץ, וואָס דרינגט פון דעם אַרוים...

מען האָט שוין אַפילו גערעדט, אַז אָט־אָט וועט מען פּראָקלאַמירן די יידישע אויטאָנאָמע געגנט „ביראָ־בידזשאַן", אַלס אַ זעלבסטשטענדיקע יידישע, סאָוועטישע רעפּובליק. זאָלן נאָר צוקומען, כאָטש נאָך אַ 50 טויזנט יידן, זאָל נאָר ווערן אַרום הונדערט טויזנט יידישע איינוואוינער אין ביראָ־בידזשאַן.

און עס זיינען צוגעקומען נאָך יידן. און ניט נאָר פון סאָוועטן־רוסלאַנד, פון סאָוועטן־אוקראַינע און פון סאָוועטן־ווייס־רוסלאַנד, נאָר אויך פון אויסלאַנד, פון ליטע, פון פּוילן, און פון אַרגענטינע, פון אַמעריקע און אַפילו פון פּאַלעסטינע.

דאָס איז געווען סוף יאָר 1936.

ווען די סאָוועטישע יידן זיינען שוין מיט זייערע ביראָ־בידזשאַן־דערגרייכונגען געפלויגן אַזוי הויך, האָט אַ „יעגער" פון מאָסקווע, פון קרעמל אויף זיי אויסגעשאָסן און זיי אונטערגעהאַקט די פליגל...

ניין, קיין „יידישע סעקציעס" אין אַ פאַרוואַנדלונג פון אַ „געזערד" האָט ניט געוואָלט ניט די סאָוועטישע רעגירונג, ניט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און ניט דער „חבר" סטאַלין. דער קלאַפּ און די ליקווידירונג פון דער ביראָ־בידזשאַן־אַוואַנטורע, האָט זיך אָנגעהויבן מיטן קלאַפּ און מיט דער

ליקווידירונג פון דעם צענטראַלן „געזערד” אין מאָסקווע אין אָנהויב פון יאָר 1937. מען האָט באַלד אויך אַלע פיליאַלן, די „געזערדן” פון אַלע שטעט אין סאָוועטן־רוסלאַנד ליקווידירט. די פירער פון די „געזערדן”, ווי אויך די פירער פון דער ביראָ־בידזשאַנער „רעגירונגס־אַדמיניסטראַציע” און די פירער פון דער ביראָ־בידזשאַנער „קאָמוניסטישער פּאַרטיי” האָט מען אַרעסטירט, צושאָסן און ליקווידירט. אַזוי, אַ שטייגער זיינען אומ־געבראַכט געוואָרן די גרויסע סאָוועטישע יידישע פּערזענלעכקייטן, ווי סמידאָוויטש, דימענשטיין, ראַשקים, פּראָפעסאָר ליבערבערג, יענקל לעווין, משה ליטוואַקאָוו, איזי כאַריק און פיל, פיל אַנדערע.

מיטן ליקווידירן פון „געזערד” איז שוין ניט געווען מער, ווער עס זאָל אַגיטירן און פינאַנסירן די יידן כדי צו פאָרן קיין ביראָ־בידזשאַן. אַזוי אַרום האָט זיך באַקומען, אַז יידן זיינען מער ניט געפאָרן קיין ביראָ־בידזשאַן, נאָר יידן האָבן אָנגעהויבן פאָרן פון ביראָ־בידזשאַן. און ניט נאָר מען איז געפאָרן פון ביראָ־בידזשאַן, נאָר מען איז געלאָפן פון דאָרט צוריק, צוריק אַ „היים”, אויף דער אוקראַינע און קיין ווייס־רוסלאַנד. מען איז געלאָפן פון ביראָ־בידזשאַן, ווי פון אַן אומגליק, אַן אָנשיקעניש, אַ בלוטיקן זומפּ...

צו דעם האָט דאָך נאָך צוגעשפּילט דאָס טרויעריק־באַרימטע יאָר 1937, ווען אין גאַנץ רוסלאַנד האָבן זיך אָנגעהויבן אַרעסטן, פּראָצעסן און אויסראָטונגען פון כלומרשטע „פיינט פון סאָוועטישן פאָלק”, פון „טראָצקיסטן”, פון „נאַציאָנאַליסטן” און פון „שפּיאָנען”. אין ביראָ־בידזשאַן, וואו עס איז געווען אַן אָנלויף פון פאַרשיידענע „סאָרטן” יידן, פון פאַרשיידענע רוסישע, אוקראַינישע און ווייס־רוסישע געגנטן, ווי אויך פון אויסלאַנד, האָט די סאָוועטישע געהיים־ און עפנטלעכע פּאָליציי, די „טשע־קאַ”־„גע־פּע־או”־„ען־קאַ־ווע־דע”, נאָך מער און אַכזוריותדיקער געבושעוועט. אַ העלפט ביראָ־בידזשאַנער יידן זיינען אַרעסטירט געוואָרן, אַ גרויסע טייל זיינען זיך צולאָפן און נאָר אַ קליינע טייל איז פאַרבליבן.

און אַז פון ביראָ־בידזשאַן זאָל זיך אויסלאָזן אַ חלום האָבן נאָך אויך געווירקט די פאָלגנדע סיבות :

ערשטנס, האָט די סאָוועטן־מאַכט דערקלערט דעם גאַנצן וויטן מזרח אַלס אַ מיליטערישע זאָנע. יעדער ייד, וואָס האָט געוואָלט, פון איצט אָן, פאָרן קיין ביראָ־בידזשאַן, און דאָס איז אַ טייל פון דעם וויטן מזרח, האָט געמוזט זיך מעלדן, צו דער פּאָליטישער פּאָליציי, דער „ג. פּ. או.” נאָך אַ „פּראָפּוסק”, אַזאַ שיין אָדער וויזע. מען האָט באַדאַרפט אויספילן אַן אָנקעט, אויסדערציילן ווער מען איז און וואָס מען איז, צי מען האָט קרובים אין אויסלאַנד, צי ניט, דערנאָך וואַרטן מיט אַ שרעק אין דער

נשמה צען טעג ביז די „ג. פּ. או.“ וועט געבן אַן ענטפער צי מען דער־לויבט פאַרן קיין ביראָ־בידזשאַן, צי מען דערלויבט ניט. פאַרשטייט זיך, אַז דער ייד האָט ניט געוואָלט גיין אַליין זיך אָנפּרעגן „מפתיר“ צו דער סאָוועטישער זשאַנדאַמעריע און ער האָט שוין ניט געוואָלט פאָרן קיין ביראָ־בידזשאַן.

צווייטנס, האָט די סאָוועטישע רעגירונג אָנגעהויבן שיקן יעדער טאָג גאַנצע עשאַלאָנען מיט רוסיש און אוקראַינישע, אַזוי־גערופענע „ווערבאָ־ווע“ אַרבעטער און פּויערים פון די איבער־באַפעלקערטע געגנטן. אויך די דעמאָביליזירטע סאָלדאַטן פון דער רויטער אַרמיי האָט מען געצוואונגען „פּרייווויליק“ זיך באַזעצן אין ביראָ־בידזשאַן און דורך דעם האָט מען געשאַפן אַ לאַגע, אַז יידן זאָלן אין ביראָ־בידזשאַן ווערן אַ מינדערהייט און זיי זאָלן שוין קיינמאָל ניט קענען פּראָטעגדירן, אַז מען זאָל די געגנט פּראָקלאַמירן אַלס אַ רעפּובליק.

אַז די סאָוועטישע רעגירונג האָט גאָר קיינמאָל ניט געמיינט ערנסט צו לייזן די יידישע פּראַגע דורך געבן זיי ביראָ־בידזשאַן, קען אויך דינען דער פאָלגנדער באַווייז: פּונקט אַזוי ווי עס האָט אַמאָל די צאַרישע רעגירונג באַזעצט און באַפעלקערט די רוסישע גרענעצן, איבערהויפּט פּאַזע די טייכן „דאָן“ און „קובאַן“ מיט מענשן, וועלכע מען האָט אָנגערופן „קאָזאַקן“ און וועלכע האָבן געפירט אַ האַלב־מיליטעריש און האַלב־פּרידלעך פּויעריש לעבן, — אָט פּונקט אַזוי האָט די סאָוועטן־מאַכט באַשטימט צו באַזעצן און באַפעלקערן די רוסישע גרענעצן אויפן ווייטן מזרח און איבערהויפּט פּאַזע דעם טייך אַמור. די געגנט „ביראָ־בידזשאַן“, וועלכע ליגט אויף די ברעגעס פון טייך „אַמור“ האָט, לויט דעם ווילן פון די „סאָוועטן“, געדאַרפט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ „סאָוועטיש־קאָזאַקישן ישוב“. די יידן, וועלכע מען האָט דערלויבט פאָרן קיין ביראָ־בידזשאַן, צוזאַמען מיט די גויים, וועלכע מען האָט דאָרט באַזעצט האָבן באַדאַרפט שאַפן דעם סאָוועטישן פאַרפּאָסט אויפן ווייטן מזרח, און זיך פאַרוואַנדלען אין סאָוועטישע קאָזאַקן.

אין ביראָ־בידזשאַן, האָט זיך פון די יידן באַקומען גאָר שלעכטע קאָזאַקן... מען האָט געמוזט דרינגנד באַזעצן די געגנט מיט גויים. אָבער, ווען עס איז געווען נויטיק, אין קאַמף מיט דעם דייטשישן פאַשיזם, אויף די סאָוועטישע פראָנטן, אין די געטאָ־אויפשטאַנדן פון וואַרשע, ביאַ־ליסטאָק, ווי אויך פון קיעוו, אומאַן און אַנדערע שטעט, וועגן וועלכע די „סאָוועטן“ דערלויבן ניט צו שרייבן, כדי די וועלט זאָל ניט וויסן, אַז סאָוועטישע רוסן, אוקראַינער, טאַטאַרן און גרוזינער האָבן סאָוועטישע יידן געשאָכטן, — יאָ, אויף די פראָנטן און אין די געטאָ־אויפשטאַנדן האָבן יידן באַוויזן, אַז פאַר זייער נאַציאָנאַלן קיום קענען זיי זיך פאַר־

וואנדלען אין קעמפערישע קאַזאַקן. אויך אין ארץ ישראל האָבן יידן באַוויזן, אַז זיי קענען זיין גוטע קאַזאַקן. אָבער ניט אין בירא־בידזשאַן, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ סאָוועטישע אַוואַנטורע.

און דער לעצטער ארגומענט, אַז די סאָוועטן־רעגירונג, די קאָמו־ניסטישע פּאַרטיי און דאָס „פּאָטערל" סטאַלין האָבן ניט געוואָלט, אַז די יידן זאָלן זיך מערן און בילדן אַ נאַציאָנאַלע היים אין בירא־בידזשאַן איז דאָס, וואָס אויפן רוף פון דעם „קלוגן פירער און פאָטער פון פעלקער, חבר סטאַלין", האָבן זיך טויזנטער און טויזנטער סאָוועטישע בירגער און צווישן זיי טויזנטער יידן באַזעצט אויפן ווייטן מזרח, אין דער נאָענט פון בירא־בידזשאַן, — אין דער שטאָט „קאָמסאָמאָלסק" מיט איר געגנט אַרום איר. קאָמסאָמאָלסק האָט זיך צעוואַקסן אין אַ גרויסן אינ־דוסטריעלן צענטער פון ווייטן מזרח מיט אַ גרויסער באַפעלקערונג און יידן אין קאָמסאָמאָלסק וואוינען צוואַנציק מאָל אַזויפיל וויפל אין בירא־בידזשאַן. און בירא־בידזשאַן איז אָפּגעשטאַנען, אין בירא־בידזשאַן זיינען כמעט קיין יידן ניטאָ...

פאַר וואָס, האָט זיך אַזוי באַקומען ? — ווייל אין „קאָמסאָמאָלסק" איז די סאָוועטישע רעגירונג פאַראינטערעסירט געווען, אויף „קאָמסאָ־מאָלסק" האָט סטאַלין אָנגעוויזן מיטן פינגער, און קיין „קאָמסאָמאָלסק" האָט מען געצוואונגען „פריוויליק" צו פאָרן. אָבער אין בירא־בידזשאַן, אין אַ „יידישן בירא־בידזשאַן", איז די סאָוועטישע רעגירונג ניט פאַר־אינטערעסירט געווען, אויף אַ „יידישן בירא־בידזשאַן" האָט סטאַלין מיט קיין פינגער ניט געוואָלט אָנווייזן און קיין „בירא־בידזשאַן האָט מען גאָר ניט געוואָלט צווינגען יידן, אַז זיי זאָלן אַהין „פרייוויליק" פאָרן. געצוואונגען „פריוויליק" צו פאָרן קיין בירא־בידזשאַן האָט מען דווקא גויים, רוסן און אוקראַינער.

זאָל זיך נאָר די וועלט פאַראינטערעסירן מיט דעם סאָוועטישן בלאָף : „יידישע אויטאָנאָמע געגנט — בירא־בידזשאַן", וועט מען זיך איבערצייגן, אַז דאָס איז אַ סאָוועטישע יידישע אויטאָנאָמע געגנט אין וועלכער עס לעבן ניט קיין יידן, אין וועלכער עס איז אַפילו קיין סימן פון אַ יידישן ישוב און פון יידישקייט ניט פאַראַן.

בירא־בידזשאַן, דאָס איז די גרעסטע יידישע טראַגי־קאָמעדיע, דער גרעסטער חוזק פון יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד.

9. דאָס פּראָוואָצירן יידן, אַז ביי היטלערן איז גוט. — מלחמה

עס איז שוין אין רוסלאַנד קיין יידישע אָרגאַניזאַציעס ניט געווען. די וויכטיקסטע יידישע „פירער", יידישע כלל־טוער, יידישע קאָמוניסטן, יידישע געלערנטע און יידישע שרייבער האָט מען אַרעסטירט און ליקווי־

דירט. סטאַלין האָט שוין געמעגט שלאָפן רואיק. זיין „טעאָריע" אין זיין נעבעכדיקן, אומבאהאָלפענעם, נארישוואַטן און עם הארצ׳יש אַרטיקל: „מאַרקסיזם און די נאַציאָנאַלע פראַגע" האָט געזיגט. עס האָבן נאָך אָבער עקזיסטירט א היפּעלע יידישע שרייבער, מיט א צייטונג „אָקטיאַבר" און א זשורנאַל „שטערן" אין מינסק, מיט א צייטונג „שטערן" אין קיעוו און א זשורנאַל „סאָוועטיש" אין מאָסקווע.

אָט דאָס פאַרבליבענע ביסל „יידישקייט" האָט די סאָוועטן־מאַכט נאָך רעזערווירט פאַר זיך. מען האָט עס געלאָזט זיך אומוואַלגערן, ווי אַן אַלטע זאַך, וואָס קען נאָך אפשר אַמאָל פאַר עפּעס צונוץ קומען.

אזוי איז דאָס געווען ביז דעם יאָר 1939, ווען סטאַלין האָט מיט היטלערן דעם „סאָוועטיש־דייטשישן קולטור און עקאָנאָמישן שטיצונגס־אָפּמאַך" געשלאָסן, און מען האָט זיך צוטיילט מיט פּוילן, די מיזרחדיקע טייל פאַר די דייטשן און די מערבדיקע טייל פאַר די רוסן.

יידן פון דעם דייטשיש אָקופּירטן פּוילן זיינען געלאָפן צו דעם רוסיש־אָקופּירטן פּוילן. מען איז געלאָפן צו די רוסן מיט דער האָפענונג, אַז סאָוועטן־רוסלאַנד וועט זיין א היים פאַר די פאַרפאָלגטע יידן, וואָס ווילן זיך ראַטעווען פון דעם דייטשישן פאַשיזם. איבערהויפּט האָבן זיך די אַנטלאָפענע יידן קאָנצענטרירט אין צענטערס פון מערב־אוקראַינע, אין לוואָוו און מערב־ווייס־רוסלאַנד, אין ביאַליסטאָק.

איך, זעלבסט, בין גראָד פון סוף יאָר 1939 ביז דעם יאָר 1941 געווען אין ביאַליסטאָק. איך בין אהין געשיקט געוואָרן פון מינסק, פון דעם שרייבער־פאַרבאַנד און פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אויף פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט. דאָרט, אין ביאַליסטאָק, האָב איך צוגעזען דעם צושטאַנד פון די יידן, וואָס זיינען פון די דייטשן אַנטלאָפן, ווי אויך דעם צושטאַנד פון די יידן אין ביאַליסטאָק און אין מערב־ווייס־רוסלאַנד. איך האָב דאָרט אויך צוגעזען די באַציאונג פון דער סאָוועטן־מאַכט צו די אַנטלאָפענע און אָרטיקע יידן.

פון דער דריטער וואָך אָן, וואָס די סאָוועטן־רעגירונג האָט אָנגעהויבן באַלעבאַטעווען אין די אָקופּירטע פּוילישע געגנטן, האָבן זיך אָנגעהויבן אַרעסטן פון די יידן, וועלכע זיינען געווען אייגנטימער פון גרויסע הייזער, פון פאַבריקן און פון גרויסע קראָמען. מען האָט דער בורזשואַזיע פון פּוילן — וועלכע איז אין ביאַליסטאָקער, גראָדנער, פּינסקער, לוואָווער און אַנדערע געגנטן בשטאַנען אין דער גרעסטער מערהייט פון יידן — אין די נעכט אַרויסגעשלעפּט פון די בעטן און מען האָט זיי מיט זייערע ווייבער און קינדער פאַרשיקט קיין סיביר אויף שווערער אַרבעט און הונגעריקן טויט. אין א פּאָר חדשים אַרום האָט מען דאָס זעלבע געטאָן מיט די יידן, וועלכע זיינען פון די דייטשן אַנטלאָפן.

אין גאַנץ רוסלאַנד האָט מען צו יענער צייט, פון דער סאָוועטיש־דייטשישער פריינטשאַפט, דאָס וואָרט פאַשיזם ניט געטאָרט דערמאָנען. מען האָט דאָס וואָרט אויסגעמעקט אפילו פון די לערן־ביכער און מען האָט דאָס פאַרביטן מיט דעם וואויל־קלינגנדיקן: נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם, מען האָט פּלוצלונג אָנגעהויבן לויבן היטלערן, מיט באַגריסונגס־טעלעגראַמעס פון סטאַלינען, מאָלאָטאָוון און אַנדערע צו זיין געבורטס־טאָג און צו אַנדערע געלעגנהייטן. אין בערלין האָט מען געשפּילט און אויסגעפירט רוסישע און סאָוועטישע סימפאָניעס, דראַמעס און אָפּערעס. אין מאָסקווע האָט מען פאַרגעשטעלט און אילוסטרירט די דייטשישע קונסט. אין די סאָוועטישע צייטונגען איז שוין מער מיט קיין איין וואָרט ניט דערמאָנט געוואָרן, אַז אין דייטשלאַנד איז אַ פאַשיסטישע אָרדענונג און אַז היטלער־דייטשן האָבן געשאַפן געטאָס און קאָנצענטראַציע־לאַגערס אין די אָקופּירטע ערטער, און אַז מען קוילעט דאָרט, מען שיסט, מען הענגט, מען סמ'ט און מען פאַרגאַזט יידן. מען איז געווען דעז־אינפאָרמירט און מען האָט ניט געוואוסט וועגן די ליידן און פּיין, וואָס די יידן שטייען אויס אין די דייטשיש־אָקופּירטע געגנטן. עס האָט זיך גאָר אפילו געשאַפן דער איינדרוק, אַז די דייטשן, די היטלעראָוועצעס האָבן געביטן זייער טאַקטיק און פּאָליטיק צו בעסערן פאַר די יידן. און אויב אַ געוויסע טייל יידן האָבן געהאַט אַ ווילן זיך צריק אומקערן אַ היים, פון וואַנען זיי זיינען אויס שרעק פאַר די דייטשן אַנטלאָפן, איז דאָס נאָר די שולד און די פּראָוואָצירונג פון דער סאָוועטן־מאַכט. מיט די ליבע שמייכעלעך צו היטלערן, האָט סטאַלין דעזאָריענטירט, אָפּגענאַרט און פאַרפירט די יידן.

אָט אין דער צייט איז דער סאָוועטן־רעגירונג און דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי ווידער צונויץ געקומען, דאָס רעזערווירטע, פאַרבליבן, אַ ביסל סאָוועטישע „יידישקייט". מען האָט שנעל קיין לוואָוו, קיין ביאַליסטאָק און אין אַנדערע אָקופּירטע פּוילישע געגנטן מיט אַ יידישער באַפעלקערונג, אַרויסגעשיקט סאָוועטיש־יידישע שרייבער צו אַגיטירן די דאָרטיקע יידן און זיי איינריידן, אַז אין רוסלאַנד לעבט מען גליקלעך, מען בויט סאָציאַליזם, יידן זיינען גלייכבאַרעכטיקטע בירגער און דערפאַר דאַרף מען זיך אַליין מעלדן צו פאָרן קיין סיביר, קיין אוראַל, קיין דאָנבאַס אויף „גוט־געצאָלטער" אַרבעט.

די סאָוועטישע שרייבער האָבן אויך דורכגעפירט ליטעראַרישע אָוונטן און האָבן אָנגעהויבן ווידער האָפן אויף אַן אויפלעבונג פון יידישער קולטור. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און די סאָוועטישע רעגירונג האָט ווידער געמאַכט חנדלעך צו די יידישע שרייבער און כלל־טוער. מען האָט „עפּעס" פאַרשפּראָכן... און די יידישע שרייבער און כלל־טוער האָבן ווידער געמיינט, אַז מען האָט שוין געכאַפּט „גאָט פאַר דער פּאָלע" און

אַז מיט די ניי־צוגעקומענע פּוילישע יידן, וועט די סאָוועטן־מאַכט אויפ־סניי דערלויבן די אויפלעבונג פון סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור און קולטור.

פון יענער זייט גרענעץ, פון דעם טייל פּוילן, וואָס די דייטשן האָבן באַזעצט, זיינען אָנגעקומען פון פריינט און קרובים גוטע בריוו מיט גוטע גרוסן. יידן האָבן פון יענער זייט געשריבן צו די אַנטלאָפענע יידן: „עס איז צוריק רואיק. די גזרה איז פאַרביי. מען לעבט, מען אַרבעט, מען האַנדלט און מען האָט פּרנסה. באַמיט זיך קומען צוריק אַ היים". אַזוינע בריוו האָב איך זעלבסט אין יענער צייט געלייענט ביי פיל יידן, וועלכע זיינען אין זייער פאַרצווייפלונג געקומען צו מיר און צו אַנדערע מיט־רעדאַקטאָרן פון „ביאַליסטאָקער שטערן" זיך האַלטן אַן עצה. אָבער ניט איך און ניט די אַנדערע קאָלעגן מיינע האָבן ניט געוואוסט, וואָס זיי צו ראַטן. און דאָ האָבן די סאָוועטישע צייטונגען, די סאָוועטישע ראַדיאָ און די גאַנצע סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע געהאַלטן אין איין לויבן היטלערס דייטשלאַנד. אַזוי אַרום האָבן די יידן־פּליטים ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז מען מעג צוריק פאָרן קיין וואַרשע, קיין לאָדזש און אין די אַנדערע שטעט.

דערביי האָט די סאָוועטן־מאַכט אָפּגעטאָן אַ שפּיצל צו די אומגליק־לעכע פּליטים, מען האָט זיי פּראָוואָצירט מיט אַ מעלדונג, אַז ווער עס וויל זיך אומקערן אַ היים, זאָל זיך קומען רעגיסטרירן אין ספּעציעל־געשאַפענע פאַר דעם צוועק פּונקטן. אין דער זעלבער צייט האָט די מאַכט אויך צו וויסן געגעבן, אַז מען זאָל קומען אין די פּאָליציי־באַצירקן, אין דער מיליץ, נעמען סאָוועטישע פּאַספּאָרטן כדי מען זאָל ווערן סאָוועטישע בירגער.

עס איז אַ רחמנות געווען צו קוקן אויף די פּוילישע יידן, איבער־הויפּט אויף די אַנטלאָפענע פון די דייטשיש־אָקופּירטע געגענטן. פאַר־לוירענע און אומבאַהאָלפענע זיינען זיי אומגעגאַנגען און זיי האָבן זיך נאָכגעפרעגט ביי אונז, ביי די סאָוועטישע יידן, וואָס זיי זאָלן טאָן. עס איז געוואָרן אַזאַ מיש־מאַש אין די נשמות פון די יידן, אַז אייניקע נאאיווע פּוילישע יידן, וואָס זיינען געווען איינגעגלויבט אין די טובות, וואָס די סאָוועטן־רעגירונג וויל פאַר זיי טאָן, האָבן גאָר מיט פרייד דערקלערט: „די סאָוועטן־מאַכט גיט אונז די ברירה פאָרן צוריק אָדער ווערן סאָוועטישע בירגער". און מיר, די סאָוועטישע יידן האָבן אויף אַלע פראַגן, וואָס די פּוילישע יידן האָבן אונז געשטעלט, ניט געוואוסט, וואָס זיי צו ענטפערן און וואָס זיי צו ראַטן.

אין אַ קורצער צייט נאָך דער פּראָוואָצירטער מעלדונג, וועגן רעגי־סטרירן זיך אויף צוריק צו פאָרן, און וועגן נעמען סאָוועטישע פּאַספּאָרטן, — האָבן זיך אָנגעהויבן מאַסן־אַרעסטן צווישן די יידן־פּליטים. מען האָט

די אומגליקלעכע יידן, וועלכע האָבן געמיינט, אַז זיי וועלן געפונען אַ רעטונג ביי די סאָוועטן פון דעם דייטשישן פאַשיזם, געכאַפּט איבער די גאַסן, געשלעפּט פון די געלעגערס און מען האָט זיי, ווי אַרעסטאַנטן, ווי פאַרברעכער אַריינגעשטופּט אין געפּאַקטע תפיסה־צוגן און מען האָט זיי וואָכן און חדשים אַרומגעשלעפּט איבערן גרויסן לאַנד פון איין תפיסה צו דער צווייטער ביז מען האָט זיי סוף־כל־סוף פאַרמאַטערטע, הונגעריקע און פאַרלייזיקטע דערפירט קיין סיביר אין די לאַגערן.

טויזנטער און טויזנטער יידן זיינען אין סיביר אומגעקומען פון שקלאַפערישער אַרבעט, פון הונגער, פון קעלט און פון צרות. אין די יאָרן 1939־1941, איז די צאָל אַרעסטירטע און פאַרשיקטע יידן אין סאָוועטן־רוסלאַנד געווען אַריבער אַ מיליאָן.

פאַר די יידן, וועלכע מען האָט ניט אַרעסטירט אין די אָקופּירטע פּוילישע געגנטן, האָט די סאָוועטן־מאַכט דערלויבט נאָר איין יידישע צייטונג מיט אַ באַשרענקטן טיראַזש פון 5 טויזנט עקזעמפּליאַרן „ביאַלי־סטאָקער שטערן". גיך האָבן זיך אויך אָנגעהויבן אַרעסטן צווישן די געוועזענע בונדאָוועצעס, ציוניסטן און קלעריקאַלן. מען האָט אָנגעהויבן מאַכן רעוויזיעס אין די יידישע ביבליאָטעקן, קאָנפעסקירן יידישע ליטעראַטור און יידיש־רעליגיעזע ספרים. מען האָט אויך פאַרמאַכט עטלעכע סינאַגאָגעס און צום סוף האָט מען פאַרקירצט און דערנאָך אינגאַנצן ליקווידירט דאָס שטיקל סאָוועטישע יידישע צייטונג׳ל „ביאַליסטאָקער שטערן". מען האָט געהייסן די יידן לייענען אַ ווייס־רוסישע צייטונג און זיך אַסימילירן.

אין יאָר 1941, דעם 22־טן יוני, האָט היטלער איבערגעריסן די פריינטשאַפט מיט סטאַלינען און איז באַפאַלן רוסלאַנד. לויט אַלע ידיעות, וואָס זיינען שוין איצט פאַראַן, איז דער אָנפאַל פון היטלער־דייטשלאַנד אויף סטאַלין־רוסלאַנד גאָר ניט געווען קיין אומגעריכטער. רוסלאַנד האָט דאָס געפילט און זיך לעצטנס געריכט אויף דעם. ווי אייניקע פּרואוון דאָס באַווייזן, האָט גאָר סטאַלין געפּלאַנעוועט אָנפאַלן אויף דייטשלאַנד, נאָר היטלער, וועלכער איז געווען מערער געשיקט און פלינק האָט זיך וועגן דעם דערוואוסט און ער האָט דער ערשטער געגעבן דעם קלאַפּ. דער טומל וועגן דייטשלאַנדס אומגעריכטן אָנגריף, האָט זיך די „סאָוועטן" געלוינט כדי צו פאַרווישן די אייגענע ניט־צוגעגרייטקייט, פאַרלוירנקייט און דעם פאַרראַט אין די ערשטע חדשים פון די רויט־אַרמייאישע גענעראַלן, אָפיצירן און סאָלדאַטן און פון דער סאָוועטישער באַפעלקערונג, וועלכע איז געלאָפן דעם דייטש אַנטקעגן מיט זאַלץ און מיט ברויט. ווער געדענקט דען ניט סטאַלינ׳ס באַרימערישן, ביליקן לאָזונג: „דער שונא וועט

אונז קיין מאָל ניט טרעפן אין אַ פאַרלעגנהייט, אין אַ פאַרלוירנקייט און ניט־צוגעגרייטקייט".

ניט אונזער אויפגאַבע איז זיך צו גריבלען אין די געוועזענע אימפּער־יאַליסטישע רייסערייען פון היטלערן מיט סטאַלינען. מיר קאָנסטאַנטירן נאָר, אַז די מלחמה צווישן היטלער־דייטשלאַנד און סטאַלין־רוסלאַנד איז אויסגעבראָכן און אין די אָקופּירטע שטעט און שטעטלעך פון רוסלאַנד, אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד האָבן אין דער ערשטער ריי געליטן די יידן און נאָר די יידן.

די דייטשן זיינען אין זייער בליץ־מאַרש די ערשטע דריי מאָנאַטן געגאַנגען אָן אָפּשטעל. זיי האָבן פאַרנומען איין סאָוועטישע געגנט נאָך דער אַנדערער. דאָס סאָוועטישע מיליטער איז אַ דעזאָרגאַניזירטס אָפּגע־טראָטן און פון מאָסקווע, פון קרעמל האָט מען זיך געווענדעט צו דער סאָוועטישער באַפעלקערונג פון די שטעט און דערפער, וואָס זיינען באַדראָט אָקופּירט צו ווערן פון די דייטשן, אַז מען זאָל די שטעט און דערפער פאַרלאָזן, מען זאָל זיך עוואַקואירן, אַלץ וואָס מען קען זאָל מען ארויספירן, וואָס מען וועט ניט באַוויזן ארויסצופירן זאָל מען פאַרניכטן. זאָלן די דייטשן אין די אָקופּירטע געגנטן טרעפן פּוסטע שטעט און דערפער, אָן מענטשן, וועלכע זיי וואָלטן געקענט אויסנוצן פאַר זיך.

אין דער ווענדונג פון מאָסקווער קרעמל, פון דער סאָוועטישער רעגירונג, פון סטאַלינען צו די סאָוועטישע בירגער פון די שטעט און דערפער, וועלכע עס דראָט אַ געפאַר אָקופּירט צו ווערן פון די דייטשן, און אין אַלע ווענדונגען צו דער סאָוועטישער באַפעלקערונג, אַז מען זאָל זיך עוואַקואירן, איז מיט קיין איין וואָרט, מיט קיין רמז אפילו קיינמאָל ניט דערמאָנט געוואָרן, אַז מען וויל די יידן זאָלן זיך עוואַקואירן. אין די ווענדונגען און אין די באַפעלן וועגן עוואַקואירן זיך האָט זיך ניט געהאַנ־דלט וועגן יידן, נאָר וועגן סאָוועטישע בירגער. אָבער די „געטרייע" סאָווע־טישע בירגער, די רוסן, אוקראַינער, ווייס־רוסן, טאַטאַרן, גלעזיגינער, ליט־ווינער, פּאָלאַקן און אפילו גרוזינער, זיי האָבן ניט געוואָלט זיך עוואַ־קואירן. זיי האָבן ניט געוואָלט פאַרלאָזן זייערע היימען און זיך „ראַטעווען" פון די דייטשן. זיי זיינען גאָר צופרידן געווען, וואָס זיי ווערן שוין פּטור פון דער סאָוועטן־מאַכט, פון די קאָלכאָזן, פון דער „סאָציאַליסטישער בויאונג" און פון די „פינף־יאָר פּלענער". זיי האָבן גאָר אויסגערעכנט, אַז אונטער דער מאַכט פון די דייטשן, פון היטלערן וועלן זיי אָפּאָטעמען פרייער. די איינציקע, וואָס האָבן יאָ באַשלאָסן אויסצונוצן די געלעגנהייט און זיך באַצייטנס אָפּטראָגן פון די ערטער, וועלכע זיינען באַדראָט געווען פון די דייטשן, זיינען געווען כמעט אויסשליסלעך יידן. יאָ, נאָר די יידן האָבן אויסגעפילט דעם באַפעל פון דער סאָוועטן־מאַכט, אַז די סאָוועטישע

בירגער זאָלן זיך עוואַקואירן. די ניט־יידן האָבן איגנאָרירט דעם באַפעל און האָבן געחוזקט פון די, וואָס קלייבן זיך אויספּילן דעם באַפעל. אין אוקראַינע און אין ווייס־רוסלאַנד זיינען אַפילו געווען פאַלן, ווען גויים האָבן נאָכגעוואָרפן שטיינער די יידן, וואָס האָבן זיך עוואַקואירט און האָבן מיט אַלערליי שמוציקע און אַנטיסעמיטישע אויסגעשרייען זיי באַגלייט: „זשידעס, עס איז געקומען אויף אייך אַ צייט, איר אַנטלויפט!...”

עס דאַרף דאָ באַשטעטיקט ווערן, אַז זייער פיל יידן, וואָס וואָלטן געקענט זיך עוואַקואירן האָבן דאָס ניט געטאָן און זיינען געבליבן אויף די ערטער, נאָר דערפאַר, ווייל זיי האָבן צוגלייך מיט די גויים געמיינט, אַז ביי די דייטשן וועט ניט זיין ערגער ווי ביי די סאָוועטן... עס דאַרף דאָ אויך באַטאָנט ווערן, אַז ווען די רוסן, די אוקראַינער און די ווייס־רוסן, וואָלטן געווען סאָוועטישע פּאַטריאָטן און וואָלטן אויסגעפּילט סטאַלינס באַפעל און וואָלטן זיך אויך עוואַקואירט, דאַן וואָלטן אַלע עוואַקואיר־צוגן און עוואַקואיר־אויטאָמאָבילן געווען פאַרכאַפּט און איבער־פילט מיט גויים און פאַר די יידן, וואָלט גאָר קיין פּלאַץ ניט געווען. און צום סוף מוז דאָ אָפּגעוואָרפן ווערן די מיינונג פון אייניקע נאַאיווע מענשן און די אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע פון די יידישע קאָמוניסטן, די מאָסקווער אַגענטן, אַז די סאָוועטן־מאַכט האָט בעת דער מלחמה געראַטעוועט יידן, זיי עוואַקואירט פון די געפאַר־באַדראָענדיקע געגנטן.

ניין, די סאָוועטן־מאַכט האָט ניט געמיינט צו ראַטעווען די יידן. דאָס איז אַן אילוזיע, אַן איינרעדעניש. די סאָוועטן־מאַכט האָט בפירוש געמיינט אַלע סאָוועטישע בירגער. און אַ באַווייז, אַז דאָס איז אַזוי, קען דינען דער פאָלגנדער פאַקט: ווען אין קרעמל האָט מען זיך דער־וואוסט, אַז דער באַפעל וועגן עוואַקואירונג ווערט אויסגעפּילט אויסשליס־לעך פון יידן און ניט פון דער גאַנצער סאָוועטישער באַפעלקערונג, דאַן האָט מען געמוזט און מען איז געצוואונגען געווען צו בייטן די טאַקטיק. אין יולי חודש 1941, האָט סטאַלין זיך געווענדעט צו דער סאָוועטישער באַפעלקערונג פון די שטעט און דערפער אויף וועלכע עס איז אָנגע־גאַנגען די דייטשע אָפּענסיווע, אַז מען זאָל בלייבן אויף די ערטער, מען זאָל זיך אָרגאַניזירן אין פּאַרטיזאַנישע טיילן און מען זאָל שטערן און שעדיקן די דייטשן. אויך אין דעם באַפעל, ווי אין פריערדיקן, זיינען די יידן מיט קיין איין וואָרט ניט דערמאָנט.

די זעלבע אילוזיע און בלאָף איז אויך דאָס, אַז די סאָוועטן־מאַכט האָט אין סיביר געראַטעוועט העכער אַ מיליאָן פּוילישע, רומענישע, אונגאַרישע און אַנדערע יידן. ווי קאָן דאָס גאָר מעגלעך זיין ? ווען די סאָוועטן־מאַכט האָט אין די יאָרן 1939־1941, אַרעסטירט און פאַרשיקט

אין די סיבירער לאַגערן פוילישע און בוקאָווינער (רומענישע) יידן, האָט זיך איר אַפילו ניט געחלומט, אַז דער פריינט היטלער, וועט אָנפאַלן אויף רוסלאַנד און עס וועט אויסברעכן אַ מלחמה. דאָס, וואָס נאָך דער מלחמה, אין יאָר 1945, זיינען אין די סיבירער פאַרשיקונגען און תפיסות געבליבן אַרום אַ מיליאָן פוילישע, רומענישע, ליטווישע, טשעכישע, אונגאַרישע, ווי אויך סאָוועטישע יידן, דאָס איז נאָר אַ צופאַל געוועז. דער אומגליק, וואָס האָט געטראָפן די זעקס מיליאָן יידן, וואָס זיינען אויסגעשאָכטן געוואָרן דורך די דייטשן און זייערע סלאַווישע און מאַכמעדאַנישע מיט־העלפער, איז גראָד צופעליק פאַר די אַרעסטירטע און קיין סיביר־פאַרשיקטע יידן געווען אַ גליק... ווען היטלער זאָל ניט געווען אָנפאַלן אויף רוסלאַנד, וואָלט דאָך דער אַריבער אַ מיליאָן יידן אין דער פאַרשיקונג פון די סיבירער תפיסות און לאַגערן אומגעקומען פון פיין, קעלט און הונגער. עס איז אויך געווען אַ צופאַל פאַר די אין סיביר פאַרשיקטע יידן, וואָס נאָך דער מלחמה האָט זיך געשאַפן אַזאַ פּאָליטישע סיטואַציע, אַז רוסלאַנד האָט זיי געמוזט באַפרייען און זיי דעפּאָרטירן צוריק אַ היים, קיין פוילן, רומעניע, אונגאַרן און א. וו. די צוריק־געקערטע יידן האָבן אין זייער פריערדיקע לענדער קיין היים פאַר זיך ניט געפונען. זיי האָבן געמוזט מאַסן־ווייז אַוועקלויפן פון דעם בלוטיקן באָדן אויף וועלכן מען האָט זייערע טאַטע־מאַמעס, ווייב און קינדער און שוועסטער און ברידער אומגעבראַכט. זיי זיינען געלאָפן צו אַ נייער היים אין דער פריי־דעמאָקראַטישער אַמעריקע און אין דעם אויסגעבענקטן און אויסגעקעמפטן אייגן לאַנד ישראל.

קומען איצט צו גיין מיעוסע מענשן מיט פינצטערע נשמות, מ'שטיינס געזאָגט יידן, וואָס האָבן זיך דעם דעספּאָט סטאַלין פאַר אַן אָפּגאָט געמאַכט, און זיי שרייען, אַז אויך די פון סיביר באַפרייטע יידן האָט די סאָוועטן־מאַכט געראַטעוועט.

און נאָך איין אילוזיע, וועגן ראַטעווען יידן, אַ דאַנק דער סאָוועטן־מאַכט, דאַרף דאָ אַנטגילטיק צעקלאַפּט ווערן. דערביי מוז ווידער אויפגעהויבן ווערן די „בירא־בידזשאַנער" פראַגע. ווען די סאָוועטן־רעגירונג, וואָלט כאָטש געוואָלט איין טראָכט טאָן וועגן די אומגליקלעכע, פון שרעק און שווידער לויפנדיקע יידן, אין די ערשטע חדשים פון היטלערס מלחמה־מאַרש אויף רוסלאַנד, וואָלט די סאָוועטישע רעגירונג די עשאַלאָנען מיט טויזנטער און טויזנטער יידן, ניט עוואַקואירט קיין סיביר און קיין מיטל־אַזיע, נאָר מען וואָלט עוואַקואירט די יידן קיין בירא־בידזשאַן. דאָרט, אין בירא־בידזשאַן האָט מען אין די מלחמה־יאָרן געאַרבעט פאַר דער רויטער אַרמיי און פאַרן פראָנט. עס זיינען דאָרטן געווען הונדערטער מיליטערישע אונטערנעמונגען מיט צענדליקער טויזנטער באַשעפטיקטע מענשן,

וועלכע האָבן געגרייט שפּייז און אַמוניציע פאַרן מיליטער. מען האָט קיין ביראָ־בידזשאַן געשיקט טויזנטער גויים, רוסן און אוקראַינער און נאָר יידן האָט מען אַהין פאַרווערט שיקן. די יידן האָט מען צווייט און צושפּרייט איבער סיביר און טאַשקענט.

וואָס לערנט אונז דאָס ? — דאָס לערנט אונז, אַז די סאָוועטן־מאַכט האָט אַלץ געטאָן כדי צו שטערן די יידן צו זיין אַ פאָלק מיט אַן אייגענער קולטור, מיט אַן אייגענער שפּראַך און מיט אייגענע יידישע, נאַציאָנאַלע און וועלטלעכע קולטור־טראַדיציעס.

10. סאָוועטישער אַנטיסעמיטיזם. — נאָך דער מלחמה

אין די יאָרן 1941־1945, בעת דער מלחמה, האָבן די סאָוועטישע יידן גענומען אַן אַקטיוון אנטייל אויף די פראָנטן, אין קאַמף קעגן היטלער־דייטשלאַנד. עלטערע יידן, וועלכע האָבן ניט געקענט טראָגן קיין ביקס אין האַנט, האָבן זייער הילף דעם פראָנט געגעבן מיט זייער אומדער־מידלעכער אַרבעט, טאָג ווי נאַכט אין די סאָוועטישע פאַבריקן און אויף די „קאָלכאָזנע" פעלדער.

טויזנטער יידן זיינען געפאַלן אויף די פראָנטן אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי און פון די פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן. טויזנטער יידן זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן און זיינען פאַרבליבן אייביקע אינוואַלידן.

יידן האָבן געקעמפט קעגן דייטשלאַנד ניט אין נאָמען פון דער „סאָוועטן־מאַכט" און פון דעם „פאָטער און פירער, חבר סטאַלין", נאָר אין נאָמען פון יידישקייט, פון יידישן קיום און פון יידישער גאולה.

און אָט האָט זיך די מלחמה געענדיקט. די סאָוועטישע קאַנאָנען האָבן אויסגעקנאַלט דאָס לעצטע מאָל מיט טריומף־שאָסן אין דער לופט. יידן האָבן זיך באַדאַרפט אומקערן פון די פראָנטן, פון די געטאָס און לאַגערן, פון די וועלדער און בערג און פון דער סיבירער און טאַשקענטער עוואַקואַציע. ס'איז אָבער זיך ניט געווען וואו אַהין אומצוקערן. יידן אין סאָוועטן־רוסלאַנד זיינען געבליבן אָן אַ היים.

דער סם פון דעם היטלעריזם, אין די באַפרייטע, פון דער דייטשישער אָקופּאַציע, געגנטן, האָט זיך נאָך מערער פאַרשטאַרקט ביים צוריק־קומען פון דער סאָוועטן־מאַכט. די גאַנצע ניט־יידישע באַפעלקערונג איז געווען אַנטיסעמיטיש געשטימט. די יידישע היימען, דאָס יידישע פאַר־

מעגן איז געווען דורך די רוסן, אוקראַינער און ווייס־רוסן צורויבט. די יידן, וואָס האָבן ניט געוואָלט, אָדער ניט געקענט זיך עוואַקואירן, זיי זיינען אומגעקומען אין די געטאָס און אין די לאַגערן. זיי האָט געשאָכטן ניט נאָר דער דייטש, נאָר אויך דער סאָוועטישער בירגער, דער „סלאַוו", דער „מאכמעדאַנער", דער „קאָמוניסט" און דער „קאָמסאָ־מאָלעץ".

אַפילו אין די אוקראַינישע און ווייס־רוסישע סאָוועטישע פּאַרטיזאַן־אָטריאַדן, צו וועלכע יידן זיינען געלאָפן, כדי אנטייל צו נעמען מיט דער ביקס אין האַנט, קעגן די דייטשן, אין די סאָוועטיש־פּאַרטיזאַנישע באַנדעס זיינען אויך געווען הונדערטער פאַלן, ווען גויים־פּאַרטיזאַנער האָבן אַנט־וואָפנט און דערנאָך צושאָסן די יידן־פּאַרטיזאַנער. און ווען אַנטלאָפענע פון די דייטשן, יידן, האָבן אין די וועלדער געגרינדעט באַזונדערע, זעלבסטשטענדיקע יידישע פּאַרטיזאַנישע מחנות זיינען אויך געווען געגנוג פאַלן, ווען סאָוועטישע ניט־יידישע פּאַרטיזאַנער, אוקראַינער, פּאָלאַקן, ליטווינער, רוסן, און ווייס־רוסן זיינען באַפאַלן די יידישע פּאַרטיזאַנער און זיי פאַרניכטעט. פיל פאַלן זיינען געווען, ווען יידישע פּאַרטיזאַנער־מחנות האָבן זיך געדאַרפט שלאָגן אויף צוויי פראָנטן, קעגן צוויי שונאים, קעגן די דייטשישע שטראָף־באַטאַליאָנען און קעגן די סאָוועטישע פּאַרטיזאַן־באַנדעס.

די יידן־פּאַרטיזאַנער, די יידן־סאָלדאַטן און אָפיצירן פון דער סאָוועט־טישער אַרמיי, די יידן פון די געטאָס און לאַגערן און די יידן עוואַקו־אירטע קיין סיביר האָבן זיך ניט געהאַט וואו אהין צוריקצוקערן. און ווען זיי האָבן זיך אויף זייער אייגענער ריזיקע אומגעקערט אַ „היים", קיין קיעוו, קיין ווויניצע, קיין אומאַן, קיין אָדעס, קיין כערסאָן, קיין מינסק, קיין וויטעבסק, קיין באָברויסק און אין אַנדערע סאָוועטישע שטעט, האָבן זיי דאָרט באַגעגנט בייזע פּנימער פון גויים, זייערע געוועזענע שכנים.

די גויים האָבן אָפן דערקלערט, אַז זיי ווילן ניט האָבן די צוריק־געקערטע יידן אַלס שכנים. זאָלן זיך די יידן צוריק אָפּטראָגן אַהין, וואוהין זיי האָבן זיך עוואַקואירט. זאָלן די יידן ניט מיינען, אַז זיי וועלן צוריק באַקומען זייערע דירות און זייער פאַרמעגן. דערשלאָגענע און היימ־לאָזע זיינען די צוריק־געקומענע יידן אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן פון זייערע געבורט־שטעט און האָבן זיך געפילט אַלס פרעמדע און איבעריקע. זיי האָבן געפילט, אַז עס לויערט איבער זיי דער טויט, איצט אין די באַפרייטע סאָוועטישע שטעט, פּונקט ווי פריער, ווען די שטעט זיינען פון די דייטשן אָקופּירט געווען. די גויים האָבן אָפן געחוזקט און באַדראָאַט:

„זע נאָר, עס האָבן זיך צוריק באַוויזן יידן. אַבי מיר האָבן געמיינט, אַז מען האָט שוין אַלע אויסגעקוילעט".

„האָ, ניט־דערקוילעטע... איר וועט שוין מיט אונז צוזאַמען ניט לעבן. מיר וועלן אייך ווייזן... איר וועט שוין מער איבער אונז קיין קאָמיסאַרן ניט זיין"...

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אָפּענער אַנטיסעמיטיזם אין סאָוועטן־רוסלאַנד. אַזאַ מין אַנטיסעמיטיזם, וואָס די סאָוועטן־רעגירונג האָט ניט געוואָלט, אָדער האָט ניט געקענט אָפּשטעלן. אין אַזוינע שטעט ווי אַפילו מאָסקווע און לענינגראַד האָט מען געקענט הערן אויסגעשרייען, וואָס האָבן באַדייט באַליידיקונג און זידלעריי פאַר יידן. אַנשטאָט דעם אַלטן, גוט־באַקאַנטן סקאַרבאָוועם, צאַרישן זידל־וואָרט „זשיד", האָט מען געפונען און צוגעטראַכט נייע, מער פּאַסיקע פאַר די אומשטענדן זידל־ווערטער: „אַבראַשקע" און „סאַרע".

ניט איינמאָל זיינען געווען פאַלן ווען אַ סאָוועטישער בירגער, אַ רוס, אַן אוקראַינער, אַ ווייס־רוס, האָבן אָפּגעשטעלט אַ יידן, אַן אינוואַליד, אָן אַ פוס, נאָר מיט אַ פולער ברוסט באַהאָנגען מיט אָרדערס און מעדאַלן פאַר זיינע העראָאישע טאַטן אויפן פראָנט, און מען האָט צו דעם יידן מיט אַ חוזק־שמייכעלע זיך געווענדעט:

„אַבראַשקאַ, ס'קאַקאָוואָ טראַמוואַיאַ טי אופּאַל, קאַק טי סיעביע נאָגו סלאָמאַל ? („אַבראַשקע, פון אַ וועלכן טריין ביסטו אַראָפּגעפאַלן, ווי אַזוי האָסטו זיך דעם פוס צובראָכן?).

אָדער:

„אַבראַשקאַ, גדיע טי סוואָי מעדאַלי קופּיל, סקאָלקאָ זאַ ניך זאַפּלאַטיל ?" (אַבראַשקע, וואו האָסטו דיינע מעדאַלן געקויפט, וויפל האָסטו פאַר זיי באַצאָלט ?).

און דער חוזק־לאָזונג: „יידן האָבן איינגענומען, אַן שלאַכט, טאַשקענט", איז איבער דעם גאַנצן לאַנד פון די סאָוועטן פאַרשפּרייט געוואָרן.

אָבער דאָס איז נאָך אַלץ געווען גאָרניט אַנטקעגן די אָפענע סטראַשונקעס און בילבולים אויף יידן, וועלכע האָבן אָנגענומען אַ כאַראַקטער ממש פון אמתע פּאָגראָמען אין אַזוינע שטעט ווי קיעוו, וויניצע, טשערנאָוויץ און מינסק. אין דער שטאָט וויניצע האָבן די גויים באַגעגנט די צוריקגעקומענע יידן מיט אַזאַ פיינטשאַפט, אַז קיין איין ייד האָט ניט געוואַגט די ערשטע צייטן צו בלייבן אין שטאָט איבער נאַכט. מען האָט זיך געוואָלגערט די נעכט אויפן וואָקזאַל, זוכנדיק אַ מעגלעכקייט זיך אַרויפכאַפּן אויף אַ צוג און פאָרן ערגעץ אַנדערש. אין דער באַפרייטער וויניצע, אונטער דער שוץ פון דער רויטער אַרמיי, האָבן זיך די יידן דערפילט פונקט אַזוי ווי אונטער דער שוץ פון די דייטשישע „עס־עס־לייט". די לאַגע איז געווען אַזאַ געפערלעכע, אַז די סאָוועטישע רעגירונג האָט

געמוזט אָננעמען דרינגנדע מיטלען כדי אַרויסצופירן די יידן פון וויניצער געגנט. מען האָט אויף גיך, אין איילעניש צונויפגעשטעלט עשאַלאָנען און מען האָט די יידן — ניט־פרעגנדיק ביי זיי, צי זיי ווילן — מאַסן־ווייז אָפּגעפירט קיין... בירא־בידזשאַן. יאָ, דאָס מאָל האָט מען אנשטאָט סיביר, געשיקט די יידן קיין בירא־בידזשאַן.

דאָס איז געווען די בירא־בידזשאַנער „ווידער־אויפלעבונג" אויף עטלעכע חדשים, אַן „אויפלעבונג" וועגן וועלכער די דעמאָלטדיקע מאָסקווער „איניקייט" און די אַמעריקאַנער „מאָרגן פרייהייט" האָבן אַזוי פיל לויב און פרייד אויסגעדריקט.

אין קיעוו איז אין דער שפּיץ פון דער פּאַרטיי און רעגירונג געזעסן אַן אַלטער באָלשעוויק, איינער פו די בעסטע סטאַלינס נאָכפאָלגער און מיטקעמפער, דער „חבר" כרושטשאָוו. אָט דער אָ „פירער" פון דער סאָוועטיש־אוקראַינישער „רעפּובליק" כרושטשאָוו, האָט געפריידיקט אָפּע־נעם אַנטיסעמיטיזם. אונטער זיין אָנפירונג און אונטער זיין הערשאַפט, איז דעם „קיעווער יידישן מלוכה־טעאַטער" ניט דערלויבט געווען זיך צוריק אומקערן קיין קיעוו, נאָך דער קריג, כאָטש די געביידע פון יידיש טעאַטער איז געבליבן גאַנץ. בעת דער דייטשער אָקופּאַציע איז אין דעם טעאַטער געווען אַ „פריילעכע אונטערנעמונג פון דייטשישע אָפיצירן". נאָך דער באַפרייאונג, האָבן דעם יידישן טעאַטער פאַרכאַפּט אַן „אוקראַי־נישע אַרטיסטן־טרופּע" און די, צו וועמען דער טעאַטער האָט ווירקלעך באַלאַנגט די „יידישע אַקטיאָרן־טרופּע" האָט מען קיין קיעוו ניט אַריינ־געלאָזט. מען האָט באַפוילן דעם „קיעווער יידישן מלוכה־טעאַטער" זיך באַזעצן אין טשערנאָוויץ.

אין טשערנאָוויץ איז דער „פירער" פון דער געגנט אויך געווען אַן אַלטער באָלשעוויק, כרושטשאָוו'ס אַ גוטער פריינט, אַ פאַרביסענער אַנטי־סעמיט, וועלכן מען האָט גערופן „טאָוואַרישט" קאָשעוואָי. ער איז געווען דער „פּרעדסעדאַטעל אָבל־איספּאָלקאָמאָ" (פּרעזידענט פון דער געגנט) און ער, קאָשעוואָי, האָט זיך באַצויגן צו די צוריקגעקומענע יידן פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערם מיט אַזאַ ווילדער פיינטשאַפט, אַז ער האָט באַפוילן ניט אַריינלאָזן די יידן אין שטאָט. ס'האָט אים אָבער גאָרניט געהאָלפן. די טשערנאָוויצער יידן באַפרייטע פון די געטאָס און לאַגערן, צריקגעקומענע פון דער רויטער אַרמיי, פון די פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן און פון דער סיבירער עוואַקואַציע זיינען אַריינגעדרינגען אין שטאָט און האָבן זיך געלאָזט צו זייערע אַלטע פאַרלאָזטע היימען, וואוינונגען און דירות. אָבער אין די יידישע וואוינונגען האָבן איצט געלעבט גויים, צום מערסטן טייל סאָוועטישע אָנגעשטעלטע און אָפיצירן פון דער רויטער

אַרמיי. מען האָט די יידן ניט געוואָלט אַריינלאָזן צוריק אין זייערע דירות און מען האָט זיי ניט געוואָלט צוריקגעבן זייער פאַרמעגן,

און כדי איינפירן „אָרדענונג" אין שטאָט און פטור ווערן פון די יידן, האָט דער „חבר" קאָשעוואָי באַפוילן, אַז די פּאָליציי און דאָס מיליטער זאָלן איבער די גאַסן אָפּשטעלן יעדער ייד און אים אונטערזוכן צי ער האָט אַ פּאַספּאָרט און צו ער איז באַשעפטיקט מיט אַרבעט. אויב דער ייד האָט ניט קיין פּאַספּאָרט און אָן אַ פּאַספּאָרט קען מען דאָך קיין אַרבעט ניט קריגן, דאַרף מען אַזאַ יידן אַרעסטירן און פאַרשיקן קיין דאָנבאַס גראָבן קוילן.

די מערהייט יידן, אַזוינע וועלכע זיינען באַפרייט געוואָרן פון די געטאָס און לאַגערן, האָבן פאַרשטייט זיך קיין פּאַספּאָרט און קיין אַרבעט נאָך ניט געהאַט. האָט מען די יידן געכאַפּט איבער די גאַסן, זיי איינגע־זעצט אין תפיסה און דערנאָך זיי קיין דאָנבאַס געשיקט.

אָט ביי דעם אַ צושטאַנד פון די יידן אין טשערנאָוויץ, איז אָנגעקומען דער „קיעווער יידישער מלוכה־טעאַטער".

נאָך אַ צייט „שפּילן" אין טשערנאָוויץ האָט זיך דער יידישער קיעווער טעאַטער ווידער געווענדעט צום אוקראַניש־סאָוועטישן פירער, כרושטשאָוו, אַז מען זאָל זיי דערלויבן צו קומען קיין קיעוו כאָטש אויף אַ קורצער צייט. אָבער דער אוקראַינישער „סטאַלין"־כרושטשאָוו, האָט זייער ביטע ווידער אָפּגעזאָגט. נאָר אָט, האָט ענדלעך כרושטשאָוו זיך „דערבאַרימט" אויף די יידישע אַרטיסטן און זיי אין זומער 1945 דערלויבט צו קומען קיין קיעוו, נאָר אויף אַ פּאָר וואָכן. און פּונקט, ווען דער „קיעווער יידישער מלוכה־טעאַטער" איז געקומען קיין קיעוו אויף גאַסטראָלן און האָט געזאָלט אויפפירן די פּרעמיערע, אין דעם זעלבן טאָג איז אין דעם סאָוועטישן קיעוו אויסגעבראָכן אַ פּאָגראָם, וועלכער האָט געדויערט עטלעכע שעה.

עס זיינען דאָ הונדערטער עדות, וואָס וועלן מיינע ווערטער און דעם פאַקט באַשטעטיקן, כאָטש דאָס איז נאָך ביז איצט קיינמאָל אין ערגעץ ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן. און די בעסטע עדות פון דעם „קליי־נעם" פּאָגראָם אין דעם באַפרייטן פון דייטשן, אין דעם סאָוועטישן קיעוו, זיינען דאָך אַליין אַלע אַרטיסטן פון דעם קיעווער יידישן טעאַטער.

און געשען איז דאָן, אָט וואָס:

אין די גאַנץ־געבליבענע הייזער, דירות און היימען פון די יידן, וואָס זיינען אומגעקומען אין דער קיעווער שחיטה בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע, ווי אויך פון די יידן, וואָס האָבן באַוויזן זיך עוואַקואירן טיף אין רוסלאַנד, אין די יידישע וואוינונגען האָבן זיך באַזעצט דייטשן און אוקראַינער. נאָך דעם, ווי מען האָט די דייטשן פון קיעוו אַרויסגעטריבן,

האָבן זיך אין די גאַנץ־געבליבענע יידישע דירות באַזעצט אמערסטן טייל אָפיצירן פון דער רויטער אַרמיי. דער פירער פון דער אוקראַיאנישער סאָוועטישער רעגירונג, דער אַנטיסעמיט כרושטשאָוו האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז קיינער טאָר זיך ניט אומקערן צוריק קיין קיעוו אָן דער דערלויבעניש פון דער קיעווער סאָוועטן־מאַכט, אָדער אָן אַן אַרויסרוף פון אַ קיעווער סאָוועטיש־ווירטיקער אינסטיטוציע. דאָס האָט געפירט צו דעם, אַז טויזנטער יידישע פאַמיליעס האָבן נאָך דער מלחמה ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט זיך צוריק צוקערן אַ היים, קיין קיעוו. זייערע דירות און זייער פאַרמעגן זיינען איבערגעגאַנגען פון די דייטשן צו די רוסן און אוקראַינער.

ניט געקוקט אויף דעם שטרענגען פאַרבאָט פון כרושטשאָוו'ן, האָט זיך דאָך אייניקע יידן איינגעגעבן צוריק צוקומען קיין קיעוו. איבער־הויפּט האָט זיך דאָס איינגעגעבן די יידן, וועלכע האָבן געדינט אין דער רויטער אַרמיי און האָבן זיך דערדינט צו הויכע אָפיצירישע ראַנגען. און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ לאַדעניש וועגן צוריקקערן די דירות און דאָס פאַרמעגן. די רוסן און די אוקראַינער האָבן ניט געוואָלט פאַרלאָזן די פאַרכאַפּטע יידישע היימען און אויף דעם גרונט זיינען אין קיעוו, ווי אויך אין אַלע באַפרייטע סאָוועטישע שטעט און שטעטלעך, פאָרגע־קומען אינצידענטן.

ווען דער קיעווער יידישער טעאַטער האָט אין קיעוו אָנגעהויבן זיינע „גאַסטראָלן", האָט זיך אויף די קיעווער גאַסן אָפּגעשפּילט אַזאַ דראַמע, וועלכע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „קליינעם" פּאָגראָם. די סאָוועטישע רעגירונג האָט דערנאָך אַלץ געטאָן, אַז די זאַך זאָל פאַר דער עפנטלעכקייט ניט קומען.

אָנגעהויבן האָט זיך דאָס איבער דעם, וואָס אַ ייד, אַ קאַפּיטאַן פון דער סאָוועטישער אַרמיי, מיט אַ פול־באַהאָנגענער ברוסט מיט אָרדנס און מעדאַלן, וועלכע ער האָט באַקומען פאַר זיין העלדישקייט אויף די פראָנטן, דער ייד האָט זיך אומגעקערט אַ היים, אין דעם באַפרייטן קיעוו אין וועלכן ער האָט מיט זיין פרוי און קינדער ביז דער מלחמה געוואוינט. זיין דירה איז געווען גאַנץ און דאָס מעבל מיט זיין פאַרמעגן איז דאָרטן אויך געווען. פריער, ווען די דייטשן האָבן פאַרכאַפּט די שטאָט, האָט אין זיין דירה געוואוינט אַ דייטשער הויכער אָפיציר. און איצט ווען מען האָט די דייטשן אַרויסגעטריבן האָט אין דער דירה זיך באַזעצט אַ סאָוועטישער אָפיציר. ווען דער קיעווער ייד, דער פאַרדינסטפולער קאַפּיטאַן, איז ביים סוף פון דער מלחמה דעמאָביליזירט געוואָרן פון דער אַרמיי, איז ער צוריקגעקומען קיין קיעוו. ער איז געקומען אין זיין הויז און האָט דאָרטן געטראָפן אַ רוס, אַ סאָוועטישן אָפיציר, האָט

ער אים חבריש, אויף א מענשלעכן אופן דערקלערט די לאגע און אים באוויזן מיט דאקומענטן, אז די דירה, דאס מעבל און דאס גאנצע פארמעגן איז זיינס. ער האט ניט געהייסן דעם גוי באלד אפטרעטן די דירה, נאר ער האט זיך ביי אים געבעטן, אז מען זאל דערווייל צוזאמען אין דער דירה וואוינען, ביז דער גוי וועט זיך געפונען אן אנדער וואוינונג. דערנאך, ערשט וועט דער ייד אראפברענגען פון דער עוואקואציע זיין ווייב און קינדער.

איז אנשטאט מיט גוטן זיך צונויפצוריידן, אדער דעם ענין איבערגעבן אין א געריכט, האט דער גוי זיך צושריגן אויפן יידן, אים באליידיקט מיט אלערליי אנטיסעמיטישע און מיעוסע זידל־ווערטער. ער האט מיט חוזק געפרעגט ביים יידן: „וואו און פאר וויפל האסטו דיינע ארדנס און מעדאלן געקויפט?". און ער האט אפן דערקלערט: „אין קיעוו וועלן קיין יידן מער ניט וואוינען. דאס וואס די דייטשן האבן ניט באוויזן צו טאן, וועלן מיר טאן".

אווארט פאר א ווארט און דער באליידיקטער ייד, דער העלד פון דער רויטער ארמיי, האט ארויסגעכאפט דעם רעוואלווער און האט געשאסן דעם אנטיסעמיט.

עס איז באלד געווארן א סומאטאכע איבער אלע קיעווער גאסן:

„די יידן שיסן אונזערע פראוואסלאווע ברידער".

„שלאגט די יידן, ראטעוועט אוקראינע".

עס האבן זיך צונויפגעזאמלט א פאר הונדערט אוקראינער און רוסן, אינוואלידן פון דער רויטער ארמיי און מען האט אנגעהויבן שלאגן יידן. מען איז אוועק אין די וואוינונגען פון די יידן און מען האט געראבעוועט און געשלאגן. פינף שעה האט דער פאגראם געדויערט אין קיעוו, אונטער דער נאז פון דער אוקראיניש־סאוועטישער רעגירונג און פון דעם מיטגליד פון דער אל־סאוועטישער „פאליט־ביורא", כרושטיאוו.

כאראקטעריסטיש פאר די יארן 1944־1946 איז אויך אזא פאל, וואס איז דערציילט געווארן אין די מאסקווער יידישע קרייזן (אין דעם „יידישן אנטי־פאשיסטישן קאמיטעט", אין דער ציימונגס־רעדאקציע „איינקייט", אין דער מאסקווער סינאגאגע און אין מאסקווער יידישן טעאטער). אויב אפילו, דאס אלץ וואס איך וועל איצט דערציילן איז ניט פינקטלעך און ניט אויף אלע הונדערט פראצענט אמת, איז דאס אבער פארט כאראקטעריסטיש פאר יענער צייט אין מאסקווע, ווייל אנדערש וואלטן די דארטיקע יידן אין דער שטיל צווישן זיך אזוינע מעשיות ניט דערציילט.

אין די קולוארן פון דעם אנטי־פאשיסטישן קאמיטעט אין מאסקווע, האב איך געהערט דערציילן אזא געשיכטע:

„אין מעטרא, איז ארום עלף א זייגער אויף דער נאכט געפארן אן אפיציר פון דער סאוועטישער רויטער ארמיי און ער האט זיך אנגעפרעגט ביי די מענשן, וואו עס געפינט זיך דער יידישער טעאטער. ווען מען האט אים דערקלערט, אז איצט איז שוין שפעט צו פארן אין טעאטער, ווייל די פארשטעלונג ענדיקט זיך שוין, האט דער אפיציר מיט א חוזק און מיט זידל־ווערטער אפגעענטפערט: „וועל איך טאקע זען די יידן, ווען זיי וועלן ארויסגיין פון זייער יידישן טעאטער. אויפן פראנט האב איך דאך קיין יידן ניט געזען". דאן איז צו דעם אפיציר צוגעגאנגען א יונגערמאן, האלב־מיליטעריש געקליידעט און מיט א גאלדענעם שטערן אויף זיין ברוסט, אלס צייכן, אז ער איז א העלד פון סאוועטן־פארבאנד. ער האט א געשריי געטאן צום אפיציר: „אט זעסטו א ייד, וואס איז געווען אויפן פראנט" און ער האט דעם אפיציר דערלאנגט צוויי פעטש און אים ארויסגעפירט פון דער מעטרא".

יעדנפאלס זיינען ענלעכע אנטיסעמיטישע געשיכטעס, ענלעכע אנטי־סעמיטישע אויסדרוקן געווארן א טאג־טעגלעכע דערשיינונג אין סאוועטן־רוסלאנד. איך אליין האב אין יאר 1945 מיט מיינע אויגן געזען, אויף איינער פון די מאסקווער גאסן, אנטקעגן א טריין־סטיישן, א גרויסן אויפשריפט מיט קרייד אויף א וואנט: „שלאגט די יידן, ראטעוועט רוסלאנד". און אין דער שטאט טשערנאוויץ בין איך עדות געווען, ווען צוויי רויטע ארמיי אפיצירן האבן אין מיטן העלן טאג געשאסן א יידן, וועלכער האט פארקויפט סאדע־וואסער, דערביי האבן די מערדער געשריגן: „זשיד, אויפן פראנט ביסטו ניט געווען, פארזוך־זשע דא א קויל". אמת, דער סאוועטישער מיליטער־געריכט האט די אפיצירן פארמשפט צום טויט, אבער ניט אלס אנטיסעמיטן, כאטש זיי אליין האבן זיך מודה געווען, אז זיי האבן דעם יידן ניט געוואלט בארויבן און אז זיי האבן אים געשאסן נאר ווייל ער איז א ייד און ווייל יידן זיינען ניט געווען אויפן פראנט. דאך האט זיי דער מיליטער־געריכט פארמשפט ניט אלס אנטיסעמיטן, נאר אלס רויבער.

איך וויל דא באמערקן, אז כאטש אין דער סאוועטישער ארמיי, אין די פארטיזאנישע אטריאדן און אויף אלע סאוועטישע פראנטן האבן זיך געפונען גאר א גרויסער פראצענט יידן, האט זיך דאך ביי אייניקע אנטיסעמיטיש־געשטימטע רוסן, אוקראינער און ווייס־רוסן געקענט באקומען דער איינדרוק, אז יידן זיינען ווייניק אויף די פראנטן. דאס נעמט זיך דערפון, וואס אייניקע יידן האבן זיך גערופן מיט עכט רוסישע נעמען פון קינדווייז אן. אייניקע יידן האבן געביטן זייערע עכט יידישע נעמען אויף רוסישע אוים מורא פאר די אנטיסעמיטיש־געשטימטע סאלדאטן און אפיצירן. און אייניקע יידן זיינען גלאט געווען אסימיליא־

טאָריש געשטימט און האָבן ניט געוואָלט, אַז מען זאָל וויסן, אַז זיי זיינען יידן.

איך אַליין האָב אויך אויפן פּראָנט זיך גערופן מיט אַן עכט סלאַ־ווישן נאָמען. ווען מיר איז אויסגעקומען פון פראָנט אויף אַ פּאָר טעג צו פאָרן קיין מאָסקווע, האָב איך באַזוכט דעם יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט און דאָרט האָט מיך דער דיכטער לייב קוויטקאָ, וועלכער איז געווען איינער פון די פירער פון דעם קאָמיטעט און פון דער צייטונג „אייניקייט", אָפּגעזידלט הלמאי איך רוף זיך מיט אַ גוישן נאָמען און איך פארקלענער מיט דעם דעם פּראָצענט יידישע אַנטיילנעמער אויפן פראָנט. און ערשט נאָך דעם, ווען איך האָב אים דערקלערט, וואָס פאַר אַן אמת איך האָב און אין וואָס פאַר אַ לאַגע איך געפין זיך, ערשט נאָך דעם איז לייב קוויטקאָ געווען מיט מיר איינשטימיק און ער האָט אפילו מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל ניט זאָגן קיינעם אויפן פראָנט, אַז איך בין אַ ייד.

ביי דער ענדע פון דער צווייטער וועלט־קריג האָט זיך באַקומען, אַז דער אַנטיסעמיטיזם אין סאָוויעט־רוסלאַנד איז אַ רעזולטאַט פון דעם סם, וואָס דאָס היטלער־דייטשלאַנד האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט אין די ברייטע רוסישע, אוקראַינישע און וויס־רוסישע אָפּגעשטאַנענע מאַסן, דאָס איז אָבער ניט אמת. פאַר דרייסיק יאָר סאָוועטן־מאַכט זיינען שוין קיין ברייטע, אָפּגעשטאַנענע מאַסן מער ניט געווען. די סאָוועטישע יוגנט איז אַ גראַמאָטנע. די סאָוועטישע יוגנט לייענט סאָוועטישע ביכער און סאָוועטישע צייטונגען. די סאָוועטישע יוגנט זעט סאָוועטישע פיעסן אין סאָוועטישע טעאַטערס און סאָוועטישע פילמען אין די סאָוועטישע מואַוויס. און גראָד די סאָוועטישע יוגנט, די אינטעליגענץ פון סאָוועטן־לאַנד איי אַנטיסעמיטיש געשטימט. היטלער האָט זיי געעפנט די אויגן, ער האָט זיי געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מען קען זיך באַגיין אָן יידן, אַז די הויכע פּאָסטנס, וואָס יידן פאַרנעמען דאַרפן איבערגיין צו די רוסן און אַז יידן זיינען אַ פרעמד און פאַראַזיטיש פאָלק, מיט פרעמדע אידייען פון אַ „קאָסמאָפּאָליטישן" וועלט־יידנטום.

די סאָוועטן־רעגירונג און די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָבן שווייגנדיק מיטגעשטימט מיט די סאָוועטישע „אינטעליגענטע אַנטיסעמיטן" אַזוי לאַנג, ביז זיי האָבן אַליין אָנגעהויבן צו פירן אַ קונציק־פאַרשלייערטן, אָפענעם אַנטיסעמיטישן קורס. די סאָוועטישע רעגירונג און די קאָמור־ניסטישע פּאַרטיי, זיינען קיינמאָל ניט געווען פריינטלעך צו יידן און צו יידישע אינטערעסן. די דעמאַגאָגישע מאַסקירונג האָט געשאַפן אַן אילוזיע פון זאָרג פאַר יידן און פריינטשאַפט צו יידן. איצט איז שוין געקומען די צייט, ווען די סאָוועטישע רעגירונג און די קאָמוניסטישע

פּאַרטיי האָבן באַשטימט אָראַפּצונעמען פון זיך די דעמאַגאָגישע מאַסקירונג און אָנהויבן אַ קורס פון כמעט אַן אָפענעם אַנטיסעמיטיזם.

11. קרים און ארץ־ישראל. — שלום.

נאָך פאַר דער מלחמה, האָט שוין די סאָוועטישע רעגירונג און דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אָנגענומען פּאַר־שיידענע באַשלוסן, כדי צו פּאַראַליזירן דאָס יידישע לעבן אין סאָוועטן־רוסלאַנד. מען האָט דאָס געטאָן פּאָרזיכטיק און פיין. מען האָט געטאָן אַזוינס, אַז עס זאָל זיך באַקומען, אַז ניט די סאָוועטן־מאַכט ליקווידירט אַלץ, וואָס האָט צו טאָן מיט יידישקייט און יידנטום, מיט רעליגיעזן, נאַציאָנאַלן און וועלטלעכן, ווי אויך סאָוועטישן יידיש. מען האָט געטאָן אַזוינס, אַז עס זאָל זיך באַקומען, אַז יידן אַליין ווילן ניט קיין יידיש.
אַזוי איז עס געשען מיט דער ליקווידירונג פון די סאָוועטישע יידישע

שולן, אַזוי איז געשען מיטן פאַרמאַכן די בראַסלאַווער קלויז און מיטן אַרעסטירן די בראַסלאַווער חסידים אין אומאַן, אַזוי איז געשען מיטן ליקווידירן די „ייד־סעקציעס”, דעם „געזערד”, די יידישע צייטונג פון מאָסקווע „דער עמעס”, און אַזוי איז געשען מיט די אַרעסטן פון די יידישע שרייבער, יידישע כלל־טוער און יידישע פּאַרטיי־טוער.

נאָכן אַרעסט פון משה ליטוואַקאָוו, דעם רעדאַקטאָר פון מאָסקווער „עמעס”, האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי באַשטימט אַלס רעדאַקטאָר פון „עמעס” איינעם פון דער רעדאַקטאָר־קאָלעגיע פון „פּראַוודאַ” און רעדאַקטאָר פון סאַטירישן זשורנאַל „קראָ־קאָדיל”, דעם רוסישן שרייבער און זשורנאַליסט, דעם אַסימילירטן ייד י. ריקלין. די אויסרעכענונג איז געווען אַ גלענצנדע. ריקלין האָט שוין פון לאַנג דאָס יידנטום פאַרלאָזט, ער האָט זיך אַזוי אַסימילירט, אַז אים איז גאָר קיינמאָל ניט אָנגעשטאַנען צו זיין צווישן יידן און ער וועט ניט וועלן זיין קיין רעדאַקטאָר פון אַ יידישער צייטונג. — אַזוי איז דאָס טאַקע געשען. ריקלין איז ניט מער, ווי עטלעכע טעג געווען רעדאַקטאָר פון דעם מאָסקווער „עמעס”. ער האָט באַלד אָנגעגעבן אַ „ראַפּאָרט”, אַזאַ באַריכט צום צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אַז „אַ יידישע צייטונג אין מאָסקווע, אין דער הויפּט־שטאָט פון רוסלאַנד, איז איבעריק און ניט נוצלעך”.

מיט אַ צייט שפּעטער האָט מען דעם מאָסקווער „עמעס” פאַרמאַכט.

דאָך זיינען נאָך, ערב דעם אויסברוך פון דער מלחמה אין סאָוועטן־לאַנד צוויי צייטונגען אין יידיש, דער קיעווער „שטערן" און דער מינסקער „אָקטאָבער". דערשינען, ווען די קריג אין יאָר 1941 האָט זיך אָנגעהויבן זיינען די דרוקערייען פון די צוויי צייטונגען פאַרניכטעט געוואָרן, די צייטונגען האָבן זיך געשלאָסן, און פון דעמלט אָן דערלויבט ניט מער די סאָוועטישע רעגירונג צוריק עפענען די צוויי יידישע צייטונגען.

אין ברען פון דער קריג, ווען רוסלאַנד האָט געזוכט הילף פון דער דעמאָקראַטישער אויסלענדישער וועלט און עס זיינען אויף גיך געשאַפן געוואָרן פאַרשיידענע „אַנטי־פאַשיסטישע קאָמיטעטן", איז אין קובישאָוו, אין דער דאַמלטדיקער צייטווייליקער הויפּט־שטאָט פון דער מאָסקווער אַנטלאָפענער סאָוועטישער רעגירונג, אויך געשאַפן געוואָרן אַ „יידישער אַנטי־פאַשיסטישער קאָמיטעט" און ביים קאָמיטעט אַ צייטונג אין יידיש, די „אייניקייט".

די סאָוועטן־מאַכט האָט שוין אָבער געהאַט אַ גוטע דערפאַרונג מיט די ליקווידירטע „יידישע סעקציעס" און מיט דעם ליקווידירטן „געזערד". די סאָוועטן־מאַכט האָט שוין גוט געוואוסט, אַז ווען מען גיט יידן אַ מעגלעכקייט, אַזוי אָרגאַניזירן זיי זיך שנעל און זיי צעשפּרייטן זייער יידישע קולטור, אפילו יידיש־סאָוועטישע קולטור, אָבער פאָרט יידישע קולטור און עס הויבט אָן דראָען אַ געפאַר פון יידישער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג. אָבער, איצט האָט די סאָוועטן־מאַכט איינגעזען אַ גרויסע נוצלעכקייט פאַר זיך גופא, מיטן שאַפן אַ מין נייעם טיפּ יידישע אָרגאַניזאַציעס, און כדי עס זאָל זיך ניט ווידערהאָלן מיט דער ניי־געשאַפענער אָרגאַניזאַציע קיין יידיש־נאַציאָנאַלע טעטיקייט, האָט די סאָוועטן־רעגירונג און די קאָמוניסטישע פּאַרטיי באַשטימט, אַז „נאָר איין יידישער אַנטי־פאַשיסטישער קאָמיטעט אין קויבישאָוו און ביים צוריקקערן זיך קיין מאָסקווע, אין מאָסקווע זאָל עקזיסטירן. אין קיין שום אַנדערע שטעט, וואו עס געפונען זיך קאָמפּאַקטע יידישע מאַסן טאָר קיין „יידישער אַנטי־פאַשיסטישער קאָמיטעט" זיך ניט געפונען. די צייטונג „אייניקייט" ביים קאָמיטעט דאַרף דערשיינען נאָר איין מאָל אַ וואָך, אין אַ באַגרענעצטער צאָל עקזעמפּלאַרן, און דאַרף זיין אויסגערעכנט אַם מערסטן פאַר אויסלענדישע יידן".

דער מיין איז דערביי געווען, אַז דער „מאָסקווער יידישער אַנטי־פאַשיסטישער קאָמיטעט" און די צייטונג „אייניקייט", זיינען געשאַפן ניט אויף צו באַדינען און באַפרידיקן די סאָוועטישע יידן, נאָר אויף צו פירן אַן אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע לטובת דער סאָוועטן־מאַכט צווישן די פאַרמעגלעכע יידן פון אַמעריקע און אַנדערע לענדער, כדי

אויסצאפן פון די אויסלענדישע יידן וואס מער געלט פאר דער סאוועטן־רעגירונג וועלכע פירט מלחמה קעגן היטלערן...

די אויסרעכענונג פון די סאוועטישע, פארטייאישע און רעגירונגס־פירער, איז געווען א טרעפלעכע.

אזוי און לויט די אנווייזונגען, האט זיך טאקע אויפגעפירט דער „יידישער אנטי־פאשיסטישער קאמיטעט" אין מאסקווע און זיין ארגאן, די „איינקייט" אין די מלחמה־יארן.

אנדערש איז אבער געווארן די לאגע נאכן קריג.

מען האט געהאפט, אז נאך דער קריג וועט די לאגע פון די יידן אין סאוועטן־רוסלאנד ווערן א סך בעסער, ווי פריער. אין דער צייט פון דער מלחמה האט די סאוועטן־מאכט געמאכט א פאר „שיינע זשעסטן" צו אייניקע רעליגיעזע אנשטאלטן און האט מיט דעם דערהויבן, אדער אויפגעוועקט אין די פיל סאוועטישע פעלקער, זייערע נאציאנאלע און רעליגיעזע געפילן. די יידן, וועלכע האבן אויף די פראנטן און אין טיל ארויסגעוויזן פיל העלדישקייט און זיינען באלוינט געווארן פון דער רעגירונג מיט די העכסטע אויסצייכענונגען, מיט מעדאלן, ארדנס און גאלדענע שטערן, זיי, די יידן, וועט מען געוויס איצט דערלויבן צו שאפן א נאציאנאלע היים און אנטוויקלען זייער יידישע קולטור, לויט סטאלינס פרינציפ: „נאציאנאל לויט דער פארם און סאציאליסטיש לויטן אינהאלט".

יידישע כלל־טוער פון דעם סארט : איציק פעפער, שלמה מיכאעלים, פרץ מארקיש, לייב קוויטקא, דוד בערגעלסאן און מלך עפשטיין, האבן איצט געווענדעט זייערע אויגן צו קרים.

פאר וואס עפעס, קרים?... — ווייל, פון קרים האט די סאוועטן־מאכט ארויסגעפירט קיין סיביר און ארעסטירט אלע טאטארן, ווייל זיי, די קרים'ער טאטארן, האבן בעת דער קריג פארראטן דעם סאוועטישן רעזשים און זיי זיינען אלע ביז איינעם אריבער דינען צו די דייטשן. איצט איז קרים פריי פון טאטארן, עס איז דארט פאראן גענוג פוסטע און פרייע ערד, פרייע שטעט און דערפער, וואו יידן, וועלכע געפונען זיך אין דער עוואקואציע און אין דער רויטער ארמיי און קענען זיך ניט אומקערן צוריק אין זייערע צעראבעוועטע היימען פון אוקראינע און ווייס־רוסלאנד, וואלטן געקענט פאר זיך שאפן א נייע היים, א נייעם יידישן צענטר.

קרים איז שוין פון לאנג „דער טרוים" פון דעם סאוועטישן יידנטום. אין קרים איז ביז דער מלחמה געווען א יידישער „נאציאנאלער" ראיאן, וועלכער איז געווען רייכער און שענער און גינסטיקער פאר יידן, ווי בירא־בידזשאן. די סאוועטן־מאכט האט אבער פריערט ניט דערלויבט דעם קרים'ער יידישן ישוב זיך אנטוויקלען. נאר איצט, נאך דער מלחמה, נאך דעם ווי די יידן האבן אזא העלדישקייט ארויסגעוויזן ביים פארטיידיקן

די סאָוועטן־מאַכט, וועט מען געווים דערלויבן שאַפן אויפסניי, אַ יידישן ישוב אין קרים.

באַקומען האָט זיך אָבער גאָר אַנדערש.

נאָך דער מלחמה האָט זיך אין סאָוועטן־רוסלאַנד צעגאָסן אַ כוואַליע פון אַ פאָלקס־אַנטיסעמיטיזם, וועלכער איז סוף־כל־סוף אַריבער די גרע־נעצן פון די „סלאַווישע" און „מאַכמעדאַנישע", ברייטע און פינצטערע מאַסן און האָט זיך פאַרפעסטיקט אין דער קאָמוניסטישער פאַרטיי און האָט אָנגענומען אַ כאַראַקטער פון אַ רעגירונגס־אַנטיסעמעטיזם.

יידישע קאָמוניסטן, שרייבער און כלל־טוער ביי וועמען עס האָט זיך נאָך געטליעט ערגעץ טיף אין דער נשמה אַ פונק פון יידישקייט, אַ פונק פון דעם וואַרימען ניט־פאַרגעסלעכן פּינטעלע, וואָס מען רופט דאָס „פּינטעלע ייד", זיי, די יידן, זיינען געלאָפן צו די סאָוועטישע מיניסטאָרן מיט קלאַגעס און מיט געבעט... מען איז געווען ביי מאָלאָטאָוון, ביי ליטווינאָוו'ן און ביי קאַגאַנאָוויטש'ן. מען האָט אויך געוואָלט גיין צו סטאַלינ'ען, האָט מען ניט צוגעלאָזט. האָט מען דערפאַר צו סטאַלינ'ען געשריבן האַרץ־רייסנדיקע בריוו פולע מיט בלוט און מיט טרערן.

די רעגירונג האָט צוגעזאָגט אָננעמען מיטלען. אָבער קיין שום מיטלען זיינען כמעט ניט אָנגענומען געוואָרן, אויסער דעם, וואָס מען האָט עטלעכע עשאַלאָנען מיט יידן פון די אַנטיסעמיטיש־געפערלעכע געגנטן אַרויסגעפירט קיין בירא־בידזשאַן. און אויב, דאָס אַראָפּנעמען יידן פון זייערע הויכע פּאָסטנס, איבערהויפּט פון דער יוסטיץ, געריכט און פּראָקוראַטור, פון מיליטערישע אַנשטאַלטן, פון טעאַטער, מואַווי, פּרעסע, ליטעראַטור און קונסט און אַרויפזעצן אויף די פּאָסטנס רוסן און אוקראַינער, אויב דאָס הייסט זאָרג פאַר יידן און קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, קען מען באמת באַהויפּטן, אַז די סאָוועטן־מאַכט האָט אין דעם „זינען" זייער פיל אויפגעטאָן.

מען האָט אויך צוגעזאָגט די „פּירער" פון דעם סאָוועטישן יידנטום, אַז מען וועט באַטראַכטן די פראַגע וועגן קרים. מען האָט אַפילו צו געגעבן מוט: „בירא־בידזשאַן וועט מען מוזן ליקווידירן, ווייל קרים וועט ווערן אַ יידישע געגנט". די דערשלאָגענע און צעווייטיקטע „יידישע פּירער" פון דעם „אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט" און „איינקייט", האָבן דער־פילט אַ באָדן אונטער די פיס און זיינען ביי זיך זיכערער, שטאָלצער און מוטיקער געוואָרן. זיי האָבן ניט געפילט, די אומגליקלעכע, אַז דאָ שטעלט זיי די סאָוועטן־מאַכט אונטער אַ פּיסל, אַז דאָ ווערט צושפּרייט אַ נעץ, און אַז אַלע, אַלע ביז איינעם, וועלן זיי, ווי „בורזשואַזע נאַציאָ־נאַליסטן", ווי „נאַציאָנאַליסטישע קאָסמאָפּאָליטן" און ווי, „בעזפּאַס־פּאָרטנע בראָדיאַגעס" אַרעסטירט און פאַרניכטעט ווערן.

פּלוצים האָט מען פון די הויכע, „שײנענדיקע" פּענצטער, פון די װײַסע קלױסטער־הײַזער, װאָס שטײען אין מאָסקװער קרעמל, געמאָלדן דעם „ייִדישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט" און דער צײַטונג „אײניקײט", אַז מען װעט קרים פאַר די ייִדן ניט באַשטימען און ביראָ־בידזשאַן װעט מען אױך ניט אַנטװיקלען, װײַל די ייִדישע פּראָבלעם, װעט שױן פון איצט אָן געלײזט װערן אױף אַן אינטערנאַציאָנאַלן פאָרום, אין אַן אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. „פּאַלעסטינע" — ארץ ישראל, װעט װערן אַ ייִדיש לאַנד, אַ ייִדישע הײם פאַר אַלע ייִדן פון דער גאָרער װעלט און די סאָװעטישע ייִדן, װעלן דאָרטן דאַרפן אָנפירן מיטן װעלט־ייִדנטום.

דאָס איז געװען אין דעם מאָמענט, װען רוסלאַנד האָט מיט איר אױסערן־פּאָליטיק אַזױ „פײַן" געשפּילט, אַז אין מאָסקװע איז מען טאַקע געװען זיכער, אַז דער נאָענטער אָריענט, פּאַלעסטינע און די אַרומיקע אַראַבישע לענדער, װעלן װערן פּראָ־סאָװעטישע, אױב ניט אַפילו אינ־גאַנצן סאָװעטישע. עס האָט זיך אָנגעהױבן אַזאַ פּאָליטישע שפּיל, אַז עס איז נױטיק געװען צו שטיצן די „ייִדן־פראַגע" אין דער יו־ען. קױפנדיק, דורך אַזאַ אַ שפּיל די פרײַנטשאַפט פון װעלט־ייִדנטום און דער עיקר פון די פּאַלעסטינער ייִדן, װעט זײַן לײַכטער אַרײַנצושטעלן אַ פוס אין דעם נאָענטן אָריענט.

דאַן אין די יאָרן 1945־1946, האָבן אַלע ייִדן אין סאָװעט־רוסלאַנד אָנגעהױבן האָפן צו רײדן װעגן פּאַלעסטינע. אַפילו די אַסימילירטע ייִדן און יוגנטלעכע, װעלכע זײַנען שױן אין דער סאָװעטישער עפּאָכע געבױרן געװאָרן און האָבן קײן ייִדיש רײדן ניט געקענט און האָבן פון קײן ייִדיש לעבן ניט געװאוסט, אַפילו צו זײ האָט זיך דער „פּאַלעסטינע טרױם" אַרײַנגענגבעט. דאָס באַװײַזט, אַז דער סאָװעטישער אַנטיסעמיטיזם, נאָך דעם היטלערישן אַנטיסעמיטיזם האָט זײ שטאַרק געטראָפן און האָט דערװעקט אין זײ אַ ייִדישן נאַציאָנאַלן געפיל.

דערצו נאָך האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ באַפױלן דעם „ייִדישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט" דער צײַטונג „אײניקײט" און אַלע ייִדישע סאָװעטישע שרײַבער, װי אױך אַלע ייִדן־קאָמוניסטן פון רוסלאַנד און אױסלאַנד, אַז מען זאָל אָנהױבן פירן אַן אַגיטאַציע פאַר ארץ־ישראל און מען זאָל זיך פאָרשטעלן פאַר קאָמוניסטן־ציוניסטן, װעלכע זײַנען נאָך געטרײַער דעם ייִדישן פאָלק און ארץ־ישראל װי אַלע אַנדערע ציוניסטן.

באַפעל, איז באַפעל.

דער „אַנטי־פאַשיסטישער קאָמיטעט" אין מאָסקװע און די צײַטונג „אײניקײט" האָבן געטאָן װאָס מען האָט זײ געהײסן. זײ האָבן נאָך אַפילו איבערגעשפּילט די שפּיל... װײַל זײ זײַנען דאָך פאָרט ייִדן...

מען האָט באַפרייט די פּוילישע יידן פון סיביר, פון דער פאַרשיקונג, פון די לאַגערן און תפיסות און מען האָט זיי געגעבן אַ מעגלעכקייט זיך צוריק אומקערן קיין פּוילן. דאָס זעלבע האָט מען געטאָן מיט די רומענישע, טשעכישע, אונגאַרישע, דייטשישע און אַנדערע יידן פון פאַרשיידענע לענדער, וועמען דער גורל האָט אין די מלחמה־יאָרן פאַרוואָרפן קיין סאָוועטן־רוסלאַנד און וועמען די סאָוועטן־מאַכט האָט די גאַנצע צייט פון קריג געהאַלטן אין די סיבירער פאַרשיקונגען. די סאָוועטן־רעגירונג האָט שוין גוט געוואוסט, אַז די אַלע באַפרייטע יידן פון סיביר, וועלן אין זייערע פריערדיקע לענדער פאַר זיך שוין מער קיין היים ניט געפונען און זיי וועלן מאַסן־ווייז שטרעבן צו פאָרן קיין ארץ ישראל. די סאָוועטן־רעגירונג האָט אָבער אין איר זעלבסט־איינרייידעניש, אַז זי טוט גוטס פאַר דער מענשהייט, אויך געמיינט, אַז די אַלע דעפּאָרטירטע פּוילישע און אַנדערע יידן, פאַר וועלכע זי האָט באַפוילן אין די ערשטע חדשים צו עפענען אַלע גרענעצן פון די סאָוועטיש־קאָנטראָלירטע לענדער, אַז די אַלע יידן וועלן זיך דערשלאָגן צו ארץ־ישראל און וועלן אייביק זיין דאַנקבאַר דער סאָוועטן־מאַכט.

פאַר וואָס וועלן די יידן, וואָס האָבן פאַרלאָזט רוסלאַנד אייביק דאַנקבאַר זיין די סאָוועטן, — דערפאַר, וואָס מען האָט זיי אַרעסטירט, געהאַלטן אין סיביר און מען האָט מיט זיי געאַרבעט קאַטאָרגע און זיי זיינען אין די טויזנטער אויסגעשטאָרבן פון הונגער און פון קעלט, פון פאַר־פאַלגונג און ווילקיר ?... צי אפשר דערפאַר, וואָס דורך אַ צופאַל זיינען זיי געבליבן לעבן און די פאָליטישע אומשטענדן האָבן געפירט צו דעם, אַז די סאָוועטן־מאַכט זאָל זיי פון סיביר באַפרייען און זיי געבן אַ מעגלעכקייט זיך אומקערן צוריק אין זייערע נאָך מער אַנטיסעמיטיש־געוואָרענע לענדער, פון וואַנען זיי וועלן מוזן מאַסן־ווייז אַנטלויפן און זיך צושלאָגן צו ארץ ישראל און צו אַמעריקע ?...

ניין, די יידן זיינען קיין גוטע פריינט דער סאָוועטן־מאַכט ניט געבליבן.

און וואָס איז מיט ארץ ישראל ?

פאַר דער הילף אין „יו־ען”, זיינען די יידן דאַנקבאַר געווען רוסלאַנד. אָבער קיין שום ענטוזיאַזם האָט מען צו דער סאָוועטן־מאַכט ניט אַרויס־געוויזן, ווייל מען האָט גוט פאַרשטאַנען, וואָס אונטער דער אָ שטיצע שטעקט...

ארץ ישראל איז געוואָרן אַ זעלבסטשטענדיקע, פרייע, דעמאָקראַטישע, יידישע מדינה, וואָס אָריענטירט זיך ניט אויף סאָוועטן־פאַרבאַנד און ניט אויף קיין שום אַנדער לאַנד. ישראל אָריענטירט זיך אויף אַלע דעמאָקראַטישע לענדער, וואָס וועלן און ווילן איר שטיצן און אין

דער ערשטער רײ אָריענטירט זיך ישראל אויף דעם אײגענעם ייִדישן פֿאָלק.

פֿאַרשטײט זיך, אַז בײ דער איצטיקער סיטואַציע מוז רוסלאַנד, צײטווײליק אויפגעבן דעם פּלאַן פֿון אַרײנשטעלן אַ פֿוס אין פּאַלעסטינע און אין די אַראַבישע לענדער.

אויסערלעך, פֿאַר דער וועלט מוז נאָך סאָוועטן־לאַנד פֿירן איר פֿריערדיקע פּאָליטיק פֿון שטיצן ישראל. אָבער אינערלעך, בײ זיך אין לאַנד און אין די קאָנטראָלירטע, סאָוועטישע לענדער איז די פּאָליטיק געענדערט געוואָרן. ס'איז באַפֿוילן געוואָרן צו אַלע קאָמוניסטישע פּאַרטייען און צו אַלע קאָמוניסטישע צײטונגען, אַז מען זאָל אויפֿהערן צו שטיצן די ייִדן, דעם ציוניזם, און ארץ ישראל. מען זאָל ניט לאָזן מער קײן ייִדן אַרויספֿאָרן פֿון די סאָוועטיש־אונטערטעניקטע לענדער, קײן ישראל.

און וואָס הײסט ניט לאָזן קײן ייִדן עמיגרירן קײן ישראל ? — דאָס הײסט ניט לאָזן ישראל שנעל וואַקסן, דאָס הײסט אַ פֿײנטלעכע שטעלונג צו דער ישראל־רעגירונג, ווײל דער גרונט פֿון דער ארץ ישראל־אויפֿלעבונג איז דאָס צונויפֿזאַמלען די ייִדן פֿון אַלע גלות־לענדער. און צום סוף בײ דער לײזונג פֿון ירושלים־פּראָבלעם אין דער יו־ען, האָט סאָוועט־רוסלאַנד אַרויסגעוויזן אַן אָפֿענע קעגנערשאַפֿט צו ישראל.

אין דעם סאָוועטן־לאַנד גופא, האָט זיך אָנגעהויבן אַ רעאַקציע, אַ פֿאַרפֿאָלגונג פֿון אַלע די, וואָס טרוימען וועגן ארץ־ישראל. כאָטש די פּאַרטײ און די רעגירונג האָבן אַלײן געצוואונגען די „פּירער" פֿון דעם סאָוועטישן ייִדנטום אָנצוהויבן אַ פּראָ־ציוניסטישע טעטיקײט, גיט דאָס איצט אַ געלעגנהײט, אַז מען זאָל יעדער ייִד־קאָמוניסט, יעדער ייִדישן שרײבער חושד זײן אין סימפּאַטיע צום ציוניזם און אין בורזשואַז־נאַציאָנאַלער אידעאָלאָגיע. דערצו נאָך האָבן זיך די אײגענע נאַציאָנאַל־קאָמוניסטישע טענדענצן פֿאַרגרעסערט און זײנען פֿאַרפֿעסטיקט געוואָרן. יעדער אײנעם, וואָס האָט עפּעס אַמאָל געזאָגט גוטס וועגן די דערגרײ־כונגען אויפֿן געביט פֿון קונסט, ליטעראַטור און וויסנשאַפֿט אין די בורזשואַזע לענדער, האָט מען באַצײכנט אַלס אַ שעדלעכן עלעמענט, אַ „קאָסמאָפּאָליט", אַ „בורזשואַזן־נאַציאָנאַליסט" און אַ „בעזפּאַספּאָרטנע בראָדיאַגע".

אַמעריקע און ישראל, — דאָס איז בורזשואַזער אויסלאַנד. ייִדן וואוינען אין אַמעריקע און ייִדן וואוינען אין ישראל. די סאָוועטישע ייִדן זײנען באַזונדערע ייִדן און דאַרפֿן ניט און טאָרן ניט זײן פֿאַרבינדן מיט די ייִדן פֿון אַמעריקע און מיט די ייִדן פֿון ישראל. און ווען מען האָט אין רוסלאַנד אַ „ייִדישן אַנטי־פֿאַשיסטישן קאָמיטעט" מיט אַ ייִדישער

ציַיטונג „אײניקייט“ הייסט דאָס, אַז די סאָוועטן־מאַכט, די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און די נ. ק. וו. ד. דאַרפֿן שטענדיק זײַן אויף דער וואַך, מען דאַרף היטן, אַז מען זאָל ניט אַרײַנשמוגלען קיין בורזשואַז־נאַציאָנאַלע אידעאָלאָגיע. און דאָס הייסט אויך, אַז די סאָוועטישע יידן זאָלן ניט אויפוואַכן נאַציאָנאַל און זאָלן זיך ניט דערקלערן פאַר אַ פאָלק מיט אַלע סאָוועטישע פעלקער גלייך, פאַר אַ יידישער נאַציע.

האָט די סאָוועטן־מאַכט אָנגענומען זיבערע שריט :

מען האָט פאַרמאַכט דעם „יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט אין מאָסקווע“, מען האָט געשלאָסן די אײנציקע סאָוועטישע ציַיטונג אין יידיש, די „אײניקייט“ און מען אַרעסטירט אַלע יידישע „פירער“, אַלע יידישע שרייבער און מען האָט טיל און טעל געמאַכט פון דעם ביסל יידיש און יידישקייט אין סאָוועט־רוסלאַנד.

ביי אַ צוויי מיליאָן פאַרפאָלגטע, באַליידיקטע און דערשלאָגענע יידן לעבן נאָך איצט אין סאָוועט־רוסלאַנד. יידן אָן אַ יידישקייט, יידן אָן אַ צוקונפט און אָן אילוזיעס אויף אויסגעלייזט צו ווערן פון דער סטאַלינישער רויטע בעסטיע, פון דעם נאַציאָנאַל־קאָמוניזם, באָלשעוויזם און סאָוועטן־מאַכט.

דער אויפשטאַנד פון די טויטע

נאָטיצן און בילדער וועגן פאַרשוואונדענע
פאַרפייניקטע און געשטאָרבענע יידישע
שרייבער אין סאָוועטן־רוסלאַנד.

חיים לאסקער

אַ יינגער דיכטער, וועמען עס האָט פאַרפאָלגט דער טויט

איינער פון די טאַלאַנטירסטע דיכטער פון דער מינסקער יוגנט־גרופּע איז געווען חיים לאַסקער, אַ נאָמען, וואָס האָט זיך ניט אַזוי געוואָרפן אַלעמען אין די אויגן צוליב זיין באַשיידנקייט, צוליב זיין ניט איילן זיך אָפּצודרוקן אַ ליד און צוליב זיין אויסטערליש, אָפּגעזונדערט לעבן.

דערפאַר אָבער, ווען זיינס אַ ליד איז שוין געווען געדרוקט אין דעם מינסקער ליטעראַרישן זשורנאַל „שטערן", אונטער דער רעדאַקציע פון איזי כאַריק'ן, איז דאָס ליד געווען ווי פון שטיין אַן אויסגעהאַקטע, אַן אָרום־געשניצטע און אַ פילאָזאָפיש־מאַלערישע.

ווען אים פלעגט מען זאָגן : אַ געבענשטער טאַלאַנט.

און מיר, דעם שרייבער פון די שורות, איז זער שווער צו דערמאָנען דעם יונג־פאַרשניטענעם דיכטער, ווייל ער האָט אין זיין אָפּגעזונדערטן אָרט לעבן מיך אויסדערוויילט פאַר זיינעם אַ ליבלעכן חבר און אויף מיינע הענט

האָט ער זיין נשמה אויסגעהויכט. און ווען איך שרייב די שורות, זע איך דעם „אינטערנאַציאָנאַלן בית־עלמין, צווישן די פאַרשיידענע גויים, וואו מען האָט זיינע יינגע ביינער, לויט אַ באַפעל פון מינסקער שטאָט־ראַט, באַגראָבן. און איך זע אויך פאַר זיך, ווי ער שטייט אַנטקייגן מיר מיט זיינע שוואַרצע גרויסע אויגן פולע מיט טרויער, און ווי שטענדיק, קוקן זיי צו דער ערד, דורכצולעכערן און זען „וואָס טוט זיך דאָרטן איניווייניק, אויף יענער וועלט, וואוהין ער וועט מוזן היינט אָדער מאָרגן אָנקומען". און דער שעמעוודיקער שמייכל העגנגט־אַראָפּ פון זיינע מילדע און שטענדיק־פאַרשמאַכטע ליפּן, און איך הער זיין הייזעריק, שטיל קול : „חבר, אויב מיינע ביינער איז באַשערט פאַרפוילט צו ווערן אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן „הייליקן" אָרט, איז זאָל כאָטש מיין נאָמען דערמאָנט ווערן צווישן יידן. דערציייל פאַר דער וועלט, ווי אַזוי איך האָב זיך געראַנגלט מיטן לעבן, ווי אַזוי די „מענשלעך"־סאָוועטישע געזעלשאַפט האָט פאַר׳סמ׳ט מיין געמיט און דער שאָטן פון דער ען. קאַ. ווע. דע. איז מיר נאָכגעגאַנגען פוס־טראָט און אין מיין לעבן האָב איך נאָר געזען טויט..."

און כדי צו דערמאָנען זיין נאָמען צווישן יידן און גוטע מענשן, און כדי מיט דעם שטעלן אים אַ דענקמאָל צווישן די פילע יידישע קינסטלער־מאַרטירער, גיב איך אַ בלעטער אין מיין זכרון עטלעכע שורות פון איינער פון זיינע לעצטע לידער :

. . . איך זינק. ס׳איז ווייט שוין פון מיר
אויף אַזויפיל, ווי קיינמאָל דער הימל.
מיך ציט אויף אַראָפּ. ס׳איז שרעקלעך
דער אָפּגרונט, כ׳וועל בלינד;
מיטאַמאָל — איך דערהער אַ קול אַזאַ
צאַרטער און דינער,
איך כאַפּ זיך אויף און איך דערקאָן —
ס׳איז דער רוף פון דיין צוגעזאָגט קינד . . .

חיים לאַסקער איז קיינמאָל ניט געפלויגן אין הימלען. ער איז אָבער אויך קיינמאָל ניט געגאַנגען פעסט אויף דער ערד. זיין גאַנץ יונג לעבן, ווען די „אומשטענדן און די אַטמאָספער" האָבן אַזוי אכזריותדיק פאַר־ניכטעט, האָט ער געפילט ווי עס וואָלט אים אין אַ שרעקלעכן אָפּגרונט אַראָפּגעצויגן. אים האָט טויב געמאַכט די צעיושעטע בלאָפערישע אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע. אים האָבן פריטשמיעלעט די אַלע לויב־געזאַנגען צו „דער פּאַרטיי און פירער". עס האָט אים געעקלט פון די פיל־צאַליקע „יידישע" דיכטער, וואָס זינגען דיפיראַמבן „צו דעם, וואָס איז העכער פון דעם גרעסטן באַרג", און ער האָט דערפילט, אַז ער ווערט בלינד ליינענדיק, טאָג־איין, טאָג־אויס, איינס און דאָס זעלבע ניט־אמתדיקע און ניט־אויפריכטיקע, נאָר שאַבלאָנע און באַרימעריש־פאַרפירערישע פּראָפּאַגאַנדע. און זיין איינ־

ציקער טרוים איז געווען, אז ער וועט פירן א שטיל לעבן מיט זיין געליבט מיידל און ער וועט דערהערן דאָס קול פון דעם קינד, וועלכעס זי וועט אים געבוירן. אָבער אויך דאָ, אין זיין ליבע, האָט ער זיך אנטוישט, ביטער אנטוישט, ווי אין דער יידיש־סאָוועטישער ליטעראַטור, ווי אין דער סאָוועטישער אינערלעכער פּאָליטיק...

איך וויל דאָ דערציילן די געשיכטע פון חיים לאסקער'ס פּלאַטאָנישער, כמעט פאַרהייליקטער ליבע צו א שיין מיידל, וועמען ער האָט געהאַלטן פאַר א מלך, און דער סוף האָט זיך אויסגעלאָזט, אז דאָס איז געווען א שלאַנג אין דער געשטאַלט פון א יידיש־סאָוועטיש מיידל.

אין מינסק איז אַמאָל דערשינען א יידישע יוגנט־צייטונג „דער יונגער ארבעטער". (אין אָנהויב 1937 איז, לויט א פאַראָרדענונג פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, געשלאָסן געוואָרן די צייטונג), אין דער יוגנט־צייטונג „יונגער ארבעטער" האָט אַלס סעקרעטאַר פון רעדאַקציע געאַרבעט א מיידל, איז דאָס געווען אַזא שיינהייט, אז נאָר אין די בילדער פון די ביבלישע צייטן האָט מען אַזא שיינהייט געקענט זען. אירע שוואַרצע גרויסע אויגן — א ים מיט פרייד, און אַמאָל האָט זיך די פרייד אין א מילדן טרויער פאַרוואַנדלט. אירע רויטע שיינע ליפּן — זיי האָבן זיך געבעטן קושן. מען האָט באַדאַרפט זיין שטאַרקער פון אייזן — שטיין לעבן איר און זי ניט א קוש טאָן. איר קול — ווי דוד'ס פידעלע וואָלט אַרויסגעזונגען, אַזוי צאַרט איז דאָס געווען. און היינט אירע שיינע הענט, אירע געטאָקטע פיס, איר שלאַנקער קערפּער...

דער דיכטער חיים לאַסקער איז אין איר אַזוי פאַרליבט געווען, אַז ער האָט איר פאַרוואַנדלט אין אַן אָפּגאָט און ער האָט צו איר תפילה געטאָן. צוויי יאָר האָט ער זיך מיט איר אַרומגעפירט. זי האָט אים פאַרביטן זיין דערשטיקטן אידעאַל וועגן א „מדינה ישראל". אין איר אָנוועזנהייט האָט ער פאַרגעסן אין דער גריזאָטע פון דעם טאָג־טעגלעכן שמוציקן לעבן, מיט די ליגנס און שווינדל און מיט דעם שלעכטס, וואָס איין מענש טוט דעם צווייטן. לעצטנס האָט לאַסקער אינגאַנצן איגנאָרירט די סאָוועטישע ליטעראַטור און פּרעסע און ער האָט נאָר געלעבט מיט די קלאַסיקער. דער ענגלישער דיכטער באַיראָן איז געוואָרן זיין ליבלינג, און שטענדיק, ווען איך פלעג צו אים קומען, האָב איך אים געטראָפן מיט באַיראָנס א בוך אין די הענט. בטבע איז לאַסקער געווען א גרויסער, און אפשר אַפילו א גרוייזאַמער, שווייגער. אויף אַלע פאַרזאַמלונגען פון די יידיש־סאָוועטישע שרייבער פלעגט ער זיצן און שווייגן, און אז עמיצער האָט אים עפּעס געפרעגט, פלעגט ער ניט ענטפערן, ער פלעגט נאָר גוטמוטיק אונטערשמייכלען. מיט מיר אָבער פלעגט ער ריידן און זער פיל ריידן. אָפט פלעגן מיר חברים פרעגן, איבערהויפּט פלעגט מיר דאָס פרעגן איזי כאַריק:

— מיט וואָס האָסטו פאַרכשופט לאַסקער'ן, וואָס נאָר מיט דיר רעדט ער ?

איך בין זיך מודה, אַז איך געדענק אַליין ניט גענוי, ווי אַזוי עס האָט זיך באַקומען, אַז דער קרענקלעך־גוט־האַרציקער, הויך־קולטורעלער דיכטער און ש ו ו י ג ע ר, חיים לאַסקער, האָט זיך מיט מיר אָנגעהויבן חברן און פאַר מיר האָט ער געעפנט זיין האַרץ און נשמה און זיין קוואַל פון פיל־פיל שיינע, דרייסטע, גוטע און נאַאיווע רייד. און וועגן וואָס ער זאָל ניט געוועזן מיט מיר ריידן, איז ער צו זיין גרויסער פייערלעכער און הייליקער ליבע צום מיידל פון „יינגן אַרבעטער" צוגעקומען און ער האָט מיר דערציילט, אַז זי איז אַ מלך. איך פלעג אים, ווי אַן עלטערן ברודער, אויסהערן.

— חיים, ס'איז דאָך ניט גוט אַזוי. ווי קען מען דאָס אויסגיין צוויי יאָר מיט אַ מיידל און זי אַפילו קיין איין קוש ניט טאָן ?...

— גיי שוין, גיי שוין, — האָט ער גוטמוטיק געלאַכט — דו ביסט אַ זינדיקער מענש אין דער הינזיכט. דו מיינסט, אַז יעדע מיידל איז גליין. אָט כאַפּט מען זי און מ'קושט זי... ניין, זי איז אַן אַנדערע. זי איז אַ מלך !...

איינמאָל, אין אַ שפּעטן זומערדיקן, פאַרוואָלקנטן אויפדערנאַכט, ווען עס ווילט זיך זיצן אינדערהיים, ביי דיין שרייב־טיש און שרייבן, האָט מען אָנגעקלאַפּט אין מיין טיר. איך האָב געעפנט. פאַר מיר איז געשטאַנען חיים לאַסקער, אַ בלאַסער, אַ ווייסער ווי קרייד, מיט אַ פּנים אויף וועלכן עס איז געווען אָנגעצייכנט : „טויט"... מיט אַ טיכעלע האָט ער זיך געווישט די טראָפּנס בלוט פון די צוביסענע ליפּן. דאָס האָט ער זיך אַליין געביסן די ליפּן פון פיין און האַרץ־ווייטיק, פון טיפער באַליידיקונג — אַזאַ באַליידיקונג, וואָס דערפירט מענשן צו זעלבסטמאָרד... ער האָט זיך צעוויינט און איך האָב אים באַרואיקט און געטרייסט. אָבער מיין טרייסט האָט זיין צובראָכן געמיט ניט געקענט לינדערן. איך האָב זיך דערוואוסט דאָס פאָלגנדע:

...זיין געליבט מיידל, וועמען ער האָט געהאַלטן פאַר אַ מלך, האָט ער צופעליק אין גאַס געטראָפן געאַרעמט מיט איינעם, אַ געקליידעטן אין אַן אָפיצירישער אוניפאָרם. אים האָט אַ שטאָך געטאָן ווי מיט אַ מעסער אין האַרץ. ער האָט פאַר צוויי יאָר באַקאַנטשאַפט ניט געוואָלט זי אָננעמען פאַר דער האַנט און זי פירן געאַרעמט, און דאָ גייט זי מיט עפּעס אַ גוי — זי, די יידישע טאָכטער, די יידישע פּרעסע־טועריז, זיין מלך, זי גייט מיט דעם גוי און טוליעט זיך צו אים, און לאַכט און שמייכלט, און ער, לאַסקער, גייט זיי נאָך פון וויטן און וויל וויסן דעם סוף... און דער סוף איז, אַז מ'קומט אין אַ גאָרטן, ערגעץ אין דער טונקל, צווישן ביימער, מ'זעצט זיך אויף אַ באַנק און... מ'קושט זיך ! און ער, דער אומגליקלעכער, נאַאיווער פאַרליבטער, שטייט איינזאַם אונטער אַ בוים און קוקט זיך צו מיט צאָרן און מיט אַנטוישונג ווי אַזוי זיין מיידל, זיין מלאך נאַרט אים...

— אוי, — שריט ער אויס, — אויך ביי איר האָב איך קיין אמת ניט געפונען! — און ער אַנטלויפט מיט אַ געוויין צו מיר, זיין חבר, אין נויט... איז מיט וואָס קאָן איך אים העלפן און מיט וואָס קאָן איך אים טרייסטן ?...

— לאָסקער קוק מיט אָפענע אויגן אויף גאָטס וועלט — זאָג איך אים.

— וואונדער זיך ניט, ווען דו זעסט אַזויפיל שלעכטס. פאַר דער וועלט, ביי היינטיקע צייטן, איז דאָס נאַטירלעך. וואונדער זיך! ווען דו זעסט אַביסעלע גוטס. גוטע מענשן ביי היינטיקע צייטן איז אַ זעלטנהייט.

ער האָט די נאַכט ביי מיר גענעכטיקט. איך האָב אים ניט געוואָלט לאָזן אַליין גיין אהיים.

אָבער וואָס האָט מען געקענט טאָן פאַר אים, ווען אַ מענש האָט זיך איינגערעדט, אַז אים פאַרפאָלגט דער טויט, אַז ער מוז גיך שטאַרבן ?...

זיין איינרעדעניש האָט אָבער געהאַט אַ שטיקל גרונט. ער איז קינד־וויז געווען אין אַ ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. זיינס אַ ברודער איז געווען איינער פון די אָנפירנדע ציוניסטן. זיינע חברים, לויט דער ציוניסטישער באַוועגונג, זיינען שוין כמעט אַלע געווען ווער פאַרשיקט קיין סיביר, ווער געשאָסן און ווער עס האָט זיך אַליין גענומען דאָס לעבן... אין זיין ליטע־ראַרישער טעטיקייט האָט ער זיך ניט באַוויזן אַזוי ווי די איבעריקע מיט „הללויה"־לידער צום פירער און זיין פאַרטיי. ער האָט אויך אַ קליינע שייכות געהאַט מיט די „סטאַכאַנאָוועצעס" און מיט די „קאָלכאָזנע בריגאַ־דירן", מיטן „טאָרף" און מיט די „קוילן" פון דעם סאָוועטישן פאַטערלאַנד...

אָט, דערמאָן איך זיך אין נאָך אַ פּאָר שורות פון זיינס אַ ליד:

. . . איך שרייב, די ערשטע שורה, כ'שניץ,
נאָר פאַר'ן אויג — דיינע ווערטער — קאָרבן:
„דאָס, וואָס דאַרף לעבן אין ליד,
מוז, ווי אַ מענש פון לעבן שטאַרבן . . ."

יאָ, זיינע ווערטער, זיינע געדאַנקן, זיינע אידייען און זיין גוט האַרץ מיט דער גוטער נשמה זיינען פאַרבליבן אין זיינע טייערע געשניצטע לידער. אָבער ווער דערמאָנט דען איצט דעם פּאָעט, וואָס „מוז, ווי אַ מענש פון לעבן, שטאַרבן..." קיינער ווייסט ניט פון אים, קיינער ווייסט ניט וועגן זיין איין און איינציקן ביכעלע געשניצטע, יידישע „סאָוועטישע" לידער, אַ ביכעלע לידער מיט אַ רופנדיקן נאָמען: „צום מאַיאַק", וואָס איז שוין דערשינען נאָך זיין טויט. ביים לעבן, אין שפּיטאָל, אויף זיין טויטן בעט, ווען אַלע חברים שרייבער, אַפילו דער גוטער איזי כאַריק, האָבן מורא געהאַט צו אים אַריינגיין כדי מ'זאָל זיך ניט אָנשטעקן מיט דער קראַנקייט פון שווינדזוכט, בין איך איינער אַליין געזעסן אויף זיין טויטן בעט און מיט אים געמאַכט די קאָרעקטור פון זיין ערשטן און לעצטן ביכעלע לידער. איך האָב אים צוגעזאָגט, אַז איך וועל אַלעס טאָן כדי זיין ביכעלע לידער

זאָל וואָס גיכער דערשיינען. אוי, האָט ער געוואָלט דערלעבן צו זען מיט זיינע גוטע, טרוימערישע אויגן זיינע לידער געזאַמלטע און געדרוקט אין אַ בוך!

און גאָט איז מיין עדות, אַז איך האָב אַלץ געטאָן כדי זיין לידער־זאַמלונג, דער בוך, זאָל אים נאָך טרעפן ביים לעבן. אָבער וואָס האָט מען געקענט טאָן, אַז דעם יונגען דיכטער האָט זיך נאָר אויסגעוויזן, אַז אָט־אָט קומט מען פון „טשעקאַ", פון גע־פע־או", פון „נ.ק.וו.ד." און מ'פאַרנעמט אים אין טורמע, ווי אַ פּאָליטישן פאַרברעכער, ווי אַ טראָצקיסט, אַ ציוניסט, אַ נאַציאָנאַליסט?... מ'האָט דאָך שוין אַזוי פיל שרייבער און קינסטלער פאַרנומען; קען מען דאָך אים ניט פאַרבייגיין — אים, דעם „גרויסן פאַר־ברעכער", חיים לאַסקער, וואָס זאָגט זיך קאַטעגאָריש אָפּ צו שרייבן „פּעפּער־דיקע" לידער, — מ'וועט דאָך אים דערפאַר טויטן, טויטן... און ער רעדט מיט מיר וועגן טויט, און ער שרייבט וועגן טויט.

— חיים — שריי איך צו אים, — לעב, מיר דאַרפן לעבן. וועסט זען, עס וועט נאָך קומען אַ צייט און מיר וועלן מאַכן אַן אויפשטאַנד קעגן די באַצווינגער, קעגן די אונטערדריקער, וואָס לאָזן קיין פריי וואָרט, קיין אמתדיקן געדאַנק ניט אַרויסזאָגן. דאָס לעבן וועט נאָך זיין פריי און גליק־לעך; לעב, חיים!...

— ניין — האָט ער מיט די לעצטע כוחות אַרויסגערעדט. — אויך י', מיין מלאך, האָט מיך גענאַרט. ניטאָ קיין אמת אויף דער וועלט!

— אונזער לעבן איז אַ באַשטעטיקונג פון אמת, אונזער גלויבן... — און איך האָב שוין גערעדט צו אַ טויטן. ער האָט צוגעמאַכט זיינע אויגן. ער האָט צוגעשלאָסן זיינע ליפּן.

— חיים!...

איך בין אַרויס מיט אַ געוויין. איך האָב זיך אויסגעוויינט אַן איינ־זאַמער, אַ דערשלאָגענער און אַ צעבראָכענער פון די שלאָפלאָזע נעכט ביי זיין טויטן בעט. דערפאַר האָב איך שוין ניט געוויינט, ווען מ'האָט זיין קערפּער אין דער טמא ערד פון דעם סאָוועטיש־אינטערנאַציאָנאַלן בית־עולם אַראָפּגעלאָזט.

אַלע סאָוועטישע שרייבער פון דער שטאָט מינסק, יידן און גויים, וואָס האָבן ניט געוואַגט צו אים אַריינגיין אין שפּיטאָל, האָבן איצט שטאַרק געוויינט און האַרצרייסנדע רעדעס אויף זיין פרישן קבר געהאַלטן. און נאָר איך, זיין חבר אין אַלע נויטן, בין געשטאַנען אין אַ זייט און האָב געשוויגן. אָ, איך האָב זיי איצט דערקענט די „שרייבער" און „מענטשן", וואָס זיינען די ערשטע רעדנער אויף „חתונות" און „לויות", זיי זיצן אין די „פּרעזידיומס", זיי מעלדן זיך אַלס „פירער"... זיי האָבן ליב אונטער־

לעקער, דעם באַשיידענעם פּאַרזען זיי און דעם אומגליקלעכן טאַפּטשן זיי נאָך צו מיט די פיס !...

יאָ, איך האָב שוין דאַן אַלץ געוואוסט און פאַרשטאַנען, איך האָב אָבער דאַן ניט געקענט דערציילן דאָס, וואָס איך דערצייל איצט.

און מיין ניט־געזאָגטע רעדע אויף מיין חברס קבר זאָג איך איצט :
„אויב טויטע וואָלטן געקענט אויפשטיין און מאַכן אַן אויפשטאַנד קעגן זייערע באַצווינגער און אונטעררייקער, וואָלסטו, מיין חבר, צו דעם אויפ־שטאַנד אויך צוגעשטאַנען".

איז זאָלן מיינע ווערטער באַשיינען זיין נאָמען. חיים לאַסקער איז געווען אַ טאַלאַנט און אַ מעכטיקער, אַ שטילער קעמפער פאַר פרייהייט פון וואָרט.

וואו איז אַהינגעקומען משה קולבאַק?

„פּינצטער־מיד אין פרעמדע לענדער
גייט אַ מענש אַרום . . ." — (קולבאַק)

דער מענש און דיכטער, משה קולבאַק, האָט פאַר זיך געזוכט אַן אייגענע היים. ס'איז אים „פינצטער־מיד" געווען זיך אומוואַלגערן און אומגיין איבער פרעמדע לענדער. וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט פּוילן, דאָס האַלב־פאַשיסטישע פּוילן, פאַר דעם ריינעם מענשן מיט אַן איידעלן גייסט און מיט אַ זויבערן געוויסן ?... פּוילן איז געווען אַ גהינום !... אין ווילנע, ירושלים דליטע ; ווילנע אַ שטאָט, וואָס האָט געהאַט אַ שם אין דער גאָרער וועלט מיט אירע יידישע און העברעאישע שולן, גימנאַזיעס און אינסטיטוציעס ; ווילנע, דאָס וויגעלע פון יידישקייט, אַפילו דאָ קאָט זיך משה קולבאַק געפילט פרעמד און האָט פאַר זיך קיין אָרט ניט געוואָלט געפונען... ווייל אים האָט זיך אַלץ געדוכט, אַז נאָר דאָרט, אין מאָסקווע און אין מינסק, שיינט באמת גאָטס זון, און נאָר דאָרט גייט אויף דאָס לעבן, און נאָר דאָרט קען אַ מענש געפונען רו און אַן אָרט אין לעבן, און זיך דערהויבן מיטן געדאַנק און מיט דער שעפערישער פאַנטאַזיע צו די קדשי קדשים פון דער הייליקער קונסט.

און אָט איז ער געקומען אַהין, אין זיין אויסגעבענקט לאַנד, צו וועלכן ער האָט אַזוי געשטרעבט, אין דעם לאַנד פון די באָלשעוויקעס און „סאָציאַליזם"... אמת, מ'האָט דאָרט אויפגענומען קולבאַקן מיט גרויס

פּאַראַד און פּאָמפּע און מיט שמחה... מ׳האָט אים דאָרטן אָוועקגעזעצט אויף א „הויכע קינסטלער שטול" און ער האָט באַקומען די בעסטע מעגלעכקייטן צו שרייבן זיין „טשאַילד העראַלד" און זיינע „זעמליאַנער", צו דרוקן פּיל־פּיל יידישע לידער און דערציילונגען און צו ווערן באַוואונ־דערט און געשעצט.

און פּלוצים, אָן א פאַרוואָס און אָן א פאַרוועז, האָט מען אָט דעם איידעלן מענשן און דיכטער משה קולבאַקן, וועמען מען האָט די גאַנצע צייט דערהויבן אַזש ביזן הימל, א שליידער געטאָן אויף דער ערד; אַזא שליידער געטאָן, אַז מ׳האָט געמאַכט טיל און טעל פון אים, פון זיין פאַמיליע, פון זיינע ווערק און פון זיין לעבן.

מ׳האָט אין דעם „באַרימטן" יאָר 1937, ווען י ע ז ש אָ ו האָט געוועלטיקט (און די פּאַרטיי און די רעגירונג, דאַרף דאָס הייסן, האָט פון יעזשאָוו׳ס געוועלטיקונג אין גע. פּע. או. און אין די סאָוועטישע תפיסות ניט געוואוסט), אַרעסטירט משה קולבאַק׳ן צוגלייך מיט איזי כאַריק׳ן, מיט משה ליטוואַקאָוו׳ן און מיט נאָך פּיל־פּיל שרייבער, אַרטיסטן און וויסנ־שאַפטלער. מ׳האָט משה קולבאַקן אַרעסטירט און פאַרשיקט... דאָרט, אין סאָוועטן־רוסלאַנד, הייסט דאָס ליקווידירט.

צי לעבט ער, משה קולבאַק, צי איז ער געזונט, צי איז ער נאָך ביים זינען, אויסטראָגנדיק אין די תפיסות דעם פּיין און לייד, צי ער איז געשטאָרבן מיט זיין אייגענעם טויט, צי מ׳האָט אים געטויט ?...

איך געדענק גוט די גרויסע פרייד און באַגייסטערונג, וואָס משה קולבאַק האָט מיט זיך געבראַכט מיט זיין קומען קיין סאָוועט־רוסלאַנד. פאַר אונז, די יונגע, די געבאָוועטע און „געפּעסטעטע" אין דער אָקטאָבער־באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, איז קולבאַק׳ס קומען פון אויסלאַנד געווען אָן איבעריקער באַווייז, אַז „דאָרט" איז שלעכט, און ביי „אונז" איז גוט. איך געדענק גוט אונזער פרייד, די פרייד פון יונגע וואַקסנדע שרייבער און דיכטער, וואָס ס׳האָט ביי אונז אַרויסגערופן דאָס דערשיינען אין מינסקער פאַרלאַג משה קולבאַק׳ס „זעמליאַנער". און ווען אויף א ליטער־אַרישן אָוונט האָט קולבאַק געלייענט ווייטערדיקע קאַפּיטלען פון די „זעמליאַנער", און דאָרט איז געווען א בילד, אַזא ווינטער־פּייזאַזש, ווי דער שניי ווערט פאַרגליכט צו ווייסן צוקער, צו צוקער וואָס איז אַזוי ווייס, אַזש בלויליך, האָבן מיר אַלע פאַר זיך דערזען די ווייס־בלויליכקייט פון דעם ווינטער־טאָג, און מיר האָבן באַוואונדערט די קראַפט און טאַלאַנט פון דעם שילדערער. און היינט דאָס לייענען ! קולבאַק איז געווען א גרויסער מייסטער ניט נאָר צו שרייבן, נאָר צו פאָרלייענען זיינע ווערק. ווען ער האָט געלייענט, איז די בילד דיר געבליבן שטיין פאַר די אויגן

און די פּאַסירונג האָט זיך איינגעקריצט אין דיין זכרון און איז שוין אויף לאַנג־לאַנג געבליבן ליגן ביי דיר טיף אין האַרצן.

דאָס גאַנצע לעבן האָט משה קולבאַק געזוכט גוטס און ער האָט געפילט, אַז ניט נאָר די וועלט און די מענשן זיינען אַ י ם עפּעס שולדיק, נאָר אויך ע ר איז עפּעס שולדיק. אין איינער פון זיינע אַלטע (ניט־סאָוועטישע) לידער זינגט ער אויס זיין שולד, כאָטש ער ווייסט גאָר אַליין ניט מיט וואָס ער האָט זיך פאַר דער וועלט פאַרשולדיקט. די ליד הייסט מנחה, און אין דער מנחה־ליד ווערט די גוטסקייט פון אַ ליידנשאַפטלעכן מענשן פאַרוואַנדלט אין תשובה:

„איך האָב געשולדיקט פיל, ניט־וויסנדיק,
אָ, וואָס איך טו,
איצט וויל איך תשובה טאָן און אויסבעטן
פאַר זיך אַביסל רו".

און אין דעם ניט־וויסן אין וואָס זיין שולד באַשטייט איז דאָך באַלד דאָ דער ענטפער. קולבאַק נעמט די שולד פון דער וועלט אויף זיך:

איצט וויל איך תשובה טאָן . . .
„די מנחה־שעה איז נאָענט. עלנט ליגט די וועלט,
פאַרלאָזן פון דער זון . . ."

האָט דאָך קולבאַק די וועלט, וואָס איז נ י ט „פאַרלאָזן פון דער זון", דערזען. ער איז צו דער וועלט סוף־כל־סוף געקומען... אָבער דאָ שיינט ניט גאָטס זון, נאָר סטאַלינס זון, און קען זיין דערפאַר איז קולבאַקס סוף אַזאַ שרעקלעכער...

איך וויל דאָ ניט דערמאָנען דעם „ג יי ס ט" פון די לידער, דער־ציילונגען און אַרטיקלען, וואָס משה קולבאַק האָט געשריבן, זייענדיק מיטן גאַנצן האַרצן איבערגעגעבן און בלינד־פאַרפירט, געטריי דער סאָ־וועטן־מאַכט, נאָכדעם, וואָס ער איז אַזוי פיל יאָר געווען „מיד פון אומ־קלאָרע געזאַנגען", און ער האָט גערופן „שפּינען די אַנטפּלעקונג פון אויבן, איינדרימלען און גלויבן, גלויבן, גלויבן..." ס'איז קלאָר, אַז קולבאַק האָט געשריבן אין גייסט פון אַלע סאָוועטישע שרייבער, ניט בעסער און ניט ערגער... ער האָט געשריבן אַזוי, ווייל ניט אפילו דער־פאַר, וואָס אַזוי מוז מען דאָרט שרייבן, נאָר, איך וויל זאָגן, אַז משה קולבאַק מיט זיין ערלעכער נאַאיוויטעט האָט געגלויבט, אַז אַזוי מוז זיין און אַזוי דאַרף מען שרייבן. דערפאַר טאַקע דערמאָן איך דאָ אומעטום דווקא זיינע אַלטע שורות, וואו זיין גייסט איז געווען זיינער, אַ באַוואוסט־זיניקער און ניט קיין בלינד־פאַרכישופטער.

מען האָט אין מינסק שטאַרק פון קולבאַקן געהאַלטן. ער האָט דאָרט געהאַט פיל גוטע פריינט, סיי צווישן די שרייבער און סיי צווישן די

פירער פון דער פּאַרטיי און רעגירונג. ער האָט געהאַט אַ שיינע דירה און שיין פּרנסה. אים האָט, דאַכט זיך, גאָרניט ניט געפעלט. ער איז געווען צופרידן מיט זיין לעבן, מיט דער אַרבעט, מיט דעם רעזשים, און ער האָט גאָרניט געדענקט און ניט געוואָלט מער זען, ווי:

„ס'איז וויסט און לער,
און אומעטיק,
און נודנע שווער,
ב ר ר ר . . ."

און ניט געקוקט אויף זיינע אַלע גוטע מעלות, וואָס אַ סאָוועטישער בירגער, בפרט נאָך אַ סאָוועטישער דיכטער, מוז האָבן, האָט מען קולבאַקן דאָך אַרעסטירט, פאַרשיקט און... ליקווידירט.

איך פערזענלעך האָב זיך באַקאַנט און באַפריינדעט מיט משה קולבאַקן אין מינסק, אין דעם יאָר 1934. ס'איז מיר אויסגעקומען צו זיין ביי אים אין שטוב און, מיט אים צוזאַמען, ווי געסט ביי אַנדערע שרייבער אין דער היים. און ווען משה ליטוואַקאָוו איז איינמאָל אין איילעניש אַראָפּ־געקומען פון מאָסקווע קיין מינסק און מ'האָט ביי איזי כאַריקן — אין זיין נייער דירה, וואָס די רעגירונג האָט אים ווי אַ מתנה געגעבן, — געמאַכט אַ מיטינג פון „אויסדערוויילטע" שרייבער, האָב איך זיך מיט קולבאַקן געטראָפן. ער האָט צוגלייך מיט כאַריקן גענומען אַן אַקטיוון ליידנשאַפטלעכן אַנטייל אין דער פראַגע וועגן די פּראָבלעמען פון יידיש און יידישקייט און וועגן אַ מעגלעכער צוקונפט פאַר יידן אין ביראָ־בידזשאַן. איך זאָג דאָ עדות, אַז משה קולבאַק האָט מיט זיין גאַנצן האַרצן, מיט זיין גאַנצער נשמה און מיט זיין פולן גלויבן נאָר גוטס גערעדט אויף דער סאָוועטן־מאַכט, אויף דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און אויף די פירער... און קען זיין, אַז ווען ער האָט גערעדט, האָט ער געזען פאַר זיך די מאַטאָ פון זיין אַמאָליקן קליין ביכעלע, די מאַטאָ, וואָס לייענט זיך אַזוי:

„געזעען האָב איך יידישע ווערטער,
ווי פייערלעך קליינע, ווי פייערלעך ריינע,
ווי פונקען, געצויגן פון פינסטערן אָרט.
געפילט האָב איך יידישע ווערטער,
ווי טייבעלעך ריינע, ווי טייבעלעך ריינע
די טייבעלעך וואָרקען און וואָרקען אין האַרץ . . ."

און אויב ער האָט דאָס געזען און אפילו געפילט, און אויב עמיצער פון די „אויסדערוויילטע" שרייבער האָבן דאָס פאַרשטאַנען, איז דאָס דאָך ניט קיין פאַרברעכן, און פאַר אַזאַ זאַך צעברעכט מען ניט קיין מענטשן זיין לעבן... ניין, ניט דערפאַר האָט מען קולבאַקן איינגעזעצט אין תפיסה, ניט דערפאַר און ניט פאַר קיין שום זינד!... די אינקוויזיטאָרישע

מאכט, וואָס גלויבט קיינעם ניט און זעט אין יעדן פריינט אפילו — אַ פיינט, אָט די מענשן, וואָס פירן אָן אויף די ערטער מיט דער מאכט און האָבן מורא פאַר זייער אייגענעם שאָטן, ער זאָל זיי ניט פאַרראַטן, — זיי האָבן דאָס ניט געקענט פאַרשטיין, מיט זייערע דור־דורותדיקע „איוואַן־גראָזני" קעפּ, אַז עס זיינען דאָ אויף דער וועלט נאַאיוו־ערלעכע מענשן, אַזוינע ווי משה קולבאַק, און אַז זיי האָבן מיטן אייגענעם ווילן און מיט גוטער כוונה פאַרלאָזט אויסלאַנד און מ'איז געקומען קיין רוס־לאַנד, אין דעם באָלשעוויסטישן רוסלאַנד, אין דעם רוסלאַנד פון דעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל, כדי צוזאַמען מיט דעם רוסישן פאָלק און מיט די אַלע סאָוועטישע פעלקער בויען אַ נייע, אַ שיין און אַ פרידלעך סאָציאַליסטיש לעבן... ניין, מען האָט זיי גאָר קיינמאָל ניט געגלויבט, די פרעמד־געקומענע פון אויסלאַנד, און מ'האָט אויף זיי שטענדיק געהאַלטן אַן אויג !...

און דאָס איז דער סוף פון אַזוינע נאַאיווע און גלוביקע, געטרייע און איבערגעגעבענע דער סאָוועטן־מאכט, אַנטלאָפענע פון די קאַפּיטאַ־ליסטישע אויסלאַנדס און געקומענע אינם איינציקן „פאָטערלאַנד" פון דער „פּראָגרעסיווער" מענשהייט.

י. יאַנקעלעוויטש

דער יינגער סאָוועט-יידישער פּאָעט, וואָס האָט מען געוואָלט פון אים?

איך וויל דערמאָנען אַ נאָמען, אַן אומבאַקאַנטן פאַרן יידישן לייענער פון אַמעריקע. אַ נאָמען פון אַ יונגען שריפטשטעלער, וועלכער איז אין די יאָרן פון 1927 ביז 1937 געווען גוט באַקאַנט אין דער יידיש־סאָוועטישער ליטעראַטור, ווי אַ פּראָלעטאַרישער דיכטער, אַן איבערגע־געבענער יינגער קאָמוניסט, אַ גרויסער סאָוועטישער פּאַטריאָט און אַ פאַרברענטער יידישיסט, — דאָס איז געווען : י. יאַנקעלעוויטש.

ג ע ו ע ן, ווייל ער איז שוין מער ניטאָ. ער איז אויסגעמעקט געוואָרן פון דעם „גאָלדענעם" סאָוועטישן שרייב־צעטל, גלייך ווי ער וואָלט גאָר קיינמאָל אויף דער וועלט ניט געווען, גלייך ווי זיינע לידער און פּראָזע־שריפטן וואָלטן גאָר קיינמאָל ניט געווען פאַרעפנטלעכט אין מאָסקווער „עמעס", אין קיעווער „שטערן", אין מינסקער „אָקטאָבער".

ווילט איר וויסן די מאָראַל פון די סאָוועטישע „פּראָגרעס־לייט",

דאן פארגלייכט די באציאונג צו א געשטאָרבענעם אָדער אומגעקומענעם, א פארפאלענעם אָדער ארעסטירטן (אפילו אין א תפיסה) שרייבער דאָרט, אין רוסלאַנד, און דאָ — אין אַמעריקע. דאָרט, אין רוסלאַנד, ווען א שרייבער האָט זיך מיט עפּעס וואָס „פארזינדיקט", ווערט ער פארניכטעט, און מען טאָר גאָר קיינמאָל זיין נאָמען ניט ברענגען אויף די ליפּן. די בעסטע חברים און די נאָענטסטע פריינט פון דעם פארשטויסענעם שרייבער טרייסלען זיך אָפּ פון אים:

— מיר האָבן דעם שרייבער ניט געקענט און מיר ווילן אים אויך ווייטער ניט קענען!...

דאָ, אין אַמעריקע, אין דעם קאַפּיטאַליסטישן לאַנד, זיינען דאָ פאַר־שיידענע „ספּערעס" אין דער ליטעראַטור און קונסט. אויב עמיצער האַלט ניט פון דעם אָדער יענעם שרייבער, ווייל ער איז א קאָמוניסט, האַלט עמיצער אויך ניט פון דעם אָדער יענעם שרייבער, ווייל ער איז אַן אַנטי־קאָמוניסט. אָבער ניט דעם שרייבער־קאָמוניסט און ניט דעם שרייבער־אַנטי־קאָמוניסט זעצט קיינער ניט איין אין תפיסה פאַר זיינע אידייען. און ווען עס קומט די צייט, אַז א שרייבער לעבט זיך אויס זיינע יאָרן, וויפיל עס איז אים באַשערט געווען, דאַן דערמאָנט מען אין אַלע „ספּערן" זיין נאָמען און מען הויבט ערשט דאַן אָן אַרויסגעבן זיינע אַלע ווערק...

און נאָך איין זאַך פון דער פאַרשיידענער מאָראַל אין א סאָוועטן־לאַנד און אין א דעמאָקראַטיש לאַנד וויל איך דאָ דערמאָנען, נעמלעך: די קריטיק. אין א סאָוועטן־לאַנד איז די קריטיק ניט קיין פרייע און ניט קיין זעלבסטשטענדיקע, נאָר א „קאַזיאָנע", א דיקטירטע פון די רויט־ברענענדיקע קרעמל־פענצטער: „זאָג, אַז דאָס איז א גוט ווערק באַטש עס איז א שלעכטס"! און: „דאָס וואָס איז נעכטן געווען גוט, זאָלסטו עס היינט מאַכן פאַר שלעכט". און כדי אַלץ זאָל אַרויסקומען „ווי בוימל אויף וואַסער", וויל איך טאַקע פרעגן ביי די היגע ליטעראַטור־ און קונסט־קריטיקער, צי איז געווען אַמאָל אין אַמעריקע אַזאַ פאַל, ווען פון ווייסן־הויז זאָל מען געווען געבן א באַפעל צו דער ליטעראַטור־קריטיק, אַז ווענן א געוויסן בוך פון אַן אַמעריקאַנער שרייבער זאָל מען שרייבן א לויב־קריטיק אָדער א פלוך־קריטיק?... און צי איז אויך געווען אַזאַ פאַל דאָ אין אַמעריקע, אַז נאָכדעם וואָס א יאָר צייט האָט די פּרעסע געלויבט א געוויסן בוך האָט מען פלוצלינג זיך אָנגעהויבן צו קלאַפּן „על חטא", אַז דאָס וואָס מען האָט פריער געשריבן איז ניט ריכטיק; ריכטיק איז נאָר דאָס, וואָס מען שרייבט איצט...

נאָך אין יאָר 1937 האָט י. יאַנקעלעוויטש געלעבט און געשאַפן. אין זעלבן יאָר איז אין קיעוו, אין „מלוכה־פאַרלאַג פאַר נאַציאָנאַלע מינ־דערהייטן" דערשינען א זאַמל־בוך צום טאָג פון דער סטאַלינישער קאָנסטי־

טוציע, צונויפגעשטעלט פון די שרייבער ה. אָרלאַנד און ב. סלוצקי. דער זאַמל־בוך הייסט : „וואָס געווען און וואָס געוואָרן”. און דאָ איז צונויפ־געזאַמלט די „סמעטענע” פון דער קלאַסישער און סאָוועטישער ליטעראַ־טור. אויך מיינע, אַ דערציילונג איז דאָרט פאַראַן. און אויפן זייטל 51 איז דאָ י. יאַנקעלעוויטש׳עס אַ שילדערונג וועגן זיין געבורט־שטאָט ראַשקאָוו, וואָס געפינט זיך אין דער מאָלדאַווישער סאָוועטישער רעפּובליק. די באַשרייבונג איז אַ געמיש פון לירישע טענער, מיט באַרימערישע ציטונגס - אַרטיקעל „באַווייזן” מיט ציפערן די גרויסע דערגריי־כונגען און פּאַטריאָטישע אויסגעשרייען וועגן אַ גליקלעך לעבן דאָ, אין סאָוועטן־רוסלאַנד, און אַן אומגליקלעך לעבן דאָרט, אויף יענער זייט גרענעץ — אין רומעניע. עס פעלן דאָ, אין דער ראַשקאָוו־באַשרייבונג, אויך ניט קיין נאַטור־שילדערונגען.

י. יאַנקעלעוויטש איז דורך און דורך אַ סאָוועטישער פּאַטריאָט, אין זיינע לידער, געזאַנגען, נאָך מער ווי אין זיין פּראָזע. אַז מען זאָגט אַ סאָוועטישער, אַ פּראָלעטאַרישער דיכטער, איז דאָך ניט שייך... און ער איז דאָך אינגאַנצן אַלט געווען עטלעכע און צוואַנציק יאָר בעת מען האָט אים אַרעסטירט און ערגעץ פאַרשיקט אָדער פאַרשטעקט... ער איז דאָך געווען אַ דערצויגענער פון דער אָקטיאַבער־באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, קיין שענערס און קיין בעסערס, ווי די סאָוועטן־מאַכט, האָט ער דאָך אין זיין יינגן לעבן ניט געזען און ניט געדאַכט. אָט ברענג איך דאָ אַלס ביישפּיל אייניקע ציטאַטן פון זיין „ראַשקאָוו” און זאָל דער לייענער אַליין אָפּשאַצן וואָס י. יאַנקעלעוויטש האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט :

....„צופונס פון אַ הויכן באַרג ביים סאַמע ברעג פון דעם דניעסטער האָט זיך צעוואָרפן דאָס שטעטעלע ראַשקאָוו, עטלעכע געסלעך מיט איין־שטאָקיקע און צוויי־שטאָקיקע הייזער, און אַרום — סעדער, וויינ־גערטנער און פעלדער מיט טאַבאַק. דאָס גאַנצע שטעטל איז פאַרטונקען אין גרינס. צופוסנס פון דעם שטעטל גלאַנצט אַנטקעגן דער זון דער טייך דניע־סטער, וואָס ציט זיך ערגעץ אַוועק און ווערט פאַרלוירן אין - דער - ווייט. אַנטקעגן, פון דער בעסאַראַביער זייט, ליגט דאָס שטעטל וואַדע־ראַשקאָוו. עס איז אויך צעשאָטן צופוסנס פון אַ באַרג. עס זען זיך אַן עטלעכע געסלעך מיט איין־שטאָקיקע און צוויי־שטאָקיקע הייזער, אָבער וואָס פאַר אַ גרויסער אונטערשייד צווישן די צוויי שטעטלעך !”...

און ווייטער קומט אַ פּאָעטישע שילדערונג :

....„אַ שיינער זומערדיקער פאַרנאַכט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבערן שטעטל. די לבנה העננגט ביי דער זייט פון דעם הויכן גרינעם באַרג און באַזילבערט דאָס וואַסער פון דעם שטילן דניעסטער”...

איצט די דערגרייכונגען פון ראַשקאָוו :

...„ניט ווייט פון דער באוואסטער קלויז געפינט זיך דער שטעטלדיקער קלוב (אמאל איז דא אויך געווען א קלויז). די פענצטער זיינען אפן, און עס טראגן זיך פון דארטן קלאנגען פון א פאטעפאן. מען זעט ווי עטלעכע יאטן שפילן אין ביליארד און אין שאך. ביי א לאנגען טיש זיצט מען און מען לייענט צייטונגען"...

און עס פעלט ניט די שאבלאנע, סאוועטישע צייטונגס־בארימעריי:

...„ 61 קי פארמאגט דאס שטעטל. אין 1934 האט דער קאלווירט פארמאגט איין פאר פערד מיט איין וואגן. היינט פארמאגט ער 9 פאר פערד, 5 פאר לאשיקעס, 9 וועגענער; 150 שאף און 4 אקסן. דער קאלווירט פארמאגט אויך א קינדער־פלאץ און יאסלעס. אין שטעטל זיינען פאראן 3 ארטעלן — א שניידערשער, פון 28 פאמיליעס; א שוסטערשער, פון 30 פאמיליעס, און א טעפיכער־ארטעל, פון 14 פאמיליעס"...

און דער אויספיר איז אזא, ווי עס קען דערוואַרט ווערן פון א יונגענמאן, וואס איז דערצויגן געווארן אין סאוועטישן גייסט. ער איז נאאיוו און פאר־גרעבט, און אים דוכט זיך גאר, אז ער איז קולטורעל און איידל. ער ווייסט, אז נאר אין סאוועטן־לאנד איז מען גליקלעך, און אויף יענער זייט גרענעץ, באטש ער איז דארט קיינמאל ניט געווען, איז מען אומגליקלעך. דער סאוועטיש־דערצויגענער, מיט זיין באשיידענעם שרייבערישן טאלאנט, גלויבט אין זיינע ווערטער, וואס ער שרייבט, ווייל ער גלויבט אין דער סאוועטישערווירקלעכקייט און גערעכטיקייט, און דערפאר מאכט ער אין זיין שרייבן דעם אויספיר:

...„צוויי שטעטלעך האבן זיך באגעגנט ביים דניעסטער: איינס, אויף יענער זייט — א פארפינצטערטס, א פארחושכטס, אן ארעמס; א שטעטל, וואס ליגט צעטראטן אונטערן שטיוול פון דעם רומענישן באיאר — דאס איז וואדע־ראשקאוו; און א צווייטע שטעטל. אויף אונזער זייט — א פרייעס, א ליכטיקס, א זאטס און א גליקלעכס — דאס סאוועטישע ראשקאוו"...

און איצט, ווען איך האב געבראכט פארן לייענער אויסצוגן פון י. יאנקעלעוויטש'עס א באשרייבונג פון ראשקאוו, און קיין זינד האט ער אויף זיך ניט: יונג איז ער, צו קיין פארטייען האט ער קיינמאל ניט באלאנגט, ווייסן ווייסט ער נאר וועגן איין פארטיי — די קאמוניסטישע; וועגן איין לאנד — דאס סאוועטישע; און דאך... יא, דאך האט מען אים ארעסטירט, פארשיקט און, ווי עס גיין אום קלאנגען, ליקווידירט.

— פארוואס ?...

אבער פרעגט ניט פארוואס, ווען אנטיסעמיטן שלאגן יידן איז דען דא א פארוואס ?... מען שלאגט דאך יידן, סיי ווייל זיי ארבעטן ניט און סיי ווייל זיי ארבעטן יא; סיי ווייל זיי זיינען ניט פרום און סיי ווייל זיי זיינען

יאָ פּרום... אזוי איז אַוועק אין סאָוועטן־לאַנד אַ פּסיכאָז אויף „שלאָגן פּיינט פון סאָוועטישן פאָלק", און אַזעלכע „פּיינט" זיינען אָפּט סיי די וואָס זיינען איבערגעגעבן דער סאָוועטן־מאַכט און סיי די, אויף וועמען עס איז דאָ אַ חשד, אַז זיי זיינען ניט איבערגעגעבן דער סאָוועטן־מאַכט; סיי די, וואָס באַרעדן זייערע חברים, און סיי די, וואָס ווערן באַרעדט פון זייערע חברים...

מען רעדט דאָך דאָ, אין די אַמעריקעס, וועגן אַן „אייזערנעם פאָרהאַנג" דאָרט, אין רוסלאַנד... יעדער איינער איז דאָך נייגעריק צו וויסן, וואָס עס טוט זיך דאָרט הינטער דעם „אייזערנעם פאָרהאַנג", איז, ביטע, מיינע „לעידים" און „דזשענטעלמענען" פון דער „רויטער באַוועגונג": פּאָרט אַהין אַ קוק טאָן! איר ווילט ניט? זיצנדיק אין אַמעריקע ביי אַ זאַטן טיש אַגיטירט איר פאַר די „סאָוועטישע גליקן", כאַפּט כאָטש אַ קוק, שפּיגלט זיך אָן און זעט אייער געזיכט אין שיין פון יענער זייט פאָרהאַנג...

מיט י. יאַנקעלעוויטש'ן בין איך גאָר נאָענט באַקאַנט און באַפריינדעט געוואָרן אין אָדעס, אין יאָר 1930. מיר האָבן ביידע געלערנט אין דעם ליטעראַרישן פאַקולטעט פון דעם אָדעסער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. אין דעם יאָר 1932, האָבן מיר צוזאַמען פאַרענדיקט דעם אינסטיטוט. איך בין אַוועק קיין בירא־בידזשאַן, און ער איז אַוועק קיין ראַשקאָוו. מער האָב איך אים שוין קיינמאָל ניט געזען. איך האָב אָבער פיל געהערט פון אים ביז דעם יאָר 1937. קלאַנגען זיינען וועגן אים אומגעגאַנגען, אַז ער וואַקסט און „פליט" גאָר הויך... און זיינע לידער און אַרטיקלען זיינען דאַן געווען געדרוקט צו־אָפּט און צו־פיל... זיין פּראָזע, די אַרטיקלען, זיינען געווען אָן טעם, רויע, אָנפאַנגערישע און, די הויפּט־זאַך, באַנאַלע, ווי עפּעס אַ מין ביליקע איבערזעצונג פון דער „פּראַוודאַ". אָבער דאָך איז דאָס געווען י. יאַנקעלעוויטש, דער פּראָלעטאַרישער שרייבער!...

און פּלוצלונג האָט מען זיך דערוואוסט, אַז דאָס בחורל, וועלכער איז „געפלויגן" אַזוי הויך, ער, יאַנקעלעוויטש, איז אַראָפּגעפאַלן און „איינגעזונקן" געוואָרן אין דער ערד... און קיינער, קיינער ווייסט פון זיין געביין...

דער גורל פון חיים גילדין:

דער אמת'ער פּראָלעטאַרישער דיכטער

אויב מ'קעןריידן וועגן אַ „סאָציאַלער" באַשטעלונג אין דער ליטעראַטור און קונסט, אויב מ'קען צעטיילן די שעפער פון שיינעם וואָרט אויף פּראָלעטאַרישע און סתם שרייבער, דאַרף מען אָנווייזן, אַז ח. גילדין איז

נאָך ערב דער באָלשעוויסטישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע געווען אַ פּראָלע־טאַרישער שרייבער און אַלץ, וואָס ער האָט געשאַפן אין פּאָעזיע און אין פּראָזע איז געווען איין גרויסע „סאָציאַלע באַשטעלונג". אָבער, וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלער אונטערשייד איז געווען פון אים ביז די פּראָלעטאַרישע שרייבער פון סאָוועטן־רוסלאַנד !

ער, חיים גילדין, איז דאָך געווען אַ דור־דורותדיקער פּראָלעטאַריער, אַ שוסטער לויטן פאַך און אַ דיכטער לויטן בארוף. אין זיינע לידער און אין זיינע דערציילונגען פילט זיך די „סאָציאַלע באַשטעלונג". נאָר דאָס איז ניט קיין באַשטעלונג פון אויבן, לויט אַ באַפעל פון דער מאַכט. ער שרייבט ניט אַזוי, ווי אַלע סאָוועטישע שרייבער, ווייל מ'מוז אַזוי. חיים גילדי'נס סאָציאַלע באַשטעלונג קומט פון אינערלעך איבערגעלעבטער, אויסגעוואויטיקטער און פולשטענדיק באַוואוסטזיניקער אָריענטאַציע אויפן אַרבעטער־קלאַס, פון וואַנען ער אַליין שטאַמט. ער קען אַנדערש ניט זינגען און אַנדערש ניט שרייבן, ווייל צווישן אָרימקייט און נויט איז ער געוואַקסן און ער האָט געוואָלט, אַז די אָרימקייט און נויט זאָל פאַרשוואונדן און עס זאָל זיך אָנהויבן אַ זאַט און גליקלעך לעבן פאַר אַלע מענשן.

איך וויל דאָ ניט שרייבן ח. גילדינ'ס ביאָגראַפיע. איך קלויב זיך אויך איצט, אין דעם פאַל, ניט מאַכן קיין אַנאַליז פון זיינע ווערק. איך באַמי זיך דאָ צו ברענגען אַן אימפּרעסיע, אַן איינדרוק פון מיינע באַגעגענישן מיט אים און צו שילדערן דעם פינצטערן גורל פון אים, דעם שרייבער פון סאָציאַלער געערעכטיקייט. יאָ, זיין פינצטערער גורל, ווייל ערגעץ אין אַ פינצטערן קאַזעמאַט האָבן אים די באָלשעוויקעס פאַרשפּאַרט און קיינער ווייסט אַפילו ניט וואו זיין געביין געפינט זיך. — אָט דאָס האָט ח. גילדין באַקומען אַ לוין פאַר זיין געטריישאַפט, איבערגעגעבנקייט און אַקטיווער קאָמוניסטישער טעטיקייט. מיט פינצטערער תפיסה האָט מען אים אָפּגע־צאָלט פאַר זיין גוטס, וואָס ער האָט געטאָן.

איך ווייס, אַז עס וועלן זיך געפינען מענשן, וואָס וועלן זאָגן :

— עט, אומזיסט זעצט מען ניט איין אין סאָוועטן־רוסלאַנד.

אַנדערע וועלן אַפילו זאָגן, אַז גילדין איז געווען אַ טראָצקיסט, און דריטע וועלן זאָגן, אַז מ'האָט אים געמסורט.

איך וויל דאָ געבן אַן ענטפער אויף די דריי פראַגן : ערשטנס, איז דער מנהג אין רוסלאַנד אַזאַ, אַז דווקא דעם וועמען מ'ווייסט, אַז ער איז פאַרמישט, ער האָט עפּעס אויף זיך אַ זינד, אָט דעם איילט מען זיך ניט צו ליקווידירן... (ליקווידירן הייסט אין דעם באָלשעוויסטישן רוסלאַנד ש י ס ן און אַמאָל אויך פ אַ ר ש י ק ן). ווי אַ ראיה, פיל געוועזענע, אָפענע קעגנער פון סאָוועטן־מאַכט דרייען זיך אום ביזן היינטיקן טאָג פרייע איבער מאָסקווער גאַסן און זיי שפּילן איצט די ראָלע פון די בעסטע

קאָמוניסטן. פאַרקערט, דעם איבערגעגעבענעם קאָמוניסט, גראַד דעם, וועלכער איז מיט לייב און לעבן געטריי דער סאָוועטן־מאַכט, נאָר מ'האָט אויף אים אַ חשד, אַז ער איז ניט אויפריכטיק, אָט פאַר אַזאַ איינעם האָבן די סאָוועטן מורא. איז טאַקע בעסער אַזאַ איינעם צו באַזייטיקן איידער איבערטראַכטן און מורא האָבן, אַז זיין געטרייִשאַפט איז אַ פאַרשטעלטע. יאָ, די באָלשעוויקעס האַלטן זיך פעסט פאַרן שפּריכוואָרט: „היט אונז גאָט פון פריינט, פון פיינט וועלן מיר שוין אַליין ווי אַזוי זיך היטן". און אַזוי אַרום פירן זיי אַזאַ פּאָליטיק, אַז זיי פאַרוואַנדלען טאָג־טעגלעך גוטע פריינט און פאַרביטערטע פיינט.

צווייטנס, איך קען דאָ זאָגן מיט דער פולער זיכערקייט, אַז חיים גילדין איז קיינמאָל קיין טראָצקיסט ניט געווען. פאַרקערט, ער איז גאָר געווען אַ שאַרפער קעגנער פון טראָצקיזם. נאָר איצט לאָמיר דענקען לאָגיש, אַזוי ווי עס דענקען פרייע מענטשן פון אַ פרייער דעמאָקראַטישער מדינה ווי אַמע־ריקע. לאָמיר דענקען אין אַ פאַרקערטע ריכטונג ווי עס מוז דענקען אַ סאָוועטישער מענטש, און דאַן וועלן מיר מיט פאַרדראָס און פאַרוואורף זאָגן: „און אַז איינער וויל זיין אַ טראָצקיסט איז וואָס קומט אים?"... שוין־זשע טאָר טאַקע קיין מענטש, דאָרט, אין דעם לאַנד פון „סאָציאַליזם", ניט האָבן קיין אייגענע מיינונג, קיין זעלבסטשטענדיקע וועלט־אַנשויאונג; שוין־זשע מוז דאָס פּינטעלע איד אָפּגעווישט ווערן און פאַר מיר דאַרפן דענקן און זאָרגן די פירער?... איך מיין, אַז בעסער איז שוין די סיסטעם פון דער אַמעריקאַנער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, וואו דאָס פּינטעלע איד גייט ניט פאַרלוירן און וואו פון דעם פּינטעלע איד קענען אויסוואַקסן פערזענ־לעכקייטן מיט אייגנאַרטיקע פּאָליטישע און הומאַניטאַרע וועלט־אַנשויאונגען.

דריטנס, כדי צו מסורן אַ מענטשן, מוז דער מענטש האָבן אָפּגעטאָן אַ גרויסן געהיימען פאַרברעכן, און אויב דער מענטש האָט ניט קיין געהיימען פאַרברעכן, קען דער סאָוו.־מאַכט און דער קאָמ.־פּאַרטיי, איז דאָך ניטאָ וואָס צו מסורן. אין דעם פאַל האָט חיים גילדין קיין שום פאַרברעך קעגן דער סאָוועטן־מאַכט און איר פּאַרטיי ניט געהאַט, און עס איז אים ניט געווען וואָס צו מסורן... און דאָך האָט מען אים געמסורט. ווייל די סיסטעם איז אין יענעם לאַנד אַזאַ, אַז מען האָט צעקריגט און אָנגערייצט איין מענטשן אויפן אַנדערן און מ'האָט געצוואונגען, אַז איין מענטש זאָל אויפן אַנדערן זאָגן וואָס אין דער קאָרט... באַווייזן? — מ'דאַרף דאָרט קיין שום באַווייזן ניט. איינער דעם אַנדערן מסורט און דער סוף איז, אַז ביידע זיצן!... ניט אומזיסט גייט דאָך אום אין רוסלאַנד אַזאַ ווערטל: „טאָט ניע גראַזשדאַנין, קטאָ ניע סידעל" — „דער איז ניט קיין בירגער, ווער עס איז ניט געזעסן".

נו, איז דאָך טאַקע ניט קיין חריפות, וואָס גראַד דעם געטרייען

באָלשעוויק, דעם פּראָלעטאַרישן דיכטער חיים גילדין האָט מען אָן אַ שום פּאַרוואָס איינגעזעצט אין תפיסה.

מיר איז אויסגעקומען מיט ח. גילדינ'ען נענטער זיך באַקענען אין דעם יאָר 1927. דאַן איז די סאָוועטישע ליטעראַטור געווען צוטיילט אויף צוויי לאַגערן, מיט צוויי שרייבער־פּאַרבאַנדן און מיט צוויי ריכטונגען: אַ סאָוועטישע און אַ פּראָלעטאַרישע. זיין אַ סאָוועטישער שרייבער האָט דאַן געהייסן זיין אַ מין באַלעבאַטישער שרייבער. און די פּראָלעטאַרישע שרייבער, זיי זיינען דאָס געווען דאָס אויבערשטע פון שטיסל. אין דער שטאָט כאַרקאָוו איז דאַן דערשינען אַ ליטעראַריש־קינסטלערישער מאָנאַט־זשורנאַל „די רויטע וועלט" און אין קיעוו איז דערשינען אַזאַ ענלעכער זשורנאַל מיטן נאָמען „פּראָליט" (פּראָליטאַרישע ליטעראַטור). חיים גילדין איז געווען איינער פון די רעדאַקטאָרן פון „פּראָליט" און אין זשורנאַל. מיטן אַנדערן האָבן געפירט אַ „פּאַרביטערטן" אידעאָלאָגישן קאַמף. גראָד צו יענער צייט האָט זיך אין דער „רויטער וועלט" אָנגעהויבן דרוקן מיין גרויסע דערציילונג, אַ שילדערונג פון דעם נייעם סאָוועטישן לעבנס־שטייגער אונטערן נאָמען „מ יי ן ה יי נ ט". אין דער צייטונג קיעווער „שטערן" האָט מען וועגן דער דערציילונג געשריבן אַ פּאָר גוטע ווערטער. איז געקומען דער „פּראָליט" און האָט געגעבן אַ רעצענזיע אויף מיין דערציילונג און זי אָראָפּגעריסן. מ'האָט אין „פּראָליט" געשריבן, אַז „מיין היינט" איז אַ שונד־שטיק און איך, דער אווטאָר פון „מיין היינט", בין אין „פּראָליט" געקרוינט געוואָרן מיטן נאָמען „שמ"ר'ס אייניקל". שמ"ר איז אין יענער צייט, אין דער יידיש־סאָוועטישער ליטעראַטור, געווען אַ זידל־ און באַליידיקונגס־וואָרט און איך האָב באַשטימט זיך אָפּצורעכענען מיטן רעדאַקטאָר פון „פּראָליט", מיט ח. גילדינ'ען. איך בין פון אָדעס געקומען קיין קיעוו. איך בין אריין אין אָפיס, וואו חיים גילדין האָט געאַרבעט, און זיך צעשריען:

— וואָס האָט איר געהאַט צו מיר? פּאַרוואָס האָט איר מיך געקרוינט מיטן נאָמען „שמ"ר'ס אייניקל"?... איך בין דאָך אַן אַרבעטער, אַ פּראָלע־טאַריער, פּונקט אַזאַ ווי איר!... איך האָב געמאַכט מיינע ערשטע טריט אין דער ליטעראַטור און איר האָט מיר אונטערגעהאַקט מיינע פיס!...

דערביי האָב איך געקלאַפּט אין טיש און געמאַכט אַזוינע געוואַלדן, אַז מען איז זיך צונויפגעלאָפן פון אַלע צימערן זען „ווער וועמען עס שלאָגט".

און חיים גילידין איז געזעסן אַ רואיקער גלייך ווי ניט אים מיינט מען, און האָט גוטמוטיק געשמייכלט, דערנאָך האָט ער מיט זיין הייזע־ריק קול צו מיר געזאָגט:

— איר האָט רעכט. און איך וויל זיך אַנטשולדיקן פאַר אייך. ווען

אייער דערציילונג איז געווען געדרוקט אין דער „רויטער וועלט" האָבן מיר ניט געוואוסט ווער איר זייט. לויטן סטיל פון שרייבן האָבן מיר זיך פאַרגעשטעלט, אַז דאָס מוז זיין אַן עלטערער מענש, עפּעס אַ ייד מיט אַ באָרד און מיר האָבן דאָך אונזערע חשבונות מיט דער באַלעבאַטישער „רויטער וועלט", האָבן מיר אייך אויסגענוצט כדי אַראָפּצורייסן דעם אויטאָריטעט פון דער „רויטער וועלט". אָבער איצט, ווען איך זע, אַז עס שטייט פאַר מיר אַ יינגל, אַ בחור'ל פון אַ יאָר צוויי־דריי און צוואַנציק און דערצו נאָך אונזערער אַן אַרבעטער, אַ פּראָלעטאַריער, בעט איך טאַקע מיר פאַרצייען. איך וועל אַלץ טאָן, כדי פון אייך צונעמען דעם שעדלעכן צונאָמען „שמ"ר'ס אייניקל", און איך בעט אייך זער, שרייבט ניט מער אין דער „רויטער וועלט". וואָס איר האָט, דאַרפט איר צו אונז שיקן..."

דאָס אַלעס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן אַזוי ערנסט און אויפריכטיק, אַז איך האָב זיך געמוזט איבערבעטן מיט גילדינ'ען. וואָס פאַר אַ מיטלען ח. גילדין האָט אָנגענומען ווייס איך ניט ביזן היינטיקן טאָג. איך ווייס נאָר, אַז ווען איך בין געקומען צוריק קיין אָדעס, האָט מיך שוין מער קיינער ניט גערופן „שמ"ר'ס אייניקל".

גאָר גיך האָט מען אָפּגעשאַפן די פּראָלעטאַרישע שרייבער־פאַראיינען מיט זייערע זשורנאַלן. פאַר אַלע שרייבער איז געבליבן איין נאָמען: סאָוועטישע שרייבער. דווקא די אַזוי־גערופענע לינקע, די פּראָלעטאַריער האָבן פאַרשפּילט דעם קאַמף. פון אויבן, פון די לויכטנדע פּאַרטיי־פענצטער איז אַרויס אַן אוקאַז, אַז דאָס וואָרט „סאָוועט" נעמט שוין אין זיך אַריין דאָס וואָרט „פּראָלעטאַריער" און דערום וועט מען ניט דולדן מער דעם קאַמף פון די פּראָלעטאַרישע שרייבער קעגן די סאָוועטישע...

איז אפשר האָט מען זיך אין 1937 געכאַפּט, אַז חיים גילדין איז געווען איינער פון די פירער פון די „פּראָלעטאַרישע שרייבער" און דערפאַר האָט מען אים איינגעזעצט אין תפיסה?... — איך מיין, אַז דאָס איז גאָר אַ קליינער תירוץ און אוודאי אַ קליינער פאַרברעך כדי מ'זאָל אַ מענשן, אַ שרייבער צוברעכן זיין לעבן, זיין נשמה און אים פאַרניכטן !...

אַ שטיק צייט איז חיים גילדין געווען פּרעזידענט פון דער ייד־סעקציע אין אוקראַינע. ער האָט לאַנג דעם אמט פון די יידישע סאָוועטישע שרייבער אָנהאַלטן ניט געקענט צוליב זיין אויפגערעגטקייט און זיין גרויסן זיך מיט זיין פּראָלעטאַרישן אָפּשטאַם. אים האָבן פאַרביטן יינגערע, מער צוגעפּאַסטע צו די באַדינגונגען פון חניפה. חיים גילדין איז געווען זער פּראָדוקטיוו אַלס דיכטער און שרייבער, ער איז אויך געווען זער אַקטיוו אַלס פּאַרטיי־מאַן. און דאָך האָט מען דעם גוטן, כאָטש אָפּטמאָל אויפגע־

רעגטן מענשן, דעם בעסטן פריינט פון סאָוועטן־מאכט און דעם ערשטן יידישן סאָוועטיש־פּראָלעטאַרישן דיכטער דערקלערט פאַר אַ פיינט פון סאָוועטישן פאָלק, מ'האָט אים אַרעסטירט און פאַרשיקט ערגעץ־וואו...
מ'האָט אים ליקווידירט.

רוסישע דיכטער־יידן

זייער טראַגישער סוף

אַ כוואַליע פון אַ צעבושעוועטן ים. לעצטע נייעס פון מאָסקווע: מען פאַרפאָלגט דאָרטן שרייבער און קריטיקער פאַר זייער אַנטי־פּאַטריאָטישער, קאָסמאָפּאָליטישער און בורזשואַז־נאַציאָנאַליסטישער אידעאָלאָגיע אין זייער שאַפן און אין זייער אָפּשאַצונג פון אַנדערע שאַפונגען.

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף די נעמען פון די געפּערלעכע „פאַרברע־כער", וועלכע מע וואַרפט נאָך אויך פאָר, אַז זיי זיינען מענשן אָן אַ פאָטער־לאַנד, און איך האָב דערזען, אַז אַלע, אַלע זיינען יידן.

קאַפּריזן פון דער גענעראַל־ליניע: אָט איז זי ווייך ווי אַ נאַסע שמאַטע און אָט איז זי האַרט ווי אַ שטיין.

אין די אויסלאַנדס פּרוואווט מען אויסגעפינען די אורזאַכן, וואָס האָבן געקענט אַרויסרופן אַזאַ באַציאונג צו די רוסישע שרייבער פון יידישן אָפּשטאַם אין יענעם לאַנד, וואָס רופט זיך מיט דעם הייליקן נאָמען: „סאָציאַליסטיש פאָטערלאַנד", מען פּרוואווט אָנווייזן אויף דער ענלעכקייט מיט דעם פאַר היטלער־דייטשלאַנד, ווען דאָרט האָט מען דאָן, אַזוי ווי איצט אין רוסלאַנד, אויך אַרויסגעשטויסן יידן פון זייערע פּאָזיציעס...

אַזאַ מזל האָט שוין דער ייד: מען נוצט אויס זיינע קענטענישן אויף צו שאַפן מאַטעריעלע און קולטורעלע רייכטימער ביז אין אַ באַשטימטער צייט. ווען מען זויגט אויס פון דעם יידן אַלץ, שליידערט מען אים אַרויס.

דאָס האָט פּאַסירט פריער אין פיל לענדער און עס פּאַסירט איצט אין דעם לאַנד פון די סאָוועטן.

די סאָוועטיש־רוסישע ליטעראַטור איז אַנטשטאַנען ביים אָנהויב פון דעם בירגער־קריג, אין די יאָרן 1918־1920. אין אַ צייט פון איבער־קערענישן, ווען טראַגנען האָבן זיך געטרייסלט און די גאַנצע וועלט האָט אַ ציטער־געטאָן פון דעם גרויסן רוסישן פּאַרמעסט אויף אַ סאָציאַלער וועלט־רעוואָלוציע. אין אַזאַ הייסן מאָמענט האָט זיך נאָך ניט געקענט

שאַפן אַ פּראָזע מיט אַ ברייט־צעוויקלטן לייוונט. עס איז געווען נאַטירלעך פאַר יענער צייט דאָס אַנטשטיין פון הונדערטער און הונדערטער ליטע־ראַרישע קרייזלעך אין אַלע שטעט אין רוסלאַנד. אין די קרייזלעך האָבן זיך גרופּירט כמעט אויסשליסלעך נייע „פּאָעטן", וואָס האָבן באַזונגען דעם גרויסן אויפטו, די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד און דאָס שטרעבן צו אַ וועלט־רעוואָלוציע.

עס אזי געווען אַ צייט פון „פּאָעזיע" און „פּאָעטן".

ווען דאָס לעבן האָט זיך אָנגעהויבן איינשטעלן אויף אַ פרידלעכן אופן, זיינען פיל פון יענע „פייער־שטורם" פּאָעטן אָפּגעפאַלן. זייער „פּאָעזיע" איז פאַרגעסן געוואָרן, אָבער די געציילטע טאַלאַנטן זיינען געבליבן און זייערע לידער האָט דאָס פאָלק געזונגען און זינגט נאָך ביזן היינטיקן טאָג.

די נעמען פון די דיכטער ע. באַגריצקי, א. בעזימינסקי און מ. גאָלאָדני ווערן איצט פון קיינעם אין דער סאָוועטיש־רוסישער ליטעראַטור ניט דערמאָנט. אָבער גראָד די דריי יידן, און צוזאַמען מיט זיי נאָך צענדליקער יידן, האָבן געשאַפן די ערשטע סאָוועטיש־פּאָעטישע ווערק און זיי דערהויבן צו אַ קינסטלערישער הויך. א. בעזימינסק'ס בוך לידער „אָקטיאַבער־שטראַלן" (אָקטיאַבערסקיע זאָרי), וואָס איז דערשינען אין די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָלוציע, האָט אַרויסגערופן גרויס אַנערקענונג פון דער סאָוועטיש־רוסישער פּאַרטיי־קריטיק. מיכאל גאָלאָדני'ס לידער־בוך „סוואָי" האָט דאַן געמאַכט אַ גרויסן רושם. חוץ דעם האָבן זיינע לידער „פּאַרטיזאַן זשעליעזניאַק", „טאַטשאַנקאַ" און פיל, פיל אַנדער, זיך אַזוי באַליבט געמאַכט ביי די רוסן, אַז עס איז ניטאָ קיין איין שטאָט און קיין איין דאָרף אין סאָוועט־רוסלאַנד, וואו מען זאָל ניט זינגען די לידער. אָבער פרעגט אַ רוסישן מענטשן, צי ווייסט ער, אַז דער שעפער פון די לידער, וואָס ער זינגט איז אַ ייד ? — וועט ער אייך זאָגן ; ניין, ער ווייסט ניט. ער טאָר דאָס ניט וויסן. פאַר די לעצטע יאָרן ווערן אַרויסגעגעבן זאַמלונגען מיט לידער צום זינגען פאַרן ברייטן געברויך און צום מערסטן טייל ווערן דאָרט ניט דערמאָנט די אויטאָרן פון די לידער.

א. בעזימינסקי איז ניט נאָר אַ גרויסער רוסישער דיכטער, נאָר אויך אַ טאַלאַנטירטער דראַמאַטורג. זיין פּיעסע „דער שאָס„ (ווידסטרעל) איז געשפּילט געוואָרן אין מאָסקווע מיט גרויס דערפּאָלג. אויך די יידישע טעאַטערס פון רוסלאַנד האָבן די פּיעסע געשפּילט. אָבער גאָר גיך האָט מען די זאַך אויסגעשלאָסן פון רעפּערטואַר. דעם גרויסן רעזשיסאָר און אַרטיסט, וועלכער האָט זיין פּיעסע געשטעלט, וו. מייערכבאָלד'ן, אויך אַ ייד, האָט מען פאַר „קאָנטער־רעוואָלוציע" און „סאַבאָטאַזש" אין טעאַטער אַרעסטירט און פאַרניכטעט. פון דעם רוסישן דיכטער א. בעזעמינסקי הערט מען איצט גאָרניט. ער איז אַ ייד און זיין פּלאַץ איז ניט צווישן

רוסן... ניט נאָר שפּילט ער ניט די גרויסע ראָלע ווי אַמאָל, נאָר מען פאַרשווייגט אים.

דאָס זעלבע איז אויך מיט איינעם פון די רוסישע דיכטער, דעם יידן ע. באַגריצקי. זיין פּאָעמע „די טרוימען וועגן אָפּאַנאַס׳ן" (דומא פּראָ אָפּאַנאַסא) האָט אים דערהויבן צום פּיעדעסטאַל פון די גרעסטע רוסישע דיכטער. אָבער אויך אָן אים וויל מען שוין פאַרגעסן.

פון דעם רוסישן דיכטער פּאַסטערנאַק איז דאָך שוין אָפּגערעדט. מען האָט דעם יידן געוואָלט דערהויבן צו אַ קלאַסיקער. אַנשטאָט דעם האָט מען אים דערנידעריקט אַזוי, אַז זיין פילאָזאָפישע, ראָמאַנטישע און סימבאָלישע פּאָעזיע איז דערקלערט געוואָרן פאַר בורזשואַז־שעדלעך, וואָס קאָן ברענגען שאָדן דעם סאָציאַליסטישן פאָטערלאַנד.

וויפיל רוסישע שרייבער זיינען דאָ, וואָס ניט דער לייענער ווייסט ניט, אַז זיי זיינען יידן, נאָר זאָגאַר די קאָלעגן זייערע, די סאָוועטישע שרייבער, ווייסן ניט וועגן דעם. אויך אין די ליטעראַטורן פון אַנדערע סאָוועטישע פעלקער פאַרנעמען יידן דעם אויבן־אָן, אַ שטייגער, ל. פּ ע ר ־ וו אָ מ יי ס ק י אַלס אוקראַאינישער דיכטער און ד ז י א מ י ט ר יי ב י א ד ו ל י ע אַלס וויים־רוסישער שרייבער.

אָט־די אַלע יידן דאַרפן דאָס זיין ניט נאָר גוטע רוסישע שרייבער און דיכטער, נאָר אויך גוטע אויספילער פון דער גענעראַל־פּאַרטיי־ליניע אין דער ליטעראַטור.

און וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די „גענעראַל־ליניע" ?

אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישערפּאַרטיי זיצן אַ פּאָר מענטשן, וואָס זיינען מבינים אויף אַלץ. זיי גיבן באַפעלן : ווי צו פלאַנצן בוימער, ווי אויסצוגראָבן בוריקעס און פּאָטעיטאָס, ווי צו שניידן די האָר פון די שאָף, ווי צו שפּילן אויף באַלאַלאַיקעס. ווי צו זינגען אַריעס און ווי צו שרייבן לידער, אַלץ פאַרשטייען זיי און אַלץ ווייסן זיי. מען מוז טאָן נאָר אַזוי ווי זיי הייסן און ניט אַנדערש.

די „גענעראַל־ליניע" שטעלט מיט זיך אויך פאָר צופעליקע קאַפּריזן און געשמאַקלאָזיקייט פון „הויכע" פערזענלעכקייטן, וואָס שטייען נאָענט צו די מענטשן, וואָס זיצן אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און שאַפן די „גענעראַל־ליניע".

ס׳איז דאָך אַלעמען באַקאַנט דער טרויעריקער סוף פון דעם ערשטן, גרעסטן און באַליבסטן רוסישן נאָוועליסט י. באַבעל (אַן אָדעסער ייד). זיינע נאָוועלן און דערציילונגען וועגן בירגער־קריג האָבן אים געשאַפן אַ גרויסן נאָמען ניט נאָר אין רוסלאַנד, נאָר אויך אין אויסלאַנד. ווער פון אונז האָט דען ניט געלייענט און נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל איבער־געלייענט זיינע גלענצנדע ווערק „זאַלץ" (סאָל), „די רייטער אַרמיי"

(קאנאַיאַ ארמיאַ) און אַנדערע דערציילונגען. האָט זיך גענאָדפּט מאַכן, אַז גראָד ניט עמיצער אַנדערש ווי דער מאַרשאַל סעמיאָן בודיאָנע אַליין, וואָס איז אַזאַ גרויסער „קענער" אין ליטעראַטור, זאָל זאָגן, אַז אים געפעלט ניט באַבעל'ס ווערק... פון דאַן אָן איז אויס באַבעל...

— וואו איז ערגעץ דער ייד, דער גרויסער רוסישער נאָוועלן־שרייבער י. באַבעל ?...

ניטאָ, גלייך ווי ניט געווען !...

און אָט איז אַ פאַל מיט נאָך איינעם פון די גרויסע רוסישע דיכטער. זיין נאָמען איז געווען יוסף אוטקין. ער איז געווען אַ ייד און ער האָט געשריבן אין רוסיש. דאָס איז געווען אַ הויך־געבילדעטער מענש, וואָס האָט געקענט פּערפעקט די רוסישע שפּראַך. ער איז אָבער געווען אַ ייד און האָט אָנגעשריבן אַ פּאָעמע „די ליד וועגן דעם רויטן מאָטעלע" (פּעסניאַ אָ ריזשעם מאָטעלע). די פּאָעמע איז געוואָרן באַליבט ביים רוסישן לייענער. אויסער דער פּאָעמע האָט יוסף אוטקין געשריבן אַלגע־מיינע סאָוועטיש־פּאַטריאָטישע לידער. די קריטיק האָט געלויבט אוטקינ'ען אַלס טאַלאַנט, נאָר האָט דערביי ניט פאַרגעסן צו מאַכן באַמערקונגען, אַז ער קען ניט גוט די רוסישע שפּראַך. קיין גרויס נחת האָט דער דיכטער פון אַזאַ קריטיק ניט געהאַט.

ווען די דייטשן זיינען באַפאַלן רוסלאַנד איז יוסף אוטקין אַוועק אויפן פראָנט. דאָרט האָט ער אַ האַנט פאַרלוירן. געקומען צוריק פון פראָנט איז ער מיט איין האַנט און מיט אַ פולער ברוסט באַהאָנגען מיט מעדאַלן און אָרדנס. ער האָט אין 1944־1945 אָפּגעדרוקט זיינע לידער וועגן פראָנט־לעבן.

אָבער אין „קאָמסאָמאָלסקאַיאַ פּראַוודאַ" אין מאָסקווע איז געזעסן אַ יונגער שייגעץ, וואָס האָט דאָרטן פאַרנומען אַ הויכן אַמט, און דער־פאַר איז ער אויפן פראָנט ניט געגאַנגען. דער שייגעץ האָט „אָפּגעשאַצט" די לידער און האָט געגעבן זיין אורטייל, אַז יוסף איטקין, כאָטש ער איז געווען אויפן פראָנט, ווייסט ניט, וואָס אַ טאַנק איז און זיין רוסישע שפּראַך איז ניט רוסיש...

אָט דער בעזגראַמאָטנער שייגעץ האָט דאָס קריטיקירט אַ מענשן מיט אַ הויכער רוסישער בילדונג. אָט דער־אָ פּייגלינג, וואָס האָט זיך אויסגע־באַהאַלטן אין דער יוגנטלעכער „קאָמסאָמאָלסקאַיאַ פּראַוודאַ" און איז אויפן פראָנט ניט געווען, האָט קריטיקירט אַ יידן, וואָס האָט זיין האַנט פאַרלוירן אויפן פראָנט, ער האָט געשריבן, אַז דער ייד ווייסט ניט, וואָס אויפן פראָנט טוט זיך.

איך האָב געזען יוסף אוטקינ'ען אין טשערנאָוויץ אין 1945. ער איז געשטאַנען אויף די טרעפּ פון פּאַרטיי־קאָמיטעט אין זיין גאַנצער

מיליטערישער יוניפאָרם. אנשטאָט א האַנט, האָט זיך נאָכגעהאָנגען פון זיין מונדיר אַ פּוסטער אַרבל. ער איז געווען פאַרביטערט און צעטראָגן.

— וואָס איז מיט אייך, חבר אוטקין, — האָב איך אים געפרעגט.

— אַנטיסעמיטן !... האָט ער אַ קריץ־געטאָן מיט די ציין — איר האָט געלייענט ווי די „קאָמסאָמאָלסקאַיאַ פּראַוודאַ" האָט מיך צורעכט־געמאַכט ?...

— יאָ, אַנטיסעמיטן !... — האָב איך געזאָגט.

— אוי, אַנטלויפן...

און ער איז אַנטלאָפן פון די באָלשעוויקעס. ער האָט זיך פון אַ יאָגנדיקן צוג אַראָפּגעוואָרפן און דערהרגעט געוואָרן.

אַזוי־אָ, טרויעריק, האָט פאַרענדיקט זיין לעבן איינער פון די בעסטע רוסישער דיכטער יוסף אוטקין.

אמת, עס זיינען נאָך דאָ פיל יידן, וואָס זיינען גרויסע שרייבער און דיכטער פון דער רוסישער ליטעראַטור. יעווגעני דאָלמאַטאָווסקי'ס ליד „די ליבע שטאָט" (ליוביִמי גאָראָד) זינגט מען אין גאַנץ סאָוועטן־רוסלאַנד און אויך אין אויסלאַנד. אָבער איך צווייפל צי עמיצער ווייסט, אַז דאָלמאַטאָווסקי איז אַ ייד. הונדערטער יידן, רוסישע שרייבער, דיכטער, קריטיקער און אַרטיסטן, האָט מען שוין אָנגעהויבן צו פאַרגעסן אין רוסלאַנד. דערווייל זיינען נאָך אויבנאויף אין דער רוסישער ליטעראַטור און פּרעסע צוויי יידן : איליאַ ערנבורג און דוד זאַסלאַווסקי. ווי לאַנג וועלן די יידן נאָך זיין אויבן ? די גענעראַל־ליניע פון דער פּאַרטיי איז ווי אַ ראָד, וואָס האַלט זיך אין איין דרייען. דער וואָס איז געווען אויבן, „אויפן הימל", פאַלט אַראָפּ אונטן, צו דער ערד. און אַז ער פאַלט, טרעט מען אים נאָך צו מיט די פיס.

באַמערקונג פון מחבר:

צוליב טעכנישע סיבות, די הויפּט־זאַך צוליב געלט־מיטלען, וואָס עס פעלן מיר אויס, קען איך איצט ניט פאַרעפנטליכן דעם גרויסן און ביז גאָר וויכטיקן מאַטעריאַל, גאַטיצן און בילדער פון די אַרום צוויי הונדערט נעמען פון אומגעקומענע, פאַרפייניקטע, פאַרשוואונדענע און געשטאָרבענע יידישע „סאָוועטישע" שרייבער, קינסטלער, כלל־טוער, געלערנטע א. א. וו.

ווי אַזוי איך וועל נאָר באַקומען די נויטיקע געלט־מיטלען, אַזוי וועל איך אַרויסלאָזן אַ צווייטן בוך, וועלכער וועט טראָגן דעם זעלבן נאָמען „דער אויפשטאַנד פון די טויטע".

איך וויל האָפן, אַז עס וועלן זיך געוויס געפונען יידן מיט אַ פאַרשטענדעניש און איינזען, פאַר דעם וויכטיקן צוועק.

ה. וו.

דערשינענע ביכער פון דעם זעלבן מחבר:

„אין אויפקום" (אָדעסער דערציילונגען)
פאַרלאַג „עמעס", מאָסקווע, 1932

„טייגע־בערג" (ביראָ־בידזשאַנער נאָוועלע)
„מעלוכע־פאַרלאַג ווייסרוסלאַנד", מינסק 1935

„אַ בריק איבער דער בירע" מינסק, 1936

„דער ערשטער יעגער", מינסק, 1939

„דאָס יינגל פון אַכרימאָווע" (ראָמאַן) מינסק, 1941
(פאַרניכטעט געוואָרן אין דרוקעריי
בעת היטלערס אָנפאַל אויף מינסק).

„גלות־בייערן" (נאָוועלן און סקיצן)
אַרויסגעגעבן דורך דער הנהגה־הראשית פון „הנוער־הציוני"
אין דייטשלאַנד. מינכען 1947

גרייט צום דרוק פון דעם זעלבן מחבר:

„דער אויפשטאַנד פון די טויטע"
(נאָטיצן און בילדער וועגן פאַרשוואונדענע, פאַרפייניקטע און
געשטאָרבענע יידישע שרייבער אין סאָוועט־רוסלאַנד)

„דורך זיבן פייערן" (ראָמאַן וועגן אַ משפחה־לעבן אין רוסלאַנד)

ערשטער בוך: 1917—1904

צווייטער בוך: 1946—1918

„אַ ייד אין דער וועלט" (נאָוועלן און סקיצן)

„אדאמיזים" (פאַמפלעט)